STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03955

GEVEN A MOL A YIDISH LUBLIN

David Aidelman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד איידלמאַן

געווען אַמאָל אַ יידיש לובלין

דוד איידלמאַן

געוועזן א מאל א יידיש לובלין

פאַרלאַג „היכלות"

תל־אביב — 1979

D. AIDELMAN

GEWEN A MOL A IDISH LUBLIN

דוד איידלמאַן / געווען אַמאָל אַ יידיש לובלין

©

נדפס בישראל — תשל״ט

Printed in Israel 1979

דפוס „אור" בע״מ, תל־אביב, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481



ערשטער טייל

לובלינער יידן צווישן פּאַרצייטיקע מויערן און בראַמען ערב דער שוידערלעכער היטלער־מלחמה

אַז דער שטאָט־זייגער אויף דער אַלט־פּאַרצייטיקער קראַקאָווסקאַ בראַמאַ האָט אויסגעשלאָגן די ערשטע פרימאָרגן־שעה, אַזוי האָט אויפגעוואַכט פונעם נאַכט־שלאָף דאָס איבער טויזנט־יאָריקע לובלין, מיט אירע אַמאָליקע מויערן, שלעסער און בראַמען, מיט די פון אַלטקייט צעקרישלטע הייזער וואָס שטעקן אין שמאָלע צעדרייטע געסלעך פון וועלכע עס שלענגלען זיך אַוועק שפּיציק שטיינערנע שאָסייען, באַפּוצטע מיט האַלב־צעבראָכענע טראָטואַרן און פּאַראומרייניקטע רינשטאָקן.

פון אַלע ענגע הויפלעך, פאַרבויטע פּאַציאָטקעס, בוידעם־שטיבלעך און פּייכטע קעלערן לאָזט זיך דעמאָלט אַרויס אין די גאַסן אַריין דאָס יידישע האָרעפּאַשניקייט, איילנדיקע צו די אַרבעטס־פּלעצער, פּאַרקויף־שטעלעס און צום האַנדל־וואַנדל וואָס באַשטייט לרוב פון ווינט־געשעפטן פון וועלכע מען פאַרדינט קוים וואַסער אויף קאַשע און וואָס פאַרשאַפן געגנוג קאָפּ־דאַרעניש.

געווען איז עס אין די ביטערע צייטן פאַר יידן. דעמאָלט ווען די יידן־פיינטלעכע „ענדעקעס" האָבן פראַנק און פריי געווילדעוועט אויף די לובלינער גאַסן, אויסשרייענדיק זייער האַס און שנאה צום ייד וואָס זיצט אויף דער היילוקער פּוילישער ערד און טוט אין זיך אַריינאָטעמען די טייערע פּוילישע לופט. עס איז געווען אין דער צייט, ווען אַנטיסעמיטישע שקצים, ברייטפּלייציקע און באַוואָפנט מיט מעסערס און שפּיצרוטן, זענען

ווי פּיקעטן געשטאַנען פֿאַר די ײדישע געשעפֿטן און האָבן נישט אַרײַנ־געלאָזט אַהין קײן קריסטלעכע קונים. זײ האָבן געטראָגן שילדלעך מיט שרײַענדיקע אותיות: „ניע קופּאווי או זשידאַ" און „סוואוי דאָ סוואגאָ". די לובלינער גוײם, ײדן־שונאים וואָס זענען געווען אַ סך אין צאָל, האָבן נישט צוגעלאָזט קײן ײדן צו עפֿנטלעכע אַרבעטן, צו שטאָטישע אַמטן, געהעצט צו פּאָגראָמען און געשלאָגן ײדן אין נאָמען פֿון זײער געטשל. דער דלות האָט געפּײַפֿט אין אַלע ווינקלען פֿון ײדישן לובלין מיט אירע קלײן־קרעמער, בעלי־מלאכות, גאַסן־הענדלער און סתם ײדן, וואָס האָבן געלעבט פֿון האַנט אין מויל, געווען תמיד אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה און אָן אַ שטיקל האָפֿענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן...

צווישן די קרוב פֿופֿציק טויזנט לובלינער ײדן האָבן זיך בסך הכל געפֿונען אַ פּאָר גבירים, ווי די לעדער־פֿאַבריקאַנטן שמואל אײכנבוים, פּסח בריקמאַן, לײזער דוד זילבערשטײן, דער בראָנפֿן־פֿאַבריקאַנט הערשל זילבער און נאָך אַ צוויי דרײַ רײַכע לײַט, וואָס האָבן דורך מי און נישט קוקנדיק אויף דער שלעכטער צײַט זיך אַרויפֿגעאַרבעט צו אַ היפּש פֿאַרמעגן. געווען אויך נישט ווייניק ײדישע קרעמער און כאַלופּניקעס באַלאַסטעט ביז איבערן קאָפּ מיט שטײַערן און אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט גויאישע קאָנקורענטן, וואָס האָבן אויף אַ געמײנעם אופֿן אַרויסגעריסן דעם ביסן פֿון מויל און פֿאַראורזאַכט אַ ביטערע אַרבעטסלאָזיקייט צווישן דער ײדישער באַפֿעלקערונג. עס שטייט נאָך פֿאַר די אויגן די מחנה פֿון נישט־דערעסענע אַרבעטסלאָזע שוסטערס, שנײַדערס, סטאָלערס, קירזש־נערס, בײַטל־מאַכער און אַנדערע פֿאַכמענער, וועמענס בלײכע פּנימער און דאַרע האַלב־געהויקערטע פּלײצעס האָבן עדות געזאָגט וועגן הונגעריקע טעג און אומרויִקע קאַשמאַרע נעכט. זײ די לײדיק־גײערישע יונגעלײט פֿלעגן זיך גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אַרומשלײַאַנדערן איבער די ענגע גאַסן פֿון ײדישן לובלין זוכנדיק עפּעס פֿאַרדינען כדי צו קענען אויסהאַלטן ביזן יאַר־סעזאָן, וואָס האָט זיך אַממייסטן געשטעלט האַרט פֿאַר יום־טוב און זיך פֿאַרענדיקט גלײַך נאָכדעם.

נאָך זע איך פאַר זיך דאָס יידישע סוחרישע לובלין, די קאָוואַלסקע גאַס מיט אירע לעדער־געשעפטן, די נאָווא־גאַס מיט די טאַנדעטניקעס, די לובאַרטאָווסקע מיט אירע געשעפטן פון שניט, געפעסן, שפּייז־דעליקאַ־טעסן, די אַלע מעקלער, ווינקל־אַדוואָקאַטן, ביוראַליסטן און מענטשן פון אַנדערע מיני פרייע פּראָפעסיעס, וועלכע האָבן זיך געבויגן אונטער דער לאַסט פון הויכע שטייערן און די פּראָטעסטירטע וועקסלען, וואָס האָבן זיך ביי יעדן איינעם אָנגעזאַמלט אין פּעק.

איך געדענק גאַנץ גוט דאָס יידישע לובלין אין די שנייִקע ווינטער־טעג, ווען איבער די גאַסן און געסלעך, שעראָקע, רוסקע, קראַוויעצקע, יאַטקע־געסל, אונטערן לאַזער און אין די שמאָלע געסעלעך וואָס אַרום דעם שלאָס־באַרג איז אַראָפּגעהאָנגען אַ מרה־שחורדיקער בלייענער הימל און דערביי האָט עס אַ געשנייעט אַ גערעגנט אָנברענגענדיק אַזוי אַרום אַ פּוילן בלאָטיקן וועטער פון וואָס עס איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויף דער נשמה און וואָס האָט נאָך פאַרערגערט די לאַגע פון די יידישע אָרעמע האָרעפּאַשניקעס. אויף זיי האָבן די פּוילישע אַנטיסעמיטן, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, געטראָגן אַ בייז אויג נאָר איינצושלינגען, אָפּווישן זיי פון פּוילנס ערד־אויבערפלאַך און פון דער דאָזיקער נויט האָט זיך ווי דורך פאַרבאָרגענע ליכט־קוואַלן אַרויסגעריסן אַ שטראַלנדיק יידיש לעבן מיט ישיבות און חדרים, שולן, בתי־מדרשים, אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען, אינסטיטוציעס און וווילטעטיקע געזעלשאַפטן וואָס האָבן געזאָרגט פאַר דערהאַלטן דעם יידישן גייסט, נישט לאָזן אים פאַלן אין דער נויט און ווי וווייט מעגלעך פאַרזעצן דעם יידישן המשך.

און אינצווישן די דאָזיקע ערב־מלחמה־יאָרן, ווען דער אב אבי הטמאה־היטלער ימח שמו, האָט זיינע נאַצישע געהילפן געגרייט צו אַ וועלט־מלחמה און צו דער טאָטאַלער יידישער אויסראָטונג, האָבן דעמאָלט לובלינער יידן, נישט פאַראויסזעענדיק דעם זיך אָנרוקנדן חורבן געשפּרייזט נעבן די אַלט פאַרצייטיקע מויערן און בראַמען, וואָס האָבן געפירט צום „רינעק״ דאָרטן אַהין ווו עס האָבן זיך געקרייציקט די אַמאָליקע פעסטונגס־הויפן.

דאָרט האָט זיך אויפגעהאַלטן די פוילישע שליאַכטע מיט אירע געפּאַנצערטע ריטער, וואָס האָבן געפירט מלחמות, געמאַכט אויפשטאַנדן און זיך אויך באַעפסטיקט הינטער די דיקע מויערן פון שלאָס, וואָס דינט היינט צו טאָג פאַר אַ תפיסה. אויפן „רינעק” צווישן די אַלטע מאַסיווע הייזער מיט די געוועלבטע געזימסן, וואָס האָבן געשטעקט אין שמאָלע געסלעך באַ־זיימטע מיט אַלט־פּאַרצייטיקע געטשן און אויסגעפּלאַסטערט מיט שפּיציקע שטיינער, האָט זיך צווישן אַנדערע אויפגעהאַלטן די יידישע קהילה מיטן יתומים־הויז, מיטן יידישן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון פּאָפּולערן דירעקטאָר טראַכטענבערג, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דער פאַראיין פון די לינקע פּועלי־ציון (גערופן דאָס „קיכל”) און אויך דאָס פריילעכע הייזל פון שמאַי אלפאַנס.. ער איז דאָס געווען דער שפּעטערדיקער „קיסר” פון לובלינער געטאָ, וואָס האָט ווילנדיק נישט־ווילנדיק געהאַט אַ חלק אין דער אויסראָטונג פון די לובלינער יידן, און אויך יידן, וואָס זענען דורך די היטלערישע רוצחים געבראַכט געוואָרן אַהער פון גאַנצן אַרום.

דער „רינעק” וואָס איז אַמיינסטנס באַוווינט געוואָרן דורך יידן, איז געווען דער טויער צום גויישקן לובלין, מיט די ברייטע ליכטיקע גאַסן און צאָלרייכע געשעפטן, פאַרוויילונגס־ערטער, קלויסטערס און שטאַטישע אַמטן. אין די גאַסן האָבן יידן נישט געהאַט קיין דריסת הרגל צוליב דער שנאה צו אַלץ וואָס איז געווען יידיש. אינעם גויישקן לובלין האָט זיך אויך געפונען דער רחבותדיקער שטאַטישער גאָרטן מיט זיינע אַלייען און בענק וואָס האָבן פאַרבעטן צו זיצן אונטערן שאָטן פון די בוימער נעבן בלומען־בייטן. אַהין האָבן זיך אין די שבתים און ימים טובים געלאָזט גיין יידישע יינגלעך און מיידלעך, ווי אויך עלטערע לייט, כדי צו שעפּן אַ ביסל ריינע פרישע לופט פון גאָרטן און צוגלייך געניסן פון דער אַרומיקער שיינקייט.

נאָר די כוליגאַנישע שקצים, אָנגעזאָפּט מיטן האַס צו יידן, האָבן נישט פאַרגינען דאָס „גליק”. זיי זענען מיט מעסערס און אייזערנע דרענגער נישט איינמאָל באַפאַלן די יידן, שלאָגנדיק זיי אָן רחמנות ביז בלוט און ביז עס זענען די געשלאָגענע נישט אַנטלאָפן פון גאָרטן אין איילקער בהלה,

איבערלאָזנדיק די מאַנטלען, די טאַשן מיט די זון־שירמעס און אַנדערע חפצים. צווישן די אָנפאַלער האָבן זיך געפונען סטודענטן פון דערנעבנדיקן קאַטוילישן אוניווערזיטעט, קיילער־יונגען, מולער שקצים און אַנדערע עלעמענטן, אָנגעהעריקע צו דער ענדעקישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט איר שנאה צו יידן.

אויפן „רינעק" האָבן זיך אויפגעהאַלטן פּאַראַדעמטע פּריצים, מאַגיס־טראַט־באַאַמטע, פּענסיאָנירטע מיליטער־לייט, גאַסן־זינגער, אָפּגעפּאַרענע סוחרים און אויך דער פּאַרעלטערטער מאַטשאַרניק הערמאַן, מיט זיינע שוין נישט יונגע „נקבות", אויף וועלכע מען האָט געזאָגט, אַז זיי שטאַמען נאָך פון צאַר ניקאָלאַיס צייטן און אַז זיי האָבן נאָך „געאַרבעט" פּאַר דער חברה „כוח־גייער", די אַמאָליקע ווילע יונגען פון לובלין פּאַר וועמען עס האָבן געציטערט קינד און קייט.

אויפן רינעק האָט זיך געפונען דער קריסטלעכער שילער־סעמינאַר, וואָס האָט צוגעגרייט גייסטלעכע פּאַר די קלויסטערס און וועמענס לערנער האָבן נישט איינמאָל באַוואָרפן מיט שטיינער יידישע פאַרבייגייער. זיי האָבן אויך איינגעאָרדנט אין די אָנהויב־יאָרן פון פּוילנס באַפרייונג שילער־אָנגעלויפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אין יענע יאָרן שווער געראַנגלט פּאַר דער עקזיסטענץ.

דאָס לובלינער יידישע טעאַטער, אונטער דער לייטונג פון שמואל טראַכטענבערג, וואָס האָט געשפּילט אינעם „פּאַנטעאָן", האָט געהאַט גוטע און שלעכטע צייטן. אויף אירע בינע־ברעטער זענען אויפגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג באַרימטע יידישע אַקטיארן און אַקטריסעס, גאַסטראָלערן פון ענגלאַנד, אַמעריקע, פון בריסל, פּאַריז און אויך היימישע אַרטיסטן פון וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג און קראָקע. זיי האָבן אויפגעפירט פּיעסן פון גאָלדפאַדען, גאָרדין, פּרץ הירשביין און פון אַנדערע יידישע טעאַטער־מחברים.

לובלינער יידן האָבן אויך געהאַט די זכיה צו הערן אַזעלכע פּערזענלעכ־קייטן ווי זשאַבאָטינסקי, נחום סאָקאָלאָוו, חיים ווייצמאַן, נח פּרילוצקי,

מאיר גראַסמאַן, וויקטאָר אַלטער, העןריק ערליך, די שרײבער שלום אַש, זלמן שניאור, אברהם רײזין, זלמן סעגאַלאָוויטש, יהושע פּערלע, סטופּניצקי, פּרישמאַן, אײנהאָרן און אויך די יידישע סײם־דעפּוטאַטן ד״ר יהושע טהאָן, י. גרינבױם, ראָזמאַרין, לײבל מינצבערג און אַנדערע טוער, וועלכע האָבן מוטיק געקעמפּט קעגן אַנטיסעמיטיזם.

לובלינער יידן זענען געווען גרויסע אָנהענגער פון יידישן טעאַטער. ווי געטרײַע טעאַטער־באַזוכער האָבן זײ נישט דורכגעלאָזט קײן אײן יידישע פּאָרשטעלונג און האָבן אויך אויף גיך זיך אויסגעלערנט די אַלע שלאָגער־לידלעך, אויסזינגענדיק זײ בײַם געררויש פון מאַשינען, בײַ די געדעקטע חתונה־טישן, אויף בריתן און אויף אַנדערע יידישע שמחות.

צווישן די סטאַבילע באַזוכער פון יידישן טעאַטער איז געווען הערמאַן דער „מאַטשאָרניק״ מיט זײַנע „כּלות״ און זײַן פּאַך־קאָלעגע שמאי אַלפאַנס מיט זײַן מעטרעסע גאָלדע מאַלי, וואָס האָט אים געטרײַ געפּירט דאָס „פּרײלעכע הײזל״. דאָס דאָזיקע הײזל האָט זיך מעשה פלא געפונען אין קעלער פון אַמאָליקן טריבונאַל, דאָרטן וווּ עס זענען אויסגעפירט געוואָרן די עקזעקוציעס איבער די פאַרמשפּטע, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן דער מאַכט. בײדע „חתנים״ מיט זײערע „כּלות״ זענען תמיד געזעסן אויף די ערשטע בענק זײענדיק אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניק.

אײנמאָל, בעת דער באַוווסטער קאָמיקער יצחק פעלד, וואָס איז אַלײן געווען אַ לובלינער, איז אויפגעטרעטן אין טעאַטער מיט זײַן שלאָגעריש לידל וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

מײַן ווײַב קומט באַלד אַרײַן
זי האָט אַ פּיסק
זי עסט און שלינגט מיך אײַן
זי שטאַמט פון בריסק

האָט זיך דעמאָלט הערמאַן פון גרויס התפעלות געגעבן אַ שטעל אויף מיט זיין גאַנצער הויך און אַ זאָג געטאָן צו זיינע „כלות״:

— „דאָס מיינט מען נישט קיינעם נאָר אייך הורישע מיידן״ — און איז דאָס געווען ווייניק האָט זיי דער „חתן״ מכבד געווען דערצו מיט אַזאַ זאָג:

— עס זאָל אַ רוח אין ענקער טאַטנס טאַטן אַריין, מיט דער טאַמען פאַרבראָקט.

דעמאָלט האָט זיך הערמאַנס עלטסטע „כלה״ גוטשע, וועלכע איז געווען אַ בריסקערין, אויך געגעבן אַ שטעל אויף און אים צוריק דערלאַנגט אַזאַ ענטפער:

— די צונג זאָל דיר אָפּדאַרן פאַרן דאָזיקן זאָג, אַלטער מאַטשאַרניק.

הערמאַנס „כלות״ האָבן אַלס פּראָטעסט פאַרלאָזט דאָס טעאַטער און זענען אַ לענגערע צייט נישט אַרויס אויף דער „בוקעטע״ — דאָס הייסט אויף דער גראָדסקי גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויסביידע פאַרצייטיקע בראַמען, מיטן אַלטן רינעק איינגעשלאָסן.

דער דירעקטאָר, שמואל טראַכטענבערג, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיטן דעמאָלסטיקן יידישן טעאַטער־וועלטל און האָט אויך געהאַט אַ דריסת הרגל אין שטאָטישן מאַגיסטראַט, ווו ער האָט אונטערגעהאַנדלט מיט די באַאַמטע לטובת די פאָרשטעלונגען, האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו האַלטן פאַטעטישע רעדעס איידער עס האָט זיך אויפגעהויבן דער פוירהאַנג, אַריינמישנדיק כסדר דאָס ווערטל „חשובער עולם״.

האָט זיך איינמאָל בעתן אויפטריט פון וואַרשעווער יידישן „יונג־טעאַטער״ געטראָפן מיט אים אַזאַ געשיכטע: ווי תמיד, האָט ער אויך איצט פאַרן אויפהויבן פון דעם פוירהאַנג אָנגעהויבן די רעדע מיטן „חשובער עולם״ און גלייך דערויף קומט אָן צו לויפן אין איין אָטעם דער סדרן מיט אַ געוואַלד: „הער דירעקטאָר, אין טעאַטער אַריין האָט זיך מיט כוח אַריינגעריסן אַ באַנדע ווילע יונגען״. טראַכטענבערג, וואָס גייט ווייטער

אָן מיט זיין „חשובער עולם״ ווערט איבערגעריסן דורכן סדרן, וועלכער לאָזט אים נישט אָפּ:

— וואָס הייסט איר טאָן ה„דירעקטאָר״?

קלערט נישט טראַכטענבערג קיין סך און טוט אַ זאָג צום סדרן בזה הלשון:

— אַ קאָפּע אין „תחת״ אַריין „חשובער עולם״.

דער חשובער עולם פון זיין זייט האָט גלייך דערויף אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ לאַנג־דויערנדן הילכיקן געלעכטער פון וואָס ער, טראַכטענבערג, איז געוואָרן געפּלעפט און אָן צו זאָגן ווייטער אַ וואָרט איז ער אַראָפּ פון דער בינע אַ פאַרשעמטער.

שפּעטער איז דער „פאַנטעאָן״ וואָס האָט יאָרן־לאַנג געדינט דעם יידישן טעאַטער געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ ביליק קינאָ און טראַכטנבערג וועלנדיק אויפהאַלטן דאָס טעאַטער־שפּיל פאַר יעדן פּרייז, האָט זיך געמוזט באַגנוגנען מיט נישט געהויבענע טעאַטער־אַנסאַמבלען, וואָס האָבן, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער לשון, אָפּט געשפּילט ביי נישט אויספאַרקויפטע הייזער.

ווי געזאָגט האָט דער רינעק מיט איר באַרגיקער הויפּט־גאַס, די גראָדזקע, וואָס איז געלעגן צווישן דער קראַקאָווסקער בראַמע און דער בראַמאַ זאַסראַנאַ (דער אַזוי גערופענע פאַרקאַקטע בראַם) מיט זיך פאַרגעשטעלט די גאַנצע פאַרצייטישקייט פון דער שטאָט מיט איר איבער טויזנט־יאָריקער געשיכטע. אין דעם דאָזיקן שטאָטישן טייל האָט מען געקענט טרעפן אַלטע הייזער, מיט געוועלבטע סופיטן, מיט דעכער געמאַכטע פון קאַכלעס און מיט דיקע ווענט. אַזוינע, וואָס אַפילו אַ האַרמאַטן־קויל האָט זיי נישט געקענט דורכלעכערן.

ביידע בראַמען, וואָס האָבן געדינט אַלס פעסטונגס־טויערן האָבן געהאַט אין זיך שיס־לעכער אויף צו פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן אָנקומענדן שונא. די אינעווייניקסטע חדרים זענען געווען פאַרזען מיט געקאָוועטע טירן, פאַרקראַטעוועטע פענצטער און שמאָלע שטיגן האָבן געפירט צו

געהיימע דורכגענג און צו טיפע קעלערן, אין וועלכע די פּאַרצייטישע פּוילישע ריטער האָבן געהאַלטן זייערע געפאַנגענע.

אַ ביסל ווייטער האָט זיך געפונען דער שלאָס־באַרג אויף וועמענס הויכקייט האָט זיך צעשפּרייט דער ריזיקער שלאָס מיט זיינע דיקע מויערן און קליינע פענצטערלעך. דער שלאָס איז בעת דער צאַרישער הערשאַפט אין פּוילן געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה, פאַרבלייבנדיק אַזוי ביז עד היום.

אַרום דעם באַרגשלאָס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס יידישע אָרעמע לובלין מיט אירע קרומע געסלעך און האַלב־איינגעפאַלענע הייזלעך פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן דער ווײ־געשריי פון הונגעריקע יידן, וואָס ווערן צוליב דער אַנטיסימיטישער העצע נישט צוגעלאָזט צו קיין שטאָטישע אַרבעטן. דערצו דריקט זיי די שווערע לאַסט פון די שטייערן וואָס די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט נישט רעכנענדיק זיך מיט דער הערשנדיקער נויט. גרויס איז געווען די אָרעמקייט אין די דאָזיקע פאַרחושכטע שטיבלעך, ווו מען איז אָפּגעקומען דעם טאָג מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט אָדער מיט אַ וואַסערדיקער זופּ אַבי די נשמה צו דערהאַלטן. געווען אַרום שלאָס־באַרג פאַמיליעס אַזוינע ווו מען האָט כדי צו שפּאָרן אַ גראָשן געשפּאָלטן די צינד־העלצלעך אויף צווייען און ווו מען האָט דאָס מלבוש וואָס אויפן לייב באַלייגט מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

אין די גאַסן און געסלעך וואָס אַרום שלאָס־באַרג, באַוווסט ווי די יידן־גאַס, רוסקע, טאַרגאָווע, נאַדסטאַוונע, קראַוויעצקי, דאָס יאַטקע־געסל, דאָס שול־געסל און די אַלע אַנדערע געסלעך, האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט לײדיקגייערישע יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי שניידער, שוסטער, קירזשנער, היטלמאַכער, קאַמאַשנשטעפּער, בייטלמאַכער, האָבן געהאָפט און געוואַרט אויף די ערב יום־טוב־טעג כדי אַריינכאַפּן אַ פּאָר טעג אַרבעט. דידאָזיקע סעזאָנאַווע בעלי מלאכות פון וועמענס בלייכע געזיכטער עס דאָס אַראָפּגעשריגן דער הונגער, האָבן זיך ווי די שאָטנס געשאַרט אַרום די ווענט און אין די אייז־קאַלטע ווינטער־טעג זענען זיי געזעסן אין די

פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען שפּילנדיק לשם צייט-פאַרטרייב אין „דאָמינע״ און זיך דערכאַפּט דערביי דאָס האַרץ מיט אַ גראָשנדיק פּלעצל און אַ צוגאָב אַ שטיקל געזאַלצענעם הערינג. דאָס אַלץ האָט פאַרקויפט דער בופעטניק, וועלכער איז אַליין געווען פון די אַרבעטסלאָזע, ווען עס האָט צוגעשפּילט דאָס מזל צו זיין אַ שטיקל פאַרדינער.

ווען לובלין איז געוואָרן אַ גרויסע שטאָט

לובלין איז אויפגעוואַקסן צו אַ גרויסער שטאָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מאַסן יידישע פּליטים, אַרויסגעטריבענע פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, האָבן זיך דאָרט באַזעצט. לובלין איז דעמאָלט געהאַט געווען נישט מער ווי אַ קליינע גובערניע־שטאָט, מיט איין רוסישער צערקווע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף דער רוסקע־גאַס נישט ווייט פון ברייטן וועג, וואָס האָט געפירט צו דער פאָרשטאָט וואָליע.

ערשט די יידישע פּליטים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען מענטשן מיט אונטערנעמונגס־קראַפט, האָט די שטאָט אַנטוויקלט און זי פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פון האַנ׳ל און אינדוסטריע. גענוג צו דערמאָנען די גרויסע לעדער־פאַבריקן פון שמואל אייכנבוים, פּסח בריקמאַן און לייזער זילבערשטיין, וואָס האָבן באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער און האָבן פּראָדוצירט די בעסטע ווייכע און האַרטע לעדער. אָט די דריי פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט, זענען געווען נישט מער ווי פּליטים ווּעמען דאָס גליק האָט שנעל צוגעשפּילט.

געווען אויך אין לובלין אַנדערע גבירים ווי הערשל זילבער פון דער גאָזשעלניע (בראָנפן־פאַבריק) קראַסוצקי פון דער טאַבאַק־אונטערנעמונג, מיטלמאַן, שיף, פליישער, שאַפּיראָ און אַנדערע עשירים, וועלכע האָבן פיל בייגעשטייערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן לובלינער ישוב מיט זיין 700־יאָריקער געשיכטע. אָט די דאָזיקע פאַר צענדליק פאַרמעגלעכע יידן האָבן מיט זייער פלייסיקייט געהאָלפן צו דער פאַרגרעסערונג פון יידישן שטאָט־פערטל, צו וועלכן עס זענען בשעתו צוגעקומען אַזעלכע גאַסן ווי קאָוואַלסקאַ מיט אירע לעדער־סוחרים, די נאָוואַ מיט אירע סוחרים פון

גרייטע הלבשה, די לובאַרטאָווסקאַ מיט אירע געשעפטן פון שניט, געפעסן, שפּייזוואַרג, געטראַנקען און אַלערליי וואַרשטאַטן פון וועלכע עס האָט זיך געשפּייזט דער יידישער האַרעפּאַשניק. פון דער צווייטער זייט איז די שטאָט לובלין פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אַ רייע נייע גאַסן, ווי פּילסודסקי אַלייע, קאָשציושקי, זאַמאָיסקי, ביכאָווסקי, דריטער מאַי־גאַס און נאָך אַנדערע שפּאָגל נייע גאַסן באַוווינטע דורך קריסטן און באַפּוצטע מיט קלויסטערס.

שוין אין די פריערדיקע יאָרן פון באַפרייטן פּוילן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין לובלין אויסגעמאַכט איבער פערציק טויזנט נפשות און שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר איז די יידישע באַפעלקערונג אין שטאָט דערגאַנגען צו פופציק טויזנט און אין יאָר ניין און דרייסיק צו פינף און פופציק טויזנט נפשות. צוגלייך מיט דעם וווקס פון דער צאָל יידן אין לובלין איז אויך געוואַקסן די צאָל יידישע בעקערייען, סאָדע־וואַסער־געוועלבלעך, צוקערניעס, רעסטאָראַנען, אכסניות און גאַרקיכן. אין איינער אַזאַ אכסניה, וואָס האָט אויך געדינט אַלס גאַרקיך, האָט זיך אויפגעצויגן שמאי אַלפאָנס, וואָס האָט אין דער שוידערלעכער היטלער־צייט געשפּילט אַ פאַרעטערישע ראָל, מיטהעלפנדיק צום אומקום פון לובלינער יידנטום. ער האָט זיך געפירט אין געטאָ ווי אַן אומגעקרוינטער קיסר, אַזוינער וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שלעכטס און וואָס טוט בשלימות אויספירן די מערדערישע באַפעלן פון היטלעריסטן.

אין דער דאָזיקער גאַרקיך, וואָס האָט געשטעקט הינטערן שלאָס־באַרג, האָבן זיך געסטאַלעוועט אויסגעשפּילטע אַקטיאָרן, קאָרטן־שפּילער, פּרויען מיט שלעכטע פאַרגאַנגנהייטן און גוטע ברידער אַזעלכע, וועלכע האָבן געלעבט פון אויסגלייכן גניבישע דין תורה״ס און פון פאַסעריי.

דער „הינטערן שלאָס״ ווען מען הויפּט־גאַסל האָט געהייסן פּאָדזאַמטשע, איז געווען אַ חלק פונעם פּלעצל פון וועלכן עס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צו די יידישע און קריסטלעכע מקומות. דאָ אויפן פּלעצל, ווו די הייזער האָבן געקלעפּט איינע צו דער צווייטער און ווו עס האָט אַראָפּגעשיינט די אַלט־פאַרצייטיקע בראַם מיט אירע פאַסן

און שפּיציקע טורמלעך, וואָס זענען מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישע דלות־שטיבלעך, איז שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטער גאַסן־מסחר. דאָ האָבן די בייגל־הענדלערינס פאַרקויפט פרישע בייגל, וואָס זענען אָקאָרשט אַרויס פון דערנעבנדיקן בעקערשן אויוון. דאָ האָט מען אין די פאַרטאָגן שוין געקענט באַקומען צו קויפן הייסע באָבעלעך, דינע פּלעצלעך באַשיט מיט מאָן, קוואַס־עפּעלעך, זיסע קיכלעך, לאַנדערינקעס וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין מויל און נאָך הונדערטער מיני נאַשוואַרג. דאָס אַלץ האָט מען אויפן דאָזיקן פּלעצל געקענט באַקומען צו יעדער צייט. אַרום דאָזיקן מקום האָט זיך, ווי געזאָגט, אויפגעהאַלטן דער יידישער דלות שמאָלע געסעלעך מיט געהויקערטע האַלב חרובע הייזלעך, זענען דאָ געלעגן איינס אויפן אַנדערן. לעכערדיקע איינגענג און וואַקלענדע שטיגן האָבן אַרויפגעפירט צו די שטיבלעך מיט די נידעריקע סופיטן, אין וועלכע עס האָט אַרויסגעפייפט דער דלות פון אַלע ווינקלען. אין איינער אַזאַ געסעלע האָט זיך געפונען דאָס שיינע שולכל פון שאול וואַהל, דעם יידישן מלך, וואָס האָט, לויט דער לעגענדע, געקיניגט איין טאָג איבער פוילן.

אין די אָרעמע געסלעך האָבן זיך געפונען נישט ווייניק געוועלבלעך פון ביליקער קאָנפעקציע, פאַרבן, אַלט־אייזן, גענוצטע מעבל, מעל און געזאַלצענע הערינג מיט איינגעזויערטע אוגערקעס ווי אויך געוועלבלעך ווו מען האָט פאַרקויפט צימרינג, געקוועטשטן אויל און קענדלעך נאַפט פאַר די קנויט־לעמפּלעך, וואָס זענען געווען די איינציקע באַלויכטונג אין די דאָזיקע דלת על דלת שטיבלעך. אין זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידישע האָרעפּאַשניקעס, שניידער, שוסטער, קירזשנער, שלאָסער, בלעכער, קאַמאַשנשטעפּער, היטלמאַכער און אַנדערע מיני מאַכער, וואָס האָבן קוים מיט נויט, שווייס אויסגעשלאָגן די חיונה.

אין די ענגע הויפלעך, מיט די פּאַציאַטקעס, האָבן פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט געקלאַפּט די העמערלעך פון די געגריוועטע שוסטער. בייטאָרינס האָבן דאָ פאַר ביליקע גראָשנס גענייט קליידער, האָבן ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען געהאַפטן און באַזוימט זיידענע וועש, בלוזקעס, שטריק־

דרייער, קאַשע־מאַכער און זאַקנמאַכער האָבן דאָ געהאַט זייערע פאַבריקלעך. די אַרבעט איז געווען שוואַך און דער פאַרדינסט קליין. דערצו האָבן די לובלינער אַנטיסימיטן נישט דערלאָזט דעם פאַרקויף פון די יידישע אויסאַרבעטונגען פאַר די קריסטלעכע געשעפטן.

דער פאַרצייטישער שלאָס, וואָס איז געוואָרן אַ תפיסה, מיט דיקע ווענט און שווערע אייזערנע טירן, האָט אַ דראָענדער געוואָרפן זיינע טונקעלע שאָטנס אויף די דערנעבנדע יידישע געסלעך, ווו בלייך־פנימדיקע יידישע קינדער האָבן זיך געשפילט אין באַהעלטעניש און ווו יידישע באַלעגאָלעס מיט זייערע אויסגעדאַרטע פערדלעך האָבן שטענדיק געוואַרט אויף אַ סוחר, וואָס זאָל זיי געבן דעם שאַנס פון אָנלאָדענען און אויסלאָדענען סחורות.

שטייט אויך נישט ווייט פון תפיסה־שלאָס דער „איינגעזונקענער יידישער קלויסטער" וואָס שטעקט אינמיטן פון דער יידישער אָרעמקייט און אַרום וועלכן עס גייען אַרום לעגענדעס. איין לעגענדע דערציילט, אַז אַמאָל, אַמאָל, בעת אַ לוויה פון אַ לובלינער צדיק, ווען דער ארון מיטן מת איז פאַרבייגעפאָרן דעם קלויסטער, זענען די גלחים אַרויס און גענומען באַוואַרפן מיט שטיינער די מלווים. דעמאָלט האָט זיך דער מת אויפגעשטעלט מיט זיין גאַנצען הויך און אַ זאָג געטאָן דעם פסוק: „שקץ תשקצנו ותעב תתבנו כי חרום הוא". גלייך נאָכדעם איז דער קלויסטער איינגעזונקען געוואָרן ביז אין דער העלפט.

אַ צווייטע לעגענדע דערציילט, אַז אַמאָל מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָבן לובלינער יידן זיך צונויפגענומען און באַשלאָסן אויפצובויען אויפן אָרט אַ שיינעם בנין וואָס זאָל דינען אי פאַר אַ מקום קדוש און אי פאַר אַ תלמוד תורה פאַר די תינוקות של בית רבן. ויהי און אַז דער בנין איז פאַרטיק געוואָרן און עס האָבן זיך די יידן געשטעלט דאַווענען און די קינדער האָבן זיך געזעצט לערנען די תורה, אַזוי זענען געקומען צולויפן פון דעם סעמינאַר די יונגע יעזואיטישע גלחים און פאַרטריבן אַלעמען פון בנין, וועלכן זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ קלויסטער. דערפאַר האָט זיי דער

דעמאָלסטיקער רב פון דער שטאָט, וואָס איז געווען אַ צדיק הדור, געווונטשן אַז דער קלויסטער זאָל איינגעזונקען ווערן און עס זאָל די שיינע פּאַרב פון די ווענט אָפּגעווישט ווערן. און אַזוי איז טאַקע געשען. דער קלויסטער איז געזונקען אין דער ערד אַריין און די ווענט האָבן באַקומען אַ ליימיקן קאָליר, וואָס איז פאַרבליבן ביז עד היום.

אויך אין די שפּעטערע יאָרן האָבן די קלויסטער־לייט אַרויסגעוויזן זייער האַס און שנאה צו די לובלינער יידן, טוענדיק אויף להכעיס פּאַראַדירן מיט „יוזלעך" פאַרביי דער שול אין שבת, אין דער צייט ווען יידן האָבן הייס געדאַווענט, זייענדיק איינגעהילט אין די טליתים. די פּראָצעסיע האָט מיט געבייזער געקרייזט אַרום דער שול. די קלויסטער־גלאָקן פון אַרום האָבן דראָענדיק געקלונגען און די גלחים האָבן געהאַלטן יידן־העצערישע רעדעס וואָס האָבן גערופן צו פּאָגראָמען און צו פאַרטרייבן זיי פון דער שטאָט. נאָך פּוילנס באַפרייאונג, ווען די „האַלערטשיקעס" האָבן זיך באַוויזן אין לובלין און ווי זייער שטייגער איז געווען גענומען שניידן יידישע בערד, איז דער צייטוויייליקער ווינאַרט זייערער געווען אינעם איינגעזונקענעם קלויסטער פון וועלכן זיי האָבן געפּראַוועט זייערע בייזע שפּיל.

האָט זיך געמאַכט אַ מעשה און דער רבי רב מלכל, וואָס איז געווען אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד און איז בשעתו איינגעשטאַנען אין לובלין, איז אין איינעם אַ טאָג פאַרבעטן געוואָרן צו זיינעם אַ חסיד אויף אַ ברית. דער חסיד האָט געוווינט נישט ווייט פונעם איינגעזונקענעם קלויסטער. און אַזוי צוריקגייענדיק פון דער שמחה, אין דער באַגלייטונג פון זיינע געטרייע חסידים, איז דער רבי באַפאַלן געוואָרן מיטאַמאָל דורך די „האַלערטשיקעס", וואָס האָבן דאָס ערשטע זיך אַ נעם געטאָן צום רבי'נ'ס שיין פאַרקעמטער הדרת פּנים־באָרד. די דאָזיקע זעלנער האָבן געוואָלט זי אָפּשניידן ביז דער הויט. ווען עס האָט אין די הענט פון די באַפאַלער אויפגעבליצט די שטאָלענע שער גרייט צו דער דאָזיקער בייזער מלאכה, האָט דער רבי גענומען און אַנגעשטעלט אויף זיי זיינע שוואַרצע פלאַקערדיקע אויגן, וואָס האָבן, אַזוי ווי די חסידים דערציילן געברענט ווי מיט העלישן

פּייער, און באַלד דערויף זענען די אָנפאַלער פון גרויס פּחד געוואָרן ווי פאַרשטאַרט אָפּטראָגנדיק זיך שנעל פון אָרט.

צווישן די געטרייע חסידים, וואָס האָבן דעמאָלט באַגלייט דעם רבין, האָט זיך געפונען מיין פאָטער ר׳ מרדכי יעקב ז״ל, וואָס איז געווען נאָך פון די חסידים וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט צום רבין רב משהלע דעם קאָזשעניצער מגידס זון, וואָס האָט ווייטער געפירט דעם אַלטן הויף אין קאָזשעניץ. מרדכי יעקב איז געווען אַ שם דבר אין לובלין. ער האָט געשמט ווייט אַרום מיט זיין גרויס למדנישקייט און איידעלער באַנעמונג צו מענטשן פון וועלכן סגאַל זיי זאָלן נישט האָבן געווען. דער טאַטע, וואָס איז געווען אַ ירא שמיים און ירא חטא, האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו פאַרשפרייטן תורה ברבים. ער האָט דעריבער געהאַלטן אין די לובלינער שולן און בתי מדרשים פלאַם־פייערדיקע דרשות, אַזוינע וואָס האָבן באַגייסטערט די צוהערער מיט זייער גרויס פּקחות און טיפן אינהאַלט. אַ געבוירענער אין קליינעם שטעטעלע זוואָלין, האָט דער טאַטע, אַלט זיינענדיק בלויז 16 יאָר, שוין געהאַט אין דער טאַש סמיכות אויף רבנות. ער האָט זי אָבער אַוועקגעלייגט אַן אַ זייט נישט וועלנדיק אויסצונוצן די תורה פאַר אַ פרנסה־קוואַל. דער יידישער פריץ ר׳ לייזער רעגיוועד, וואָס האָט פאַרמאָגט זיין אייגענס אַ פאָלוואַרק מיט פעלדער און וועלדער, האָט דעם יונגן עילוי מרדכי יעקב גענומען פאַר אַן איידעם, צוזאָגנדיק אים אייביקע קעסט. נאָר עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ר׳ לייזער רעגיוועד איז געוואָרן מיטאַמאָל אויס פריץ און האָט געמוזט אָנקומען צום איידעם, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קליינעם מאַלערישן שטעטל גנעוואַשאָוו, וואָס ביי דער ווייסל.

די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן מיט דער גאַנצער מוראַ־דיקער קראַפט. די יידן־פיינטלעכע „פּאַניעס״ האָבן גלייך אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן פון די שטעטלעך וואָס געפינען זיך אַרום דער דעמבלינער פעסטונג זאָלן פאַרלאָזן די היימען. ווען נישט האָט געדראָט טויט־שטראָף. גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטער געיעג נאָך פורן אויף וועלכע מען וואָלט געקענט אויפלאָדן דאָס ביסל יידישע האָב און גוטס.

די באַלעגאָלעס און מיט זיי די דאָרפישע פורן־אייגנטימער, האָבן זיך געהייסן באַצאָלן מיט שווער געלד פאַר די יאַזדעס, וואָס האָבן געשמעקט מיט סכנות נפשות, מחמת דעם „שלאָגבאַנק״ וואָס איז געהיטן געוואָרן דורך קאָזאַקן, וועלכע האָבן די יידישע פליטים געשלאָגן מיט זייערע נאַהייקעס ביז בלוט און אויך דערשלאָגן אויף טויט, ווען די רציחה האָבן זיך אין זיי אָנגעצונדן.

דער טאַטע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ מטופל מיט קינדער, און האָט נאָך דערצו געהאַט אָנגעלאָפענע קרובים, וואָס האָבן אויסגעקוקט אויף זיין הילף, האָט קוים מיט צרות און פאַר גוט געלט אייגעהאַנדלט אַ דאָרפישן וואָגן, אויף וועלכן ער האָט אַרויפגעזעצט דאָס גאַנצע בני בית, מיטן געפעק בתוכם, און אַזוי אָנגעלאָדנט האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דער אַרום איז געווען פול מיט פיינטלעכע סאָלדאַטן, וואָס האָבן גערויבט און געפּלינדערט אין די יידישע פאַרלאָזטע הייזער, שיסנדיק דערביי אויף רעכטס און אויף לינקס.

דער „שלאָגבאַנק״ פון וועלכן מען האָט זיך אָנדערציילט מוראדיקע געשיכטעס, האָט זיך געפונען נישט ווייט פון שטעטל קאָצק, אין אַ דערפל מיט צוויי שורות פון שטרויענע כאַטעס אין וועלכע עס זענען איינגעשטאַנען די קאָזאַקן מיט זייער בייזן האַלב־פאַריקטן קאָמענדאַנט, וואָס האָט רק געפּאָכעט מיט דער שווערד און געריטשעט אויף די פאַרבייפאָרער מיט זיין הייזעריקער שטימע:

— זשידזי נאַ פּאָלו;

דער גאַנצער וועג וואָס האָט געפירט צום „שלאָגבאַנק״ איז געווען פאַרשטעלט מיט פורן. די קאָזאַקן האָבן געווילדעוועט, האָבן געשטאָכן מיט די באַגנעטן אין יידישע לייבער. די ביטערע געשרייען און די מוראדיקע געוואָלדן פון די געשלאָגענע האָבן זיך געטראָגן צום הימל, אַ באַדעקטן מיט גרויע וואָלקנס וואָס האָבן אָנגעזאָגט וויסטע טעג און פינצטערע נעכט.

דער זיידע ר׳ לייזער רעגיוער, וואָס איז שוין געווען אַ מענטש אין די ביינציקער יאָרן האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט שלעכט און איז איידער

וואָס ווען אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט, וועמענס קנייטל האָט זיך אויסגעברענט ביזן סוף. די קאָזאַקן ביים „שלאַגבאַק״ צו וועמען דער טויט פון זיידן איז דערגאַנגען, האָבן אויף דער גיך אַדורכגעלאָזט דעם וואָגן מיטן מת, וואָס האָט ביי זיי, ווייזט אויס אָנגעוואָרפן אַ מורא. דער אָנטרייבער האָט אויך אין אָנבליק פון דער געשעעניש גענומען טרייבן שנעל דאָס פערד און אַזוי אַרום איז מען באַצייטנס פאַרפאָרן קיין קאָצק.

דער זיידע וועמענס פאָטער איז געווען אינעם פאָלק פון בערעק יאָסעלעוויטש און געקעמפט צוגלייך מיט אַלע פאָוסטאַנצעס פאַר פוילנס באַפרייאונג, איז געקומען צו קבורה אויפן קאָצקער בית־עולם נישט ווייט פונעם קבר פון דעם העלדישן יידישן פולקאָווניק, וואָס איז געפאַלן אין איינעם פון די שלאַכטן וואָס ביים אַריינפאָר קיין קאָצק.

אין דער צייט האָבן זיך אין קאָצק געפונען נישט וויניק יידישע פּליטים. זיי האָבן אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטל, אויף וועלכן עס איז נישט געווען חל דאָס קריגס־געזעץ, געפרוווט איבערוואַרטן די מלחמה, וואָס האָט זיך מיט יעדן טאָג מער צעפלאַקערט און איז לסוף דערגאַנגען צו אַ וועלט־קריג מיט מיליאָנען קרבנות.

טראָצדעם וואָס איך בין דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי דריי יאָר געדענק איך גאַנץ גוט די חורבה אין וועלכער מיר האָבן זיך איינגעקוואַר־טירט, האָבנדיק אויסצושטיין פונעם ווינט, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן דורך אַלע לעכער. דער טאַטע, וועמענס שם אַלס למדן מופלג איז אויך געהאַט דערגאַנגען קיין קאָצק, איז מיט דער פולער הסכמה פון קאָצקער בעלי בתים געוואָרן אַ מלמד, האָבנדיק פאַר אַ באַהעלפער דעם עלטערן זון חיים. אויך מיינע עלטערע שוועסטערן חנה, סערקי און חיה, האָבן מיטגעהאָלפן אין דער פּרנסה שטריקנדיק סוועדערס פאַר די קאָצקער ווייבער. די שוועסטער האָבן אויך געלערנט די קאָצקער מיידלעך אָנשרייבן אַ בריוועלע צום פעטער קיין אַמעריקע ער זאָל שיקן דאָלאַרן מחמת דער הונגער איז גרויס און עס איז שווער צו פאַרדינען די קאָפּיקע. ווי גרויס עס איז געווען דער הונגער אין לאַנד קען דינען דער פאַקט, אַז מענטשן פון אַזעלכע גרויסע

שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און פון אַנדערע ערטער אין פוילן, האָבן בכדי צו שטילן דעם הונגער געגעסן דאָס פלייש פון קעץ, הינט און פון אַנדערע פיר־פיסיקע באַשעפענישן. מיך, דעם ייִנגסטן אין דער פאַמיליע האָט אַמייִנסטן געטראָפן דער הונגער, וואָס האָט זיך ווי אַ בייזע פאַרשלעפּטע קרענק באַזעצט אין מיר און געשטויסן דערצו איך זאָל האַלטן אין איין שרייען: — מיך הונגערט!

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די מאַמע האָט גענומען און מיך אַנגעהאָנגען אויפן האַלדז אַ ברויט פון עפּעס מער ווי אַ קילאָגראַם און דאָס האָט אויך אַזוי ווייט געהאָלפן, אַז איך האָב אויפגעהערט צו שרייען און צו מאָנען ברויט.

אין איינעם אַ גרויען פאַרנעפּלטן טאָג, ווען קאָצק האָט זיך געוויִקט אין די טיפע בלאָטעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך אַ רייע גאָס־רעגנס, האָט דער טאַטע געמאָלדן זיינע בני־בית, אַז מיר פאַרלאָזן קאָצק און מיר פאָרן קיין לובלין, ווו עס וווינט דעם טאַטנס בעסטער חבר פון חדר, שמואל אייכנבוים. דער דאָזיקער חבר האָט זיין אייגענעם אַ גאַרבערייַ און טוט מאַכן אַ סך געלט דורך צושטעלן לעדער פאַרן מיליטער.

געזאָגט און געטאָן: דער טאַטע האָט גלייך איינגעשפּאַנט אַ ברייטן דראָביאַנאַסטן וואָגן, אויף וועלכן ס'האָט זיך אַרויפגעזעצט דאָס געזינדל מיטן גאַנצן געפּעק און ביי דער באַגלייטונג פון כמעט אַלע קאָצקער יידן האָט דער וואָגן גערירט פון אָרט און זיך מיטן ברייטן האַלב־געפלאַסטערטן וועג אַוועקגעלאָזט קיין לובלין, דער שטאָט וואָס איז שוין דעמאָלט געווען מער ווי צוואַנציק מאָל אַזוי גרויס ווי קאָצק. דער וועג קיין לובלין איז געווען פריי. די פראָנטן האָבן זיך אַוועקגערוקט ווייט אַוועק פון דער ווייסל, וואָס האָט איצט אין דער רעגנדיקער צייט אויסגעגאָסן, פאַרפלייצנדיק פוילישע דערפער מיט די כאַטעס פון שטרוי און ליים. דער דראָביאַנאַסטער וואָגן האָט זיך שווער באַוועגט אויפן געלעכערטן וועג. די פערד האָבן געפרייכט פון מידקייט און דער אָנטרייבער, מיטן אָקסישן קאַרק און מיט די אייזערנע הענט, וואָס האָט צו פוס געשפּאַנט דערנעבן, האָט נישט

אויפגעהערט צו שעלטן שמײסן מיט דער בײטש: װיאָ שקאַפּעס! אַ רוח אין ענקער פּערדישע געפּײגעטע טאַטעס!

אָנגעקומען קײן לובלין זענען מיר אין אַ טריבן טאָג, װען דער הימל איז געװען װי פאַרגאָסן מיט בלײ און װען דער רעגן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, גרײט אויסצוגיסן און צו פאַרפלײצן אַלץ אַרום מיט מוטנעם װאַסער. דער דראָביאַנאַסטער װאָגן מיט אַלץ װאָס אויף אים, האָט זיך לאַנג געשלעפּט איבער די לובלינער גאַסן, װאָס זענען געװען געפּלאַסטערט מיט שפּיציקע שטײנער, װאָס האָבן גורם געװען טרײסלעניש פון װעלכע די קישקעס האָבן זיך שיער נישט איבערגעקערט. די מיט אײזן געקאָװעטע רעדער האָבן פּאָרנדיק איבער די גאַסן הויך אָפּגעהילכט. דער באַלעגאָלע, װאָס האָט אַלץ נאָר געשפּרײזט, האָט נישט אויפגעהערט שעלטן און פלוכן. װען פון הימל אַראָפּ האָבן גענומען קעפּען די ערשטע רעגנס־טראָפּנס זענען מיר בשלום פאַרפאָרן אויף דער װאַליע, װאָס האָט זיך גערעכנט װי די גרעסטע לובלינער פאָרשטאָט.

שוין אין געצײלטע טעג אַרום איז דער טאַטע געװאָרן מיט מזל אַ לעדער־סוחר, פאַרקויפנדיק די שוסטער האַרטע און װײכע לעדער. די דאָזיקע סחורה האָט דער טאַטע באַקומען צום האַנדל פון שמואל אײכנבוים. דער לעדער־מסחר איז אַװעק גוט, די מלחמה איז געװען װײט אָפּגערוקט פון לובלין, װעמענס אײנװױנער האָבן נישט אויפגעהערט שטיל זיך צו שושקען צװישן זיך, אַז אָט אָט און עס װעלן אַהער אַרײנקומען די עסטרײכער, װעלכע גײען פאָרויס און האָבן שוין פאַרנומען האַלב פּוילן. די לובלינער האָבן װײזט אויס געװוּסט װאָס זײ רעדן, װאָרום אײדער װאָס און אײדער װען זענען די עסטרײכישע סאָלדאַטן טאַקע אַרײן קײן לובלין און האָבן װי הײשעריקן פאַרפלײצט די געגנט װײט אַרום, נעמענדיק פּלינדערן די שטובן און קאָנפיסקירן אַלץ װאָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל װערט. עס איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז די עסטרײכער האָבן אַראָפּגעריסן די מעשענע קליאַמקעס פון די טירן און אויך אַװעקגענומען פון די יידישע שטובן די לײכטער, אויף װעלכע יידישע מאַמעס האָבן ערב שבת געבענטשט

ליכט. דער הונגער וואָס האָט פריער געהערשט אין פוילן, איז איצט אונטער דעם עסטרייכישער הערשאַפט געוואָרן כפל כפליים. אַלס אַ באַשטעטיקונג קען דינען אַ וויץ, וואָס דערציילט וועגן אַן עסטרייכער, וואָס האָט זייענדיק אין איינעם פון די פוילישע דערפער, אַ פרעג געטאָן דעם ערשטן בעסטן פויער, ווו איז דער קלאָזעט. דער פויער האָט דערויף געגעבן אַזאַ ענטפער: אירהאָט נישט וואָס צו זוכן הער לעבן, דער „אַסטריאַק" האָט אַלץ אַוועקגענומען.

דער טאַטע האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון הונגער ביי די וואָליער יידן און איז דערפאַר אַוועק צו דער יידישער ווילטעטיקער געזעלשאַפט „דזשאָינט", וואָס האָט אין די דאָזיקע שווערע מלחמה־טעג פיל געהאָלפן די פוילישע יידן אויפמאַכנדיק פאַר זיי אומזיסטע קיכן און פאַרטיילנדיק קליידער פאַר די היימלאָזע, וועמען די מלחמה האָט אַמיינסטן געטראָפן.

דער טאַטע האָט מיט דער הילף פון „דזשאָינט" אויפגעמאַכט אויף דער וואָליע אַ ווילטעטיקע קיך, וואָס האָט זיך געפונען אין דער וויבערישער שול. פרייוויליקע מענער און פרויען האָבן אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומגעדרייט אין דער קיך, געקאָכט און געטיילט די הונגעריקע הייסע זופן, פלייש־פּאָרציעס און ווייסע ברויטן, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פון די דזשאָינט־מאַגאַזינען, איינשטעלנדיק דערביי זיין לעבן. די גויאישע כוליגאַנעס האָבן געווילדעוועט אין שטאָט העצנדיק צו פּאַרגראָמען אויף יידן און מאַכנדיק אויך רויב־אָנפאַלן אויף יידישע פאַרבייגייער.

די ווילטעטיקע קיך אויף דער וואָליע האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז איינמאָל אין אַ ווינטער־טאָג, בשעת דער שניי אינדרויסן האָט אין דער בייסנדיקער קעלט אַזש געסקריפּעט אונטער די טריט, ווען דער טאַטע מיטן גאַנצן הויזגעזינד איז געזעסן אַרום טיש און געגעסן מיטאָק, האָט זיך די אַריינגאַנגס־טיר רעשיק אויפגעפּראַלט און אין דער שטוב זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן מיט האַסט טעפּ אָנגעפילטע מיט צעקאָכטער רייז. די זעלבע רייז מיט מילך וואָס איז אָקאָרשט פאַרטיילט געוואָרן אין דער

קיך פאַר אָרעמע לייט. די טעפּ זענען געפאַלן אויפן באָדן מיט געקראַך. די שטוב איז פול געוואָרן מיט דער שיטערער פליסיקייט און דער טאַטע, וואָס האָט פון דער דאָזיקער מיאוסער טאָט געהאַט גרויס צער, איז געקומען צום אויספיר, אַז די וואַליער יידן נויטיקן זיך מער נישט אין קיין ווילטעטיקער קיך.

דער נאָמען מרדכי יעקב האָט אין לובלין אויפגעשיינט ווי עס שיינט אויף אַ ליכטיקער שטערן אין הימל. די שטאָט מיט אירע לומדים, עסקנים בציבור און פשוטער עמך, האָט מיט גרויס הנאה זיך צוגעהערט צו מרדכי יעקב׳ס דרשות, וועלכע ער האָט געהאַלטן יעדן שבת אין די לובלינער שולן ביי אַ פול געפּאַקטן עולם צוהערער וואָס האָבן געשלונגען ממש זיין יעדעס וואָרט. מרדכי יעקב מיט זיין בלאָנדער הדרת פּנים באָרד און מיט דער הויכער שלאַנקער פיגור האָט עלעקטריזירט די צוהערער מיט זיינע פלאַם־פייערדיקע רייד, וואָס זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט טיפער חכמה און גרויס וויסן. ער האָט געקענט גאַנץ ש״ס און פוסקים פון אויסנווייניק און איז אויך געווען באַהאַוונט אין דער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור מיט אירע פילאָזאָפן, בעלעטריסטן און פּאָעטן. נישט קוקנדיק דערויף וואָס ער איז געווען פרום און אָפּגעהיטן פון מינדסטן חטא, האָט ער אין די נעכט, נאָכן לערנען מיט אַן עולם יידן משניות אין בית מדרש און נאָכן מעיין זיין אין אַנדערע הייליקע ספרים, געלייענט ביכער פון אַזעלכע מחברים ווי שלום אש, זלמן שניאור און אַנדערע. ער האָט זיך באַזונדערס אינטערעסירט מיט די קלאַסישע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, י. ל. פרץ און האָט אויך נישט דורכגעלאָזט די ווערק פון די נישט־יידישע שרייבער, שענקיעוויטש, ריימאָנט און די גלענצנדע שאַפונגען פון עמיל זאָלאַ, טשאַרלס דיקענס, מאַרק טווען, טאָלסטאָי און אַנדערע באַרימטע שרייבער פון יענער צייט.

אונדזער שטוב איז געוואָרן זייער באַוווסט אין דער שטאָט. סוחרישע יידן, בעלי מלאכות און אויך וויל־לערנער זענען געקומען צום טאַטן כדי זיך מיט אים אַן עצה האַלטן און צו קענען לייזן מיטן טאַטנס הילף שאַרפע

אומפאַרשטענדלעכע סוגיות פון דער גמרא. עס זענען אויך געקומען ווייבער מיט שאלות וועגן כשר און טריפה, וועגן נעמען חלוצה און היתר מאָה רבנים. דער טאַטע, וואָס האָט געהאַט ליגן אין ווייטן ווינקל פון שופלאַד די סמיכות אויף רבנות, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פסקענען שאלות און זיך באַגנוגנט מיטן פאַרדינען אויף לעבן פונעם מסחר מיט לעדער. דער דאָזיקער האַנדל איז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה געגאַנגען גוט. דעם טאַטנס אַ גוטער פריינט, מיטן נאָמען אברהמטשע זאַיאָנץ, וועלכער האָט זיך צוליב פרנסה איבערגעפּעקלט קיין פּאַריז, האָט אין נאָמען פון פיל פּאַריזער יידן געבעטן דעם טאַטן ער זאָל נעמען אַ כסא רבנות אין איינעם פון די פּאַריזער פאָרשטעט. דער טאַטע האָט אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן מיט דער טענה, אַז פּאַריז איז אַ זינדיקע שטאָט.

מחוץ זיינע גרויסע קענטעניש אין תלמוד איז ער אויך געווען אַ גוטער בעל תפילה און דערצו אַ מכניס אורחים. שטענדיק זענען ביי אים געווען פאַרשידענע אורחים, וועלכע האָבן געשלאָפן און געגעסן ביי אונדז און אויך אין געוויסע פאַלן באַקומען געלט אויף נישט אָפּצוגעבן. נאָר יעדן שבתדיקן דאַוונען האָט מען ביי אונדז געפּראַוועט קידוש אין דער אָנוועזנהייט פון מתפללים, וועלכע זענען אויך געקומען אין שטוב צו פּראַווען מלווה מלכה. ביר האָט זיך דעמאָלט געגאָסן ווי וואַסער. מיט כל טוב זענען געווען געדעקט די טישן און כטוב לב המלך איז מען אַוועק אין אַ ריקודל אַזעלכן, וואָס האָט זיך געצויגן ביז חצות.

גרויסע האָפענונגען האָט דער טאַטע געלייגט אויף מיר, דעם בן זקונים, וואָס האָט נאָך זייענדיק אַ חדר־ייִנגל שוין געהאַט אַרויסגעוויזן באַהאַוונטקייט אין ים התלמוד. דערצו בין איך געווען זייער אָפּגעהיטן אין מצוות, טראָגנדיק אויף מיינע יונגע פּלייצעס דעם שווערן עול פון תורה. כ׳געדענק איינמאָל ווי דער טאַטע האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אינמיטן דער נאַכט און מיר געהייסן אויסטייטשן פון אויסערווייניק אַ שווערע שטעלע פון דער גמרא, איבער וועלכער לומדים האָבן זיך געפּלפּלט און געחקרנט. די שווערע גמרא־שטעלע האָב איך טראָץ מיין פאַרשלאָפנקייט אָפּגעזאָגט ווי אַ וואַסער

מיט אַלע פּירושים און דערפאַר האָט מיך דער פרומער אורח, וואָס איז געהאַט איינגעשטאַנען ביי אונדז, געגעבן אַ קניפּ אין בעקל פון גרויס התפּעלות און מיר דערלאַנגט אַ מתנה אַ זילבערנעם זלאָטע.

דעם טאַטנ׳ס לעדער־מסחר האָט אויפגעהערט צו גיין גוט. די סיבה איז געווען די שווערע שטייערן־לאַסט, וואָס די פּוילישע רעגירונג מיט איר פינאַנס־מיניסטער גראַבסקי בראש, האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידן. זיי האָבן חוץ דעם נאָך געהאַט אויסצושטיין פון די אַנטיסימיטן, די ענדעקעס, וואָס האָבן אַ סך געהעצט קעגן די יידישע סוחרים און האַרעפּאַשניקעס, אַוועקרויבנדיק ביי זיי יעדע מעגלעכקייט צו קענען פאַרדינען אַ גראָשן אויף חיונה. גראַבסקי׳ס דעמאָלטיקע באַרימטע שטייערן־עגלה, האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער יידישערווירטשאַפט. זי האָט אַוועקגענומען פון די יידישע שטובן פאַר די נישט־באַצאָלטע שטייערן, דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע האָב און גוטס, פאַרוואַנדלענדיק אַזוי אַרום מענטשן אין אָרעמע לייט.

יידן האָבן געזיפצט און געקרעכצט אויף דער דאָזיקער פּלאָג וואָס האָט געבראַכט בערג מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען, באַנקראָטן אויף באַנקראָטן און ועל כולם אַ טיפע דערדריקנדע אַנטוישונג וואָס האָט זיך געלייגט אויף די יידישע הערצער ווי שווערער בליי. צווישן די פאַראָרעמטע לייט איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער אַ פאָלקס־לידל מיט פאָלגנדע ווערטער:

גאָלע, גאָלע
זענען מיר אַלע געבליבן גאָלע
דער האַנדל האָט זיך אָפּגעשטעלט
נישטאָ מער ביי קיינעם קיין געלט
פינצטער געוואָרן איז מיר מיין וועלט.

דער שווערער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, האָט זיך אויך

אַריינגעגנבעט אין אונדזער שטוב אַריין. די וואַליער שוסטער, וואָס האָבן ביי אונדז געהאַט איינגעקויפט לעדער אויף צו מאַכן שטיוול, באַצאָלנדיק פאַר דער סחורה מיט וועקסלען, האָבן צוליב דער שווערער לאַגע די וועקסלען געלאָזט גיין אין פראָטעסט און דער טאַטע האָט בלית ברירה אָפּגעשטעלט דעם האַנדל, נישט האָבנדיק צו באַצאָלן צו הורט־סוחרים, ביי וועלכע ער האָט גענומען לעדער אויף קרעדיט. דער טאַטע, וואָס האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת נפש, האָט בכדי נישט צו בלייבן שולדיק קיין געלט,פאַרקויפט דאָס בעסטע פון שטוב און אַליין האָט ער זיך גענומען אומקוקן וועגן עפּעס אַ באַשעפטיקונג כדי צו קענען אויפהאַלטן די פאַמיליע. טעג זענען פאַרביי האָפנונגסלאָזע און פולע מיט פחדים פאַרן מאָרגן, וואָס קען ברענגען מי יודע וואָס פאַראַ שלעכטס.

עס איז געווען פונקט אלול־צייט פון די לעצטע הייסע זומער־טעג. פון וואַליער בית מדרש האָט זיך אין די פרימאָרגנס געלאָזט הערן דער קול פון שופר און אין דער מיט זון דורכגעזאַפּטער לופט האָט זיך געטראָגן דאָס ווייסע שפּינוועב, וואָס די גוים רופן „באַבסקיע לאַטאַ”. דעמאָלט זענען צו אונדז געקומען צוויי בריוו. איינער איז געווען פון שמואל אייכנבוים און האָט אַנטהאַלטן אַן איינלאַדונג פאַרן טאַטן ער זאָל למען השם קומען צו די ימים טובים קיין שעדליסקא — אין דעם פאַלוואַרק, וואָס האָט געדינט דעם רייכן לעדער־פאַבריקאַנט ווי אַ זומער־רעזידענץ. דער צווייטער בריוו איז געווען פון הרב מאיר שאַפּירא, דעם גרינדער פון ישיבת חכמי לובלין און לובלינער רב. דער רב האָט דעם טאַטן פאַרגעלייגט די חשובע אַרבעט פון אַ שליח מיוחד פאַר דער ישיבה. דאָס הייסט, אַרומצופאָרן צווישן די יידישע קהלות פון פוילן און מיט רעדעס ווירקן זיי זאָלן דערטיילן אַ ברייטערע אונטערשטיצונג פאַר דעם דאָזיקן הויכן רעליגיעזן לערן־אַנשטאַלט, וואָס גיט אַרויס פון זיך רבנים, דיינים און אַנדערע גרויסע לייט, וואָס וואָלטן געקענט זיין גייסטיקע מנהיגים ביי יידן.

דער טאַטע, וואָס איז געווען העכסט צופרידן פון דער דאָזיקער נייער ווענדונג אין זיין לעבן, איז אַ האָפּערדיקער אַוועקגעפאָרן קיין שעדליסקאַ

און האָט דאָרטן פאַר די מתפּללים אין בית־מדרש, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַײנגעלאַדענע יידישע סיים־דעפּוטאַטן, באַוווסטע עסקנים און סתם חשובע לייט, אַוועקגעלייגט אַזאַ יום־טובדיק דאַווגען, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געהערט.

לובלינער יידן און זייערע מעשים

נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט איבערגענומען די פליכט פון אַ שליח מיוחד פאַר דער ישיבת חכמי לובלין, האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. זייענדיק אַ לערנער פאַר זיך אין כהנ׳ס בית מדרש, אויף דער טאַרגאָווע גאַס, האָב איך נאָכן טאַטנס אַוועקפאָרן פאַרוואָרפן די גמרא אין אַ זייט און בין מיר ווי אַ פרייער פויגל אַרויס אין גאַס אַריין און גענומען זיך צוקוקן ווי עס לעבן לובלינער יידן אין די שעהן פון טאָג.

מיינע ערשטע שריט האָב איך געמאַכט אויפן יידישן מאַרק, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט ווייט אַוועק מיט זיינע יאַטקעס, פיש־קראַמען און געוועלבלעך, ווו מען האָט געמסחרט מיט ביליקער קאָנפעקציע, קיך־געשיר, בשמים, שפילצייגן, זיסוואַרג און נאָך אַנדערע ביליקע סחורות, וואָס האָבן די הענדלער געבראַכט גראָשנדיקע פאַרדינסטן. דער מאַרק איז געווען פול מיט הילצערנע געשטעלן אויף וועלכע מען האָט פאַרקויפט אַלערליי פרוכטן, גרינצייגן, גענוצטע הלבשה, געטראָגענע שיך, כל המינים פאַטשערקעס פאַר די פויערטעס און שאַרפע געטראַנקען פאַר די אַלע שיכורים, וואָס האָבן זיך תמיד געדרייט אַרום מאַרק. דאָ האָבן פשעקופקעס פאַרקויפט, עפל־קוואַס, זויערע אוגערקעס, הייסע באָבעלעך, דיין געוועלגערטע מאָן־פלעצלעך, וואַרעמע בייגל און אפילו וויינטרויבן, מאַראַנצן און צוקער־זיסע אַרבוזן, וואָס שפּיליטערן האָבן אַהער געבראַכט פון טאַרנאָ־פאָלער געגנט און וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין פאָרם פון צעשניטענע פענעצלעך, פאַרן פרייז פון צען גראָשן אַ פענעצל.

אויפן יידישן מאַרק האָט מען געקענט טרעפן די „ווילדע יונגען" פון לובלין, צווישן זיי גנבים, פאַסערס און פּרעטענסיע־גייער. זיי אַלע זענען

געווען גוטע ברידער מיט די קיילער־יונגען, דראָזשקאָזשעס און וואָזשי־וואָדניקעס, וועלכע האָבן אויפן מאַרק געהאַט זייערע שטיי־פּלעצער. אויך האָט מען אויפן מאַרק געקענט טרעפן פויערן און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן דאָ איינגעקויפט נאַפט, צוקער, בוימל און אַנדערע אַרטיקלען פיל ביליקער ווי אין די גרויסע רייכע קריסטלעכע געשעפטן, וועמענס אייגנטימער האָבן געטופן צו באָיקאָטירן דעם יידישן האַנדל.

אַרום יידישן מאַרק, מיט זיינע צענדליקער קליינהענדלער און האַרע־פּאַשניקעס, האָט זיך קאָנצענטרירט דער יידישער דלות, וואָס האָט ממש אַרויסגעשריגן פון די אָרעמע הויפלעך און ענגע פּאַציאַטקעס, די איינ־וווינער דאָרט האָבן ביטער געקעמפט פאַר דער עקזיסטענץ, זייענדיק דערביי אויסגעשטעלט אויף די ערגסטע שיקאַנעס מצד די גוים. דאָ, אינעם געפלעכט פון שמאָלע געסלעך, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, די גמילות חסדים־קאַסעס, פאַרשידענע אָר־גאַניזאַציעס, חדרים, בתי מדרשים, מנין־שטיבלעך און רבישע קלויזלעך לרוב. קאַטערינשטשיקעס און קונצן־מאַכער האָבן דאָ באַוויזן זייערע קונצשטיק. צעהיצטע געמיטער האָבן זיך דאָ אין די געסלעך געקריגט און איבערגעבעטן. ריחות פון גערייכטע ציבעלעס, זויערקרויט און געקוועטשטן זשעפּאַק־אייל האָבן זיך דאָ געטראָגן אין דער לופט און בלאָטיקע וואַסער־ריטשקעלעך, אָנגעזאַמלטע פון די פילע רעגנס, האָבן דאָ אַרויסגעגלאַנצט פון די רינשטאָקן. נישט געקוקט דערויף זענען דאָ כסדר פאָרגעקומען חתונות, בריתן, שלום־זכרס, פדיון הבן. יידן האָבן צו להכעיס די בייזע גוים זיך משמח געווען, האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט די קליינע חלקים פון גליק און געדאַנקט דריי מאָל אין טאָג דעם רבונו של עולם פאַר זיינע חסדים, וואָס גיבן כוח צו לעבן און אויסצוהאַלטן די אַלע צרות צרורות.

דאָ אויפן יידישן מאַרק און אַרום אים האָט מען זיך אויך געגרייט צו געבן אַ „לעקציע" די יעניקע שקצים, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אַ מאָדע צו שלאָגן יידן אָן אַ פאַרוואָס און דערביי זיך נישט רעכענען מיט עלטערע

לייט און אַפילו נישט מיט קינדער. די ערגסטע אָנפאַלן אויף יידן זענען געמאַכט געוואָרן אין גרויסן שטאָטישן גאָרטן, מיט זיינע שיינע בוימער און בלומען־בייטן. אַמיינסטן זענען די גויאישע אָנפאַלן אויף יידן פאָרגעקומען אין די שבתדיקע פאָרמיטאָקן, ווען די יידישע יונגעלייט, בייזאַמען מיט זייערע כלות, זענען אַוועק אין גאָרטן און זיך געזעצט אויף די בענק כדי איינאָטעמען אין זיך די פרישע גאָרטן־לופט. דעמאָלסט זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן טשאַטעס שקצים, באַוואָפנטע מיט אייזערנע דרענגער, מיט שפרינג־מעסערס און מיט אַנדערע שלאָג־מכשירים און גענומען שלאָגן די יידן אָן רחמנות ביז דאָס בלוט פון די געשלאָגענע האָט אָנגעהויבן גיסן. איז אַנטשטאַנען אַ גרויס געוואַלד, וואָס האָט זיך ווי דער רייסנדיקער ווינט אַוועקגעטראָגן אַהין צו די יידישע גאַסן און דערגאַנגען צו די אויערן פון די גוטע ברידער און צו די אַלע שטאַרקע ווילע יינגלעך פון די פאָרשטעט וואָליע, זאַמד, קליין טשעכיוו און גרויס טשעכיוו. אַלע ווי איינער האָבן, נישט צוטויפגערעדט, באַשלאָסן צו דערלאַנגען די שלעגערישע שקצים אַזאַ גאָב, אַז זיי זאָלן האָבן צו געדענקען אויף קינדער און קינדס־קינדער.

אין אַ ליכטיקן שבתדיקן טאָג, ווען דער שטאָטישער גאָרטן איז פול געווען מיט יידישע פאָרלעך, מיט אַרבעטנדיקע יונגעלייט, מיט טאַטעס און מאַמעס און מיט קינדער דערצו, איז מיטאַמאָל אָנגעלאָפן אַ געזעמל שקצים, צווישן זיי מולערעס חזרים־קוילער און אויך סטודענטן פון דעם קאַטוילישן אוניווערזיטעט. זיי אַלע האָבן ווי די בייזע וועלף זיך געוואָרפן אויף די יידן שרייענדיק דערביי מיט ווילדע קולות:

— ביטש זשידאָוו.

— דאַוואַטש אים פאָ גלאָוויע!

זענען אַקוראַט אין דער מינוט געגעבן אַ קום אָן אויפן אָרט צענדליקער יידישע יונגעלייטלעך, באַוואָפנטע מיט שוסטערישע שטאַמאייזנס, מיט ראַשפיילן, מיט אייזערנע הענטשקעס און מיט שצינאָווע נישט־צעברעכבאַרע שפאַציר־שטעקעלעך, וואָס זענען דעמאָלסט געווען אין דער מאָדע. גלייך

האָבן זיך די יידישע יונגעלײטלעך געגעבן אַ צעפּאַכע מיט די שטעקעלעך. אײזערנע קלעפּ האָבן גענומען פאַלן אויף גויאישקע קעפּ, פּלײצעס און רוקנס מיט אַזאַ געפּלינקטקײט, אַזש די לופט אַרום האָט זיך צעפּײפט און צעשווישצעט ווי מיט פײפעלעך. דעמאָלט האָבן די שקצים, פאַלנדיק צו דער ערד צעבלוטיקטע און צעקײלטע, גענומען ריטשען ווי אָקסן, ווען זײ דערפילן אויף זיך די לעדערנע בײטש.

— אָלאַ באָגאַ!

— מאַטקאַ באָסקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ!

אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט, זענען די העלדישע יידישע יונגעלײטלעך אַריבערגעשפּרונגען די מויער וואָס פירט קײן גרויס־טשעכיוו און „משה זוך מיך”. אַזוי אַרום האָט גענומען אַ סוף צו די ווילסטע אָנפאַלן אויף יידן אין שטאָטישן גאָרטן. זײ, די שלעגער, האָבן מער נישט געוואָגט צו באַפאַלן אַ יידן וואָס איז געזעסן אויף דער גאָרטן־באַנק. האָבן לובלינער יידן, בעיקר די יידישע שפּאַצירנדע יוגנט, וואָס האָט אין די בײנאַכטן שפּאַצירט אויף די גערוימע קריסטלעכע גאַסן, נישט פאַרפעלנדיק דערבײ דורכצושפּרײזן דעם שטאָטישן גאָרטן אין דער לענג און אין דער ברײט — פרײער אָפּגעאָטעמט.

דעמאָלט האָב איך זיך שוין מיט ווײניקער פּחד אין האַרצן אַוועקגעלאָזט אַהין צו די ווײטערע קריסטלעכע מקומות אין דער שטאָט כדי קענען זען די רוסאַלקע, אַ מין לונאַ־פּאַרק אין קלײנעם פאָרמאַט. דאָרט איז געווען אַ קינסטלעכע אָזיערע אין וועלכער מען האָט זיך געשיפט מיט קלײנע שיפלעך און חוץ דעם אַ רײע אַנדערע פאַרווײלונגס־ערטער, וואָס האָבן זײער געלאָקט אַזאַ חסידל ווי איך, וואָס איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט תורה. עס האָט מיך אויך געצויגן צו הערן די פאַרשידענע הויף־זינגער, (טרובאַדאָרן בלע"ז) מיט זײער פאַרביקער הלבשה. די דאָזיקע זינגער האָבן געהאַט שײנע קלינגענדע שטימען און האָבן אויסגעזונגען די שענסטע לידער.

דער טאַטע פון זײן זײט איז אַרומגעפאָרן איבער פּוילנס שטעט און שטעטלעך. ער האָט פאַר די דאָרטיקע יידן געהאַלטן פײערדיקע דרשות.

דער טאַטע האָט אַהיים געשיקט געלט אויף אויסהאַלטונג און נישט פֿאַרגעסן צו פֿרעגן וועגן וועקסלען וואָס די שוסטער האָבן געלאָזט גיין אין פּראָטעסט, צוזאָגנדיק, אַז זיי וועלן ווי ווייט מעגלעך זען זיי אויסצולייזן. דעם צוזאָג האָבן זיי נישט געהאַלטן און דער פּאַק וועקסלען האָט דערווייל זיך אַרומגעוואַלגערט אין שטוב, ווערנדיק דערביי באַדעקט מיט אַ זילבערנעם שימל.

בין איך מיר, הייסט עס, אַרומגעגאַנגען איבער די לובלינער מקומות, האָב געשפּרייזט איבער מקום צו מקום. כ׳בין אַריבער געצוימטע הויפֿן מיט נידעריקע, האַלב־איינגעפֿאַלענע הייזקעס. זייערע ווענט זענען געווען אָפּגעשיילט און פֿאַרקאָפּטשעט און די באַוווינער זענען געווען אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, קבצנים בני קבצנים. צווישן אָט דעם הייזער־געפֿלעכט האָבן זיך געפֿונען רבי׳שע שטיבלעך, ווו בחורים ווויל־לערנער זענען געזעסן אַרום די אָפֿענע גמרות און זיך פֿאַרטיפֿט אין לערנען. מיט זיי פֿלעג איך נישט איינמאָל זיך פֿאַרהערן און זיך שפּאַרן איבער דער אָדער יענער סוגיה, איבער אַ תוספֿת׳ל און איבער אַנדערע מפֿרשים.

אַמיינסטן האָט מיך געלאָקט דאָס הו־הא־לעבן אַרום דער אַזוי גערופֿענער „פֿאַרקאַטער בראַם“, מיט אירע אַלטע דיקע מויערן, געוועלבטע דורכגענג און לעכער וואָס האָבן געדינט אַלס שיס־פֿענצטערלעך. אַרום דער בראַם, וואָס איז געווען באַוווינט פֿון יידן און פֿונוואַנען עס האָט זיך אַמאָל געהאַט אַוועקגעצויגן אַ בריק צום שלאָס, האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס לובלינער יידישע אָרעמקייט. דאָ, אויף דעם מיט שטיינער געפֿלאַסטערטן רונדיקן פּלעצל, וואָס איז געווען פֿאַרשטעלט מיט האַלב־צעבראָכענע הייזער און געשעפֿטן, איז תמיד אָנגעגאַנגען אַ געפּאָרעריי פֿון דראָזשקעס און באַלעגאָלישע וועגענער און אַ שטענדיקער געווימל פֿון מענטשן. אַלערליי בעלי מלאכות האָבן דאָ אויסגעפּאַרטיקט זייערע באַשטעלעכצן. קליין־סוחרים האָבן דאָ געהאַנדלט מיט קאַלך, הערינג, בשמים און געוויקסן. ווייבער „פּזשעקופּקעס“ האָבן דאָ אויפֿן פּלעצל פֿאַרקויפֿט הייסע קיילעכיקע אַרבעס, צוקער־קיכלעך און אויך קנעפּלעך מיט שנוראָוואַדלעס. ריחות פֿון געבראָטענע לעבערלעך, געפּרעגלטע פֿליישן און געבריטע ניסלעך האָבן

זיך דאָ געטראָגן אין דער לופט. פון די אָפענע פענצטער און טירן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס געקלאַפעריי פון שוסטערישע העמערלעך אויף די האַרטע לעדערנע פּאָדעשוועס, דאָס געשטעפעריי פון די ניי־מאַשינען און דאָס געהובלעריי פון די סטאָלער איבער די סענקעוואַטע ברעטער. פון צייט צו צייט זענען דאָ אויסגעבראָכן קריגערייען צווישן די ווילדע יונגען צוליב געגנבעטע סחורות און פון צייט צו צייט האָט זיך דאָ אויך באַוויזן זינגער, דער משומד, וואָס איז געווען אַ געהיימער פּאָליציי־אַגענט און האָט דאָ געהאַט וווינען זיין טאַטן, דעם קאַמאַשן־שטעפּער.

פּאַראַעל מיטן רונדיקן פלעצל איז געלעגן די גראָדזקע גאַס, וואָס האָט געשטעקט צווישן דער „פּאַרקאַקטער בראַם" און דער קראָקאָווער בראַם, דורך וועלכער מען איז אַריין אין די קריסטלעכע גאַסן, וואָס האָבן מיט זייער רחבותדיקייט געצויגן צו זיך די יידן פון די אָרעמע געהויקערטע הויפן און געסלעך.

אויף דער גראָדזקע, ווו הערמאַן האָט געהאַט שטיין זיינע „כלות" האָט זיך געפונען דער וואַרשטאַט פון לייבל גרין, דעם מומחה אויף צו פאַריכטן ניי־מאַשינען. ער איז געווען פון די זעלטענע לובלינער וואָס האָבן געהאַט דעם כבוד צו זיין אָנגעשטעלט אין שטאָטישן, יידן־פיינטלעכן מאַגיסטראַט, ווו אַ ייד האָט דאָרט נישט געהאַט קיין דריסת רגל און פונוואַנען עס האָבן זיך תמיד געשיט די ביטערע גזירות קעגן די לובלינער יידן.

לייבל גרין, וועלכער האָט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט און אַ גוטן קאָפּ, איז געוואָרן אַ מאַגיסטראַטסקער אָנגעשטעלטער אין די שפּעטערע יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער מאַגיסטראַט האָט געהאַט נאָר וואָס אַוועקגעשטעלט אויף די גאַסן גאַזאָלין־לאָמפּן, וואָס האָבן באַלויכטן דאָס ביינאַכטיקע פינצטערניש, וואָס האָט געהערשט אין דער שטאָט בעת דער צאַרישער הערשאַפט. אַזוי ווי אין גאַנץ לובלין האָט זיך דעמאָלט נישט געהאַט געפונען קיין גוי, וועלכער זאָל קענען די תורה פון אָנצינדן די נייע גאַזאָלין־לאָמפּן איז דעריבער דער גורל געפאַלן אויף לייבל גרין.

אין ערשטן פֿאַרנאַכט פֿון אָנצינדן די גאַזאָלין־לאָמפּן האָט זיך לייבל גרין אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן געפּרעסטן אָנצוג מיט אַ שטייפֿן קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ און מיט אַ זיידן שלייפֿעלע הינטערן קאָלנער פֿון העמד. אַזוי אויסגעפּוצטערהייט, איז ער מיט זיין געטרייען געהילף האַמפּל „טשוואָק״ פֿון איין זייט און מיטן לאַנגן שטעקן פֿון דער צווייטער זייט, אַוועק איבער דער שטאָט, וואָס איז געווען איינגעהילט אין פֿינצטערניש. און לייבל גרין האָט גענומען באַוויזן וווּנדער אָנצינדנדיק מיט זיין כּישוף־שטעקן איין גאַסן־לאָמפּ נאָכן אַנדערן איז ער גלייך געוואָרן פּאָפּולער צווישן די לובלינער יידן און אפֿילו ביי די גויים. אַלע האָבן געזען בפּירוש ווי ער, לייבל גרין, וואָס איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין מאַגיסטראַט, איז אויסגעקאָכט מיט אַלע גרויסע לייט פֿון דער שטאָט, וועלכע טוט איצט, אַ דאַנק לייבלען, לייכטן ווי מיט יומטובדיקער ליכט.

לייבל גרין האָט געטריי אויסגעפֿירט זיין אַרבעט. לובלינער יידן האָבן אים מקנא געווען צוליב דעם געלט וואָס ער באַקומט יעדן חודש צוגלייך מיט אַלע מאַגיסטראַט־באַאַמטע ווי אויך צוליב זיין שוואַרצן געפּרעסטן אָנצוג מיטן האַרטן צילינדער וואָס ער טראָגט אפֿילו אינדערוואָכן. דערפֿאַר האָבן אים לובלינער לצים געקרוינט מיטן צונאָמען: „לאָרד קאָקס פֿון דער גאַזאָווניע״ און גלייכצייטיק האָבן זיי פֿאַרפֿאַסט אַזאַ לידל וועגן לייבל גרין.

פֿאָר איך מיר אַרויס צו לייבל גרין
לייבל גרין פֿאַריכט מיר די מאַשין
כ׳האָב פֿאַרזעצט אַ שפּילקע בייע
און צו שפּילן איז אַ מחיה
אויף מיין כּלה׳ס גראַמאָפֿאָן
שפּילט לייבל דאָס מאַגיסטראַטסקע ליד.

נאָכדעם ווי לייבל גרין איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין מאַגיסטראַט, האָט אים שוין מער נישט געפּאַסט צו זיין אַ לאָמפּן־צינדער. ער האָט

דערפֿאַר איבערגעגעבן די דאָזיקע וואַשנע אַרבעט זײַן געטרײַען געהילף האַמפּעל „טשוואָק" אויף וועמען מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער — האַמפּעל „טשוואָק" איז נישט אינגאַנצן אין אָרדנונג מיטן שכל און אַז עפּעס טרויעריקס האָט געמוזט מיט אים פּאַסירן. דעם אמת געזאָגט האָט האַמפּעל „טשוואָק" זיך טאַקע נישט אויפגעפֿירט אַזוי ווי עס באַדאַרפֿט צו זײַן. ער האָט אינמיטן דער אַרבעט געקענט זיך אַ שטעל טאָן אין אַ טראַגישער פּאָזע, פֿאַרלייגן די הענט אויפֿן האַרצן און אויפֿזינגען אַזאַ לידל:

אויף דער גענשע גאַס
איז געלאָפֿן אַ ווײַבל
ווי אַ טײַוול
גיך און געשווינד
אָנזייגן דאָס קינד
האַמפּל „טשוואָק"
איז אַרויף אויפֿן דריטן שטאָק.

אָפּגעזונגען האָט זיך האַמפּל טשוואָק צעוויינט ווי אַ קליין קינד און אַזוי וויינענדיק האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט צו די גאַסן־לאָמפּן און זיי גענומען אָנצינדן מיטן לאַנגן צינד־שטאָק. דערבײַ האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו זינגען דאָס לידל מיטן „ווײַבל פֿון דער גענשע גאַס".

אין אַ צייט אַרום האָט מען זיך געניוער דערוווּסט וועגן דער געשיכטע פֿון דאָזיקן ווײַבל מיטן נאָמען שאָשע. זי איז געווען נישט קיין אַנדערע נאָר זײַן אייגן ווײַב, וועלכע האָט אים צו דער צייט געהאַט געבוירן אַ קינד. איינמאָל האָט זי איר קינד, וואָס איז נאָך נישט געהאַט אַלט געווען קיין יאָר, געלאָזט ליגן אין בעטל און אַליין איז זי אַוועק שפּאַצירן אויף די וואַרשעווער גאַסן. נאָכן אָפּשפּאַצירן אַ גוטע פּאָר שעה האָט זי זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אינעם קינד און גענומען לויפֿן אַהיים, צו דער גענשע גאַס. דאָרט האָט זי אָבער צו איר גרויסן אומגליק געטראָפֿן דאָס קינד אָן סימנים

פון לעבן. אַז האַמפל „טשוואָק״ איז אַהיים געקומען און דערזען דעם בראַך האָט ער אַלץ געלאָזט שטיין און איז אוועק וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן. גייענדיק אַזוי איז ער אָנגעקומען צו לייבל גרין קיין לובלין.

לייבל גרינ׳ס נאָענטער שכן איז געווען מאָטל „תחמוד״, דער קאַמאַשן־שטעפּער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ דינע פיגור מיט אַ גאָרגלדיקן האַלדז דורך וועלכן ער האָט כסדר אויסגעגאָרגלט זיינע באַליבטע טעאַטער־לידער. מאָטלס ווייב, די דיקע געלע לאה, וואָס האָט זיך קוים געקענט רירן, אַזוי דיק איז זי געווען, האָט נישט אויפגעהערט מאָטלען דערגיין די יאָרן: — אַ פאַרדינער ביזטו? אַ דרעד־ליגער ביזטו!

האָט מאָטל „תחמוד״ פון גרויס עגמת נפש אויפגעזונגען דאָס ליד פון „כינקע־פינקע״.

וואָס מאַכט מען אַ ברכה איבער נייע קליידער
מלביש ערומים
און אַז דאָס ווייב מאָרדעוועט דעם מאַן כסדר —
מתיר אסירים —

בין איך מיר הייסט עס געגאַנגען אַזוי אויף דער גראָדזקע גאַס און דערהערט מאָטלס געזאַנג, וואָס האָט מיך גלייך צוגעצויגן. אַז מאָטל „תחמוד״ האָט דערזעענדיק מיך שטיין פאַר דער טיר מיט דער מינע פון אַ צוהערער, האָט ער אַזוי זיך אָנגערופן צו מיר:

וואָס שטייסטו חסידל אינדרויסן און קוקסט אַריין, בעסער קום אַריין און קוק אַרויס.

בין איך אַריינגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן מאָטלען.

— וועמענס ביזטו יינגל?

— מרדכי יעקב׳ס זון בין איך.

— מרדכי יעקב דעם לעדער־סוחר?

— אַזוי הייסט עס

— האָסטו דאָך געקענט באַלד אַזוי זאָגן — האָט זיך מאָטל תחמוד געוויצלט און דערביי אויפגעזונגען דאָס באַוווּסטע לידל פון שיר השירים:

שוין אָפּגעלעבט מיינע אַכציק יאָר
ווי שנעל זיי זענען פאַרפלויגן
ווייס ווי שניי זענען מיינע גאָלד בלאָנדע האָר
רוקן אין דרייען איינגעבויגן
קינדער יאָרן כ׳וועל זיי נישט פאַרגעסן
זיי טאָן נאָך אין מיינע אויערן קלינגען.

מאָטל תחמוד האָט אויפגעהערט נייען די כאָלעווע.

— ווילסט גיין אין יידישן טעאַטער ?

— פאַרוואָס נישט

— אַז דו ווילסט יאָ חסידל קום זשע צוגיין צום „פאַנטעאָן״ וועל איך דיך אַהין אַריינפירן.

פונקט דעמאָלט איז דאָס טעאַטער־שטיק — די רומענישע חתונה — וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין לובלין מיט גרויס דערפאָלג, געווען דער שלאָגער פון טאָג. אפילו חסידיש געקליידעטע יידן האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט צו זען די פאָרשטעלונג און צו הערן די שלאָגער ־לידלעך פון קאָמפּאָנייעצס באַגאַבטער אַקטיאָרן־טרופּע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויפירן די דאָזיקע פּיעסע ביי טראַכטענבערגן אין טעאַטער.

אין איין שיינעם פאַרנאַכט, צווישן מנחה און מעריב, ווען קינד און קייט האָט זיך גענומען גרייטן צו דער נאַכט־מנוחה, בין איך מיר דעמאָלט אַוועק אַהין צום יידישן טעאַטער און זיך געשטעלט וואַרטן אויף מאָטל „תחמוד״.

דאָס חסידישע טוכענע היטל האָב איך פאַרשטופּט אין דער קעשענע פון מיין געהאַקטער קאַפּאָטע. די לאַנגע פאות האָב איך פאַרלייגט הינטער די אויערן און אַליין בין איך געשטאַנען אין איין ציטערניש און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף מאָטל „תחמוד״, וועלכער האָט זיך אָבער נישט באַוויזן. דערווייל איז די צייט געלאָפן. דאָס גלעקל — דער סימן, אַז די פאָרשטעלונג גייט זיך באַלד אָנהויבן האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען און

איך, וועלנדיק שוין זיין אינעווייניק האָב גענומען און אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך: איך האָב אָנשטאָט צוצוגיין צו דער קאַסע און צו קויפן אַן איינטריטס־קאַרטע, געגעבן דאָס געלט צו עפּעס אַ יונג, וועלכער איז מיטן געקויפטן בילעט אַליין אַריין אין טעאַטער לאָזנדיק מיך שטיין אַ באַנאַרישטן און אַ פאַרשעמטן דערצו. נאָר לאַנג בין איך אַזוי נישט געשטאַנען ווארום אַט האָטזיך מיטאַמאָל באַוויזן דער טעאַטער־דירעקטאָר טראַכטענבערג בכבודו ובעצמו, פירנדיק מיט זיך דעם יונג, דעם שווינדלער, וועמען ער האָט נישט לאַנג טראַכטנדיק אַרויסגעוואָרפן פון פאָיע אויף דער גאַס און מיך אַליין האָט ער אַרויפגעפירט אויבן אויף דער גאַלעריע, מחמת אין זאַל און אויף די באַלקאָנען איז נישט געווען קיין פרייער פּלאַץ.

גלייך האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט, אַזוינע וואָס כ׳האָב אפילו אין חלום נישט געזען. דאָס איז געווען אַ וועלט פון פאַרביקע דעקאָראַציעס וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג, פון שיינע טענץ און וווּנדער־לעכע געזאַנגען און מיט אַ סיפּור המעשה, וואָס האָט גערירט ביז טרערן. ערשט שפּעטער בעת דער פּויזע האָט זיך מאָטל „תחמוד" באַוויזן פאַר מיינע אויגן.

— דאָס האָסטו ייִנגל מיר צו פאַרדאַנקען.

— וואָס הייסט אייך, האָב איך געפרעגט.

— כ׳האָב דאָס אַלץ צוגעזען פון דערווייטנס און בין אַוועק צו טראַכטענבערגן כדי אים דערציילן פון דער עוולה, וואָס דער יונג איז קעגן דיר באַגאַנגען.

שפּעטער אַז כ׳בין געוואָרן מער באַפריינדעט מיט מאָטל „תחמוד" האָב איך זיך דערוווּסט דעם סוד פון זיין ווערן אַ גאַנצער כל ולך ביי טראַכטענ־בערגן אין טעאַטער אָנגעהויבן האָט עס זיך בשעתן אויפירן אין טעאַטער די פּיעסע „לא תחמוד" געשריבן פון אַ סאַקצער און באַאַרבעט דורך אברהם גאָלדפאַדען. פונקט דעמאָלט האָבן די אַקטיאָרן זיך געניטיקט אין אַ העלן רעגן־מאַנטל און נאָך זוכענישן האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן מאָטלען,

וואָס האָט געהאַט אויף זיך טאַקע אַזאַ מאַנטל. פאַר אויסלייען דעם דאָזיקן מאַנטל איז מאָטל געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין טעאַטער און האָט פון צייט צו צייט באַקומען אפילו צו שפּילן אַז עפּיזאָדן־דאָלע און האָט זיך דערפאַר גענומען האַלטן פאַר אַ גאַנצער אַקטיאָר.

זייט דעמאָלט בין איך ווי עפּעס אַן אַנדערער מענטש געוואָרן. די געהאַקטע חסידישע קאַפּאָטע מיטן טוכענעס היטל האָב איך אָוועקגעלייגט אין אַ זייט און אָנגעטאָן אַ קורצן אַנצוג מיט אַ ווייכן פילצענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. איך האָב אויך אויסגעטוישט די שטיוועלעטן מיט די גומענע אויערן אויף געשנורעוועטע שיך און אָנגעהויבן טראָגן העמדער מיט שטייפע קעלנער, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. די גמרא און די אַלע ספרים וואָס האָבן צו טאָן מיט משנה־תורה האָב איך אויך אָוועק־געלייגט און אויף זייער אָרט גענומען לייענען קלאַסישע ווערק פון שלום עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, זלמן שניאור, שלום אַש, חיים נחמן ביאַליק און אַנדערע. כ׳האָב אויך נישט דורכגעלאָזט די שאַפונגען פון קריסטלעכע מחברים — פּראָזאַיקער און פּאָעטן. כ׳האָב ממש געשלונגען די ווערק פון לאָנגפעלאָ, לערמאָנטאָוו, היינע, פּושקין, מיצקיעוויטש, פלאָבער, אַנאַטאָל פראַנס, שילער, ראָמען ראָלאַן, מאַרסעל פּרוסט און גוטפריד קעלער. דאָס אַלץ האָב איך דורכגעלייענט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ווען דער פראָסט האָט געסקריפּעט אויף די שויבן און ווען אַ געדיכטער שניי איז געפאַלן אָן אויפהער, פאַרדעקנדיק די וועגן.

כ׳האָב אָבער אויך נישט פאַרגעסן אַריינצוכאַפּן זיך אין די חסידים־שטיבלעך און זיך אַמפּערן מיט די לומדישע בחורים וועגן שווערע סוגיה׳ס פון דער גמרא, צו פּלפּלן זיך איבער אַ האַרבן תוספת און ווידעראַמאָל אַריינצוקוקן אין רמב״ם ״יד החזקה״.

דער דלות האָט דערווייל געפּיפּט אין אַלע ווינקעלעך. לובלינער סוחרים, האַנטווערקער און סתם יידן, האָבן נישט אויפגעהערט קרעכצן און זיפצן צוליבן שווערן שטייערן־לאַסט. אַרבעטסלאָזע בחורים האָבן זיך נישט געשעמט צו גיין אויף פרעמדע חתונות און עפּעס אַ כאַפּ טאָן פון די

טעלער. פונדעסטוועגן אַז עס איז געקומען דער שבת האָט מען זיך אויסגעפּוצט אין די שבת־יומטובדיקע בגדים און זיך אַוועקגעלאָזט אויף „מאַיאָווקע" צו די ברייטע לאַנקעס, ווו חתנים האָבן די קעפּ געלייגט אויפן שויס פון די כלות און געחלומט פון בעסערע צייטן. יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעלאָזט שפּאַצירן אויפן „דעפּטאַק" — די קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע, ווו די גויים האָבן געהאַט די אויבערהאַנט און יידן זענען נישט איינמאָל ברוטאַל צעשלאָגן געוואָרן. געווען אַ פּאַל מיט אַ יידישן בחור מיטן נאָמען מאיר, וועמען עס האָט זיך אויף דער דאָזיקער גאַס פאַרגלוסט צו רויכערן אַ פּאַפּיראָס. אַזוי ווי עס איז געראָד געווען אַ ווינט האָט ער זיך געשטעלט ביי אַ וואַנט און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָנצוצינדן דאָס שוועבעלע איז ער באַפאַלן געוואָרן דורך אַ כאָפּטע שקצים, וועלכע האָבן אים צוערשט מוראדיק צעשלאָגן און דערנאָך איבערגעגעבן דער פּאָליציי. דער בחור איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה פאַר רויכערן ביי אַ קלויסטער־וואַנט. אַרויסגעקומען איז ער פון דער תפיסה אַ האַלב־טויטער מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און צעבראָכענע ריפּן. ער האָט געקרענקט אַ צייט ביז ער איז צו זיך געקומען.

אַ צווייטער פּאַל וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לובלין איז געווען מיט די בהמות־הענדלער שפּיץ און שטערן, וואָס זענען דורכן לובלינער געריכט פאַרמשפּעט געוואָרן צום טויט אַלס באַשולדיקטע אין אומברענגען אַ פּויער און באַרויבן זיין געלט. די דאָזיקע ביידע דאָרפס־גייער זענען געווען אָרנטלעכע פרומע יידן, וואָס האָבן נישט פאַרפעלט צו דאַווענען יעדן טאָג אין בית מדרש. אין דעם פאַטאַלן טאָג האָבן זיי געקויפט ביי אַ פּויער אַ בהמה און זי געבראַכט אין שטאָט אַריין צו פאַרקויפן דעם קצב. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו פאַרקויפן די קו דעם קצב, זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג אין דערמאָרדן דעם פּויער און אין צורויבן ביי אים דאָס געלט וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַר דער קו.

גלייך האָבן זיך אָפּגעפונען יידן־פיינטלעכע פּויערים וואָס האָבן אויפן פּראָצעס עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי די געמשפּטע האָבן

דערהרגעט דעם פויער אין וואַלד. די ריכטער האָבן אויפן סמך פון די דאָזיקע עדות פאַרמשפּעט די צוויי יידן צום טויט. די עקזעקוציע איז אַמשנעלסטן אויסגעפירט געוואָרן. לובלינער יידן וואָס זענען געווען איבערצייגט אין דער אומשולד פון די פאַרמשפּעטע האָבן געדענקט דעם דאָזיקן טרויעריקן פאַל, וואָס האָט געוויזן ווי גרויס עס איז די שנאה צו יידן, ווי וויניק די גויים שאַצן אָפּ דעם פאַקט וואָס אַ סך פון זיי זענען באַשעפטיקט אין די לעדער־פאַבריקן פון שמואל אייכנבוים, פּסח בריקמאַן, לייזער דוד זילבערשטיין און אין אַנדערע.

נישט קוקנדיק אויף דער שנאה מצד די קריסטלעכע איינוווינער האָבן יידישע בחורים און מיידלעך שפּאַצירט אין די ביינאַכטן אויף דער שענסטער גאַס. שפּאַצירנדיק אַזוי געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן, פאַרפירט ליבעס און חתונה געהאַט. די חתונות זענען פאַרגעקומען אין לייבעלע זייפשטיינס באַוווסטער חתונה־סאַליע. יידישע יונגעלייט האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגען, האָבן געטריבן ספּאָרט, געמאַכט אויס־פלוגן צו דער ווייסל, זיך געריסן צו העכערער בילדונג און געווען אַקטיווע מיטגלידער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען, אַנשטאַלטן און גרופּירונגען וואָס האָבן געשטאַלטיקט דאָס יידישע לעבן אין יענער צייט.

אין די יידישע פאַרבלאָטיקטע געסלעך האָט זיך געקייקלט די טאָג־טעגלעכעווירקלעכקייט. באַלעבאָסטעס ביי וועמען דער גראָשן האָט שטענדיק אויסגעפעלט האָבן בכדי נישט בלייבן הינטערשטעליק כלפּי די מער פאַרמעגלעכע געפּוצט און גערייניקט די שטיבלעך אין צוגעבויטע פאַציאַטקעס און אין טוכלע קעלערן ווו די זון האָט זעלטן וועגן אַריינגעשיינט. קיצלדיקע ריחות פון יידישע מאכלים האָבן זיך דאָ אין די געסלעך געטראָגן אין דער לופט, בייזאַמען מיטן געדיכטן רויך וואָס האָט געשפּאָרט פון די קוימענס. חדר־יינגלעך האָבן דאָ געלאָזט הערן דעם קול תורה פון די חדרים אַרויס. קינדער האָבן דאָ זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש און אַלטע לייט זענען דאָ געזעסן אויף די הייזער־שוועלן און געוואַרעמט די האַלב־פאַרשטאַרטע גלידער אויף דער זון. פון צייט צו צייט האָט זיך דאָ אין די

געסלעך צעקרייעט אַ האָן און אַ באָק מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד האָט זיך צעלאָזט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, שפּרינגענדיק איבער פּאַרקאַנעס און נידעריקע דעכער. ווו נישט ווו האָט אַ פויגל זיך צעקראַקעט אויף אַ שינדל־דאַך און אויפן הימל, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אויסגעלייטערט, האָבן זיך באַוויזן אין פלי ווייסע טויבן. ערגעץ צווישן פאַרבויטע קעמערלעך און מיסט־קאַסטנס האָבן זיך קעץ צעמיאַוטשעט און עס האָט זיך דערביי געלאָזט הערן דאָס געבילעריי פון הינט. אינמיטן פון דעם אַלעמען האָט דאָס טייכל, וועמענס מוטנע וואַסער האָט זיך דאָ שטיל פאַרבייגעשטראָמט, געשלעפּט מיט זיך דאָס פּסולת פון גאַנצן אַרום.

איז געקומען פּסח צייט, האָבן זיך ווי תמיד אויפגעמאַכט די מצה־פאַבריקלעך, ווו אַרום לאַנגע הילצערנע טישן זענען געשטאַנען ווייבער וועלגערקעס, נעבן זיי רעדלער, שייבערס, וואַסער־גיסער און בערדיקע טרעגער מיט שטריק אַרום די לענדן און מיט גרויסע קוישן אָנגעפילטע מיט מצות אויף די פּלייצעס גרייט אַוועקצוטראָגן זיי צו די באַשטעלער. איז דער טאַטע אַהיימגעקומען פון זיינע נסיעות און דערזעענדיק מיך אין דעם היינטמאָדישן הולך, האָט ער לאַנג לאַנג געקוקט אויף מיר און געשוויגן. ערשט צום סדר, ווען אַן אָנגעלענטער אויפן היסב־בעט, האָט ער זיך גענומען גרייטן צו זאָגן די הגדה, האָט ער אַזוי אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— ווי כ׳זע, וועסטו שוין מיין זון קיין רב נישט ווערן! און צוגעגעבן: דאָס יידישקייט זאָלסטו אָבער זען צו האַלטן.

נאָכדעם האָט דער טאַטע גענומען זאָגן די הגדה מיט ברען און התלהבות. דער טאַטע, האָט ווי זיין שטיינער איז געווען זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער שטעלע פון דער הגדה פאַרטייטשנדיק זי מיט משלים און אַז עס איז געקומען צו פאַרטייטשן די לעצטע הגדה־שטעלע, האָט שוין דעמאָלט אינדרויסן גענומען בלאָען. אַן אָנזאָג, אַז עס גייט אויף אַ נייער טאָג.

דער שטאַרקסטער צווישן די שטאַרקע

לובלינער באַלעגאָלעס האָבן נישט איינמאָל באַוווּנדערט די גבורה פון זייער עלטסטן אברהם הויזשעבאָוו, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ גאָלדן האַרץ און איז תמיד געווען גרייט צו העלפן יענעם אין דער נויט, מעג עס זיין אפילו אַ שונא. וועגן אברהם הויזשעבאָווס גוטסקייט האָט מען אין דער שטאָט דערציילט גאַנצע מעשיות. אַזוי אַ שטייגער האָט מען גערעדט, אַז אברהם הויזשעבאָוו טיילט צדקה בסתר און אַז ער פאַרפעלט נישט צו פאַרטיילן אין ערב שבת צו אָרעמעלייט חלות מיט פיש און אַ פונטל פלייש דערצו. אַליין איז ער געווען ווייט פון צו זיין אַ גביר. זיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ קליין אייגן הייזל, וואָס ער האָט באַקומען אַלס נדן פון זיין ווייב שיינדל, וועלכע איז להיפוך צום מאַן געווען דאַר און מאָגער ווי אַ שפאַן. אַז ביידע זענען שבת פאַרנאַכט אַרויס אין גאַס אַ ביסל צו שפאַצירן, האָבן מענטשן געזאָגט אויפן ברייט־פּלייציקן אברהמען, אַז ער קען דאָס ווייבל זיינס אַריינשטעקן אין דער קעשענע פון שבתדיקן כאַלאַט זיינעם. אַז אברהם הויזשעבאָוו איז געגאַנגען אין גאַס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטיינער ציטערן אונטער זיינע פיס. און אַז ער האָט נאָר געגעבן אַ הויכן זאָג, האָבן מענטשן געזאָגט, אַז נישט אַנדערש ווי עס וואָלט געדונערט פאַר אַ רעגן. אַ געוויסן טאָג האָט אַן אָנגעלאָדענע פלאַטפאָרמע מיט שווערע סחורות געפעק זיך איבערגעקערט און פאַרדעקט דעם באַלעגאָלע פון קאָפּ ביז די פיס מיטדער משא. די פלאַטפאָרמע האָט זיך חוץ דעם אַרויפ־געקייקלט אויף די פיס פון דעם באַלעגאָלע, אַזוי אַז ער האָט זיך נישט געקענט רירן. פון גרויס ווייטיק האָט ער געקרעכצט און געיאָמערט און די מענטשן, וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן, האָבן נישט־וויסנדיק ווי

אַזוי אים צו העלפן מיטגעקרעכצט און באַוויינט ווי מען באַוויינט אַ טויטן.

דעמאָלט איז אברהם הויזשעבאָוו געגעבן אַ קום פון ערגעץ און דערזעענדיק וואָס עס טוט זיך האָט ער שנעל פאַרקאַטשעט די אַרבל און דאָס ערשטע גענומען באַזייטיקן די שווערע געפעק וואָס האָבן געוויגן מי יודע וויפל. מיטן כוח פון אברהמ׳ס אייזערנע הענט זענען זיי געפלויגן פון אָרט. פטור געוואָרן פון דער שווערער משא האָט אברהם געגעבן אַ צעשפּאַר זיינע ברייטע פּלייצעס און מיט איין נעם אויפגעהויבן פון אָרט די איבערגע־קערטע שווערע פּלאַטפאָרמע און געשריען דערביי צו די מענטשן אַרום:

— וואָס שטייט עטץ ווי גולמס! נעמט אים פאַרן קאָפּ און שלעפּט אים אַפּער איידער ער מאַכט אַ חלוש.

אַ צווייטער טאָט פון אברהמ׳ס גבורה איז פאַרבונדן מיט אַזאַ געשיכטע: קיין לובלין איז אין אַ געוויסן ווינטער־טאָג געקומען צו פאָרן מיט דער שטעטלשער פור די שיינע בראָנטשע, האָבנדיק בדעה זיך שטעלן אַרבעטן אַלס דינסט אין אַ באַלעבאַטיש הויז. איידער וואָס און איידער ווען האָבן זיך צו דער שיינער בראָנטשע צוגעשאַרט אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן אַרום איר פאַרלייגט אַ נעץ פון וועלכער עס איז זייער שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן. האָט זיך די שיינע בראָנטשע אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין דער דאָזיקער נעץ, אַז נישט וויסנדיק ווי אַזוי האָט זי זיך דערזען אין פריילעכן הייזל פון גאָלדע מאַלע, אַן אָנגעטאָענע אין סאַמעט און אין זייד און אַ גרייטע אַרויסצוגיין אויף דער „בוקעטע״.

בראָנטשעס פאָטער וואָס איז געווען אַ שוסטער אין קליינעם שטעטל האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין טאָכטער גייט ווערן אַ גאַסן־פרוי. קלערט ער נישט לאַנג קומט צופאָרן קיין לובלין און האָט גענומען איינרייסן ווענטן כדי אַרויסצוראַטעווען זיין קינד פון דעם זומפּ. מענטשן וואָס האָבן מיטגעפילט מיטן פאַרצווייפלטן פאָטער האָבן אים לסוף אָנגעוויזן אויף אברהם הויזשע־באָוו, זאָגנדיק, אַז נאָר ער, אברהם, קען אים אַרויסהעלפן אין דער נויט.

אברהם פון זיין זייט האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער איז הענדום

פּענדום אַוועק צו גאָלדע מאַלי אין הייזל און געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש מיט אַזאַ כוח, אַז די פּלאַטע האָט זיך צעבראָכן אויף שטיקער.

— שוין די מינוט זאָל בראָנטשע צוריקגעקערט ווערן צו אירע טאַטע מאַמע, אַז נישט מאַך איך פון אייך אַלע קרעפּל־פּלייש.

דאָס פאַרפירטע מיידל איז גלייך איבערגעגעבן געוואָרן צום פאָטער, וועלכער האָט שפּעטער זי אַוועקגעשיקט מעבר לים, זי זאָל דאָרטן „ווערן אַ מענטש״.

דערמיט אָבער איז דער ענין נישט געוואָרן פאַרענדיקט. אין אייניקע טעג אַרום האָט מיט אברהם הויזשעבאָוו געטראָפן אַזאַ פאַל: נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיטן פערד און וואָגן, וואָס ער האָט געלאָזט שטיין אויף איבער נאַכט אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף, איז ער אַוועק אַהיים דורכן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט צו דער ערשטער וואַליע. געווען איז דעמאָלסט אַ מילדע ערב־פרילינג נאַכט. די לבנה האָט העל געשיינט און דאָס ווינטל וואָס איז אָנגעלאָפן פון ערגעץ ווו האָט קיל געגלעט דאָס פּנים. אברהם הויזשעבאָוו האָט געשפּרייזט אַ האָפּערדיקער איבערן וועג, וואָס איז נאָכנישט געהאַט געוואָרן אויסגעטרקינט פון די בלאָטעס. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. די קינדער זיינע וואַקסן קיין עין הרע אויס לייטישע. גייען אין חדר לערנען תורה און האָבן גרויס דרך ארץ פאַר טאַטע מאַמע. ער אַליין פאַרגעסט אויך נישט דאָס יידישקייט. ער דאַוונט יעדן טאָג מיטן מנין, זאָגט תהילים, טיילט צדקה און אַז מען באַדאַרף טאָן אַ מענטשן אַ טובה איז ער תמיד גרייט.

אברהם הויזשעבאָוו ווערט פון מינוט צו מינוט האָפּערדיקער. די פיס זיינע אין די שווערע יוכטענע שטיוול שפּרייזן לייכט אַריבער בלאָטיקע קאַלוזשעס. דער קאָפּ אַרבעט און די אויגן זעען אַלץ וואָס עס טוט זיך אַרום. און אָט ווען ער קומט צו נאָענט צום אַלטן בית עולם, וואָס הויבט זיך אָן ביי יאַנקל שמאַטשיאַזשעס קאָשציפּאַלנע, גיבן מיטאַמאָל אַ וואַקס אויס פאַר זיינע אויגן דריי ריזיקע גויים מיט גלאַנציקע מעסערס אין די הענט גרייט זיך צו וואַרפן אויף אים ווי די חיות רעות. פאַרשטייט גלייך אברהם הויזשע־באָוו, אַז אָט די מעסער־שטעכער גייען אויף זיין לעבן. קלערט ער דעריבער

נישט לאַנג און רייסט אַרויס פון יאַנקל שמאַטשיאַזשיס פּאַרקאַן אַ ברעט און גיט זיך דערמיט אַ צעפּאַכע. עס געדויערט נישט לאַנג און אַלע דריי אָנפאַלער בלייבן ליגן אויף דער ערד צעקיילטע און צעביילטע. שפּעטער, ווען דאָס יידישע לובלין האָט זיך דערוווסט פון אברהם הויזשעבאָווס מעשה־גבורה, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געווען זענען דאָס די ברידער מאַליי פון דער וואָליע. זיי זענען געווען באַוווּסט אַלס געפערלעכע אונטערוועלטניקעס, וואָס אומברענגען אַ מענטש איז ביי זיי אַ שפּילעכל. אברהם הויזבעשאָווס פריינט — די באַלעגאָלעס — זענען פון זייער זייט געווען זיכער, אַז אָט די אָנפאַלער זענען נישט מער און נישט ווייניקער געווען אָנגעשיקט פון די חברה אַלפאָנסן, פאַר דער עוולה וואָס אברהם הויזבעשאָוו איז באַגאַנגען אַקעגן זיי, ארויסרייסנדיק פון זייער מויל אַזאַ גוטן ביסן ווי עס איז געווען בראָנטשע.

אַ צווייטע מעשה־גבורה פון אברהם הויזשעבאָוו איז באַוויזן געוואָרן ווען קיין לובלין איז געקומען דער באַרימטער יידישער גיבור זישע ברייט־באַרד, וועלכער איז אויפגעטרעטן פאַר טויזנטער מענטשן אויפן גרויסן שפּיל־פּלאַץ פון דער יידישער פוטבאָל־מאַנשאַפט „הכוח”. זישע ברייטבאַרד האָט בעת זיינע אויפטריטן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ קרוין. ער האָט געריסן קייטן, געבויגן אייזערנע שטאַבעס, אַריינגעקלאַפּט מיט דער האַנט טשוועקעס אין דיקע ברעטער און געלאָזט איבער זיך אַריבערפאָרן אברהם הויזבעשאָווס שווערע באַלעגאָלישע פלאַטפאָרמע. איז נאָך דאָס אַלץ געווען ווייניק האָט ער געלאָזט אויף זיך צעהאַקן מיט האַמערס שווערע שטיינער און אויפגעהויבן צוואַנציק מענטשן מיט איין מאָל. אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט זיך צו דעם אַלעמען צוגעקוקט מיט גרויס שפּאַנונג, איז אַריין אין אַ מין גדלות און דערקלערט בפני כל עם ועדה, אַז ער, אברהם, איז אויך מסוגל צו באַווייזן דיזעלבע קונצן וואָס זישע ברייטבאַרד און אפשר נאָך מער. דאָס זאָגנדיק האָט ער מיט איין שאָס אויפגעהויבן צוויי און צוואַנציק מענטשן. די צושויער האָבן אברהמען געהויבן דערפאַר אין דער לופטן, האָבן אים אויסגערופן אַלס

דער שטאַרקסטער מענטש פון דער שטאָט און זישע ברייטבאַרד פון זיין זייט האָט אים גוטברודעריש געקלאַפּט אין די פּלייצעס.

אברהם הויזשעבאָוו האָט אויך אין דער שוידערלעכער נאַצי־צייט נישט פאַרפעלט צו טאָן מענטשן טובות איינשטעלנדיק דערביי זיין לעבן. אברהמ׳ס אויפגאַבע אין לובלינער געטאָ איז געווען צו ברענגען די דערמאָרדעטע דורך די נאַציס יידן צו קבר ישראל. ער איז, נישט קוקנדיק אויף געפאַרן, אַרומגעפאָרן מיט זיין באַלעגאָלישן וואָגן איבער די ערטער ווו יידן האָבן געשמאַכטעט און געוואָרן פאַרפייניקט אויף טויט.

פאַר דער מלחמה האָט אברהם הויזשעבאָוו געטאָן זיינס. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט פירנדיק סחורות פון די הורטאָווניקעס צו די קליינהענדלער. אברהמ׳ס שטיי־פּלאַץ איז געווען אויף דער צירולניטשע גאַס, ביים אַריינפאָר צום גרויסן הויף פון פייגעלע אברהם לייזערס. פון דעם הויף, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט געוועלבן, שפּייכלער און מאַגאַזינען, זענען טאָג־טעגלעך אָפּגעפאָרן פורן, לאַסט־אויטאָס און טראַנספּאָרט־וואָגנס באַלאָדענע מיט סחורות־געפּעק. שפּיליטערן האָבן פונדאַנען אַוועקגעפירט די באַשטעלונגען פון די געוועלבניקעס קיין זשעליכאָוו, קאָנסקיע וואָליע, מאדל־באָזשיץ און ווייטער קיין ראַדאָם, קעלץ, פולאַווע, טוירן און קאַליש.

אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף האָט זיך געררודערט אויף וואָס די וועלט שטייט. סוחרים און קליין־פאַבריקאַנטן האָבן דאָ געקויפט און פאַרקויפט. מען האָט געשריבן וועקסלען און זיי געלאָזן גיין פּראָטעסט. די באַנקראָטשיקעס האָבן זיך דאָ ביי גלעזעלעך משקה און פאַרבייסעכץ אויסגעגליכט מיט די צדדים אויף כך וכך פּראָצענט און ווייטער געהאַנדלט. ריחות פון פערדיש מיסט און מענטשן־שוויס האָבן זיך דאָ אויסגעמישט מיט די ריחות פון גערייכטע לעבערלעך און אָפּגעברענטע זופּן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גאַרקיכן אַרויס. די באַלעגאָלעס האָבן זיך דאָ אין הויף אַרומגעדרייט ווי אייגענע, זיי האָבן געקנאַקט מיט די בייטשן אונטערגעיאָגט די טרעגער זיי זאָלן וואָס גיכער אויפלאָדענען די סחורות און דערביי האָבן זיי צוגעלייגט אַן אויער כדי צו הערן וואָס עס זאָגט זייער יושב־ראש אברהם

הויזשעבאָוו, וועמענס וואָרט איז געווען אַ געזעץ און וועמענס הייזעריקלעכע שטימע האָט געדונערט אין רעשיקן האַנדלס־הויף.

און אין דעם טאָג ווען אין די נאָענטע האַנדלס־גאַסן לובאַרטאָווסקי, קאָוואַלסקי און נאָווי איז געווען פול מיט דורכפאָרנדע וואָגנס און פאַרביי־גייער, איז אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף פאַרפאָרן אַ געבעטער וואָגן מיט צוויי פערד געשפּאַנט און פון וואָגן זענען אויסגעשטיגן בראָנטשע מיט איר מאַן מאַקס און אויך האַמפל „טשוואָקס" ווייב שאָשע. בראָנטשע איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ גרויסאַרטיקע מאַדאַם אין אַ ניי־געהאַפטן קלייד מיט אַ ברייט באַפּוצטן הוט אויפן קאָפּ און מיט אַ זיידענעם שירעם אין דער האַנט. מאַקס האָט ווי די „גוטע ברידער" געטראָגן לאַקירטע שטיוויל־עטלעך און אויפן פעסטגעבויטן גוף האָט ער געטראָגן אַ געקעסטלטע מאַרינאַרקע. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ העל קאַפּעליושל מיט אַ גרינע פעדער און אין דער האַנט געהאַלטן אַ רייט־שטעקעלע, אַזעלכעס וואָס סע טראָגן די פּריצים. ווי נאָר ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער גאַס אַריין איז זיי אַקעגן געקומען דער ערשטער אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט גלייך דערקענט בראָנטשען.

— בראָנטשע — האָט אברהם הויזשעבאָוו אַ זאָג געטאָן מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע: זעסטע דאָך אויס ווי אַ וואָרע פּרינצעסן.

— כ'בין ווייט צו זיין אַ פּרינצעסן, האָט געענטפערט בראָנטשע און אין איינוועגס פאָרגעשטעלט איר מאַן:

— דאָס איז מיין מאַן מאַקס.

— גוט צו הערן.

— פונוואַנען קומט איר דאָס — איז אברהם הויזשעבאָוו געווען נייגעריק צו וויסן.

— פון דער גאַנצער וועלט — האָט אים מאַקס געענטפערט.

— וואָס הייסט דאָס ?

— אַזוי הייסט עס.

אברהם הויזשעבאָוו איז פון דאָזיקן ענטפער נישט געווען צופרידן.

— רעד קלאָרע דיבורים יונגערמאַן!

האָט אים מאַקס דערויף געגעבן אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

— כ׳בין דיר נישט מחויב צו זאָגן פונוואַנען איך קום.

— ווילסט נישט זאָגן איז נישט.

אברהם הויזשעבאָוו האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די פורן און בראַנטשע מיט איר מאַן מאַקס זענען אַוועק אויף דער גראַדסקי גאַס, כדי זיך דאָרטן צו טרעפן מיט די לובלינער גוטע ברידער, מיט וועלכע מאַקס האָט געהאָפט צו מאַכן זיינע ווילנגערישע געשעפטן.

ווי נאָר שאָשע, וואָס איז געווען אָנגעטאָן לויטן אלטמאָדישן שטייגער, אין אַ פאַרפעצטער פעלערינגע־קלייד מיט הויכע געשנורעוועטע שיך און אויפן קאָפּ געטראָגן אַ הוט אַזעלכן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קופקע, האָט זיך באַוויזן אויף דער גראַדסקי גאַס, האָבן זי גלייך אַרומגערינגלט די ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס אין באַהעלטעניש און האָבן שאָשען מיט איר משונהדיקער קליידונג אָנגענומען אַלס אַ צעדרייטע.

ווער ביזטו און וואָס ווילסטו דאָ אויף דער גאַס. האָבן די ווייסע חברה־ניקעס איר אַריינגעלאַכט אין די אויגן אַריין, גרייטע בשעת מעשה אַ שטיף צו טאָן.

— בינען בין איך שאָשע און באַדאַרפן באַדאַרף איך מיין מאַן האָמפּל „טשוואַק”.

— האָמפּל „טשוואַק”! האָבן די ווייסע־חברהניקעס זיך צעלאַכט מיטן עכטן קינדערישן געלעכטער און גענומען שאָשען צופּן ביי דער קרינאָלינע און דערביי געשריען אויפן קול:

— שאָשע מען שיסט!

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען ווען נישט אייניקע פאַרבייגייער, וועלכע האָבן שאָשען גלייך אָוועקגעפירט צו לייבל גרין אין וואַרשטאַט אַריין אָנווייזנדיק איר דאָרטן אויף האָמפּלען:

— דאָ האָסטו דיין געזוכטן מאַן!

בוטשע

עס איז געווען אין חודש מר חשוון, אין איינער אַ שטורמדיקער, רעגנ־דיקער נאַכט, ווען שווערע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל און די ערד אַ צעווייקטע האָט געאָטעמט מיט נאַסער קאַלטער צעפאַרעטקייט און דער ווינט האָט געקלאַפּט איבער די בלעכערנע דעכער און זיך מיט האַסטיקייט געיאָגט איבער די ווייטע פעלדער און וועלדער, האָט זיך די געלע רויזע, די שפּעטערדיקע „לייזעראָווע" געפונען נישט ווייט פון נייעם יידישן בית עולם. איצט אין דער נאַכטיקער, רעגנדיקער צעשטורעמקייט האָט דאָס דאָזיקע אָרט געוואָרפן אַ באַזונדערן שרעק אויפן גאַנצן אַרום.

די געלע רויזע איז געווען אין די הויכע חדשים. זי האָט אַרומגעבלאָנקעט איינע אַליין מיט דער טרויעריקער מחשבה צו נעמען זיך דאָס לעבן אויפן בית עולם כדי צו זיין זיכער, אַז זי קומט צו קבר ישראל. אין דער דאָזיקער נאַסער פינצטערניש האָט זי זיך נישט געריכט צו באַגעגענען דעם באַגרעבער לייזער לאַם, וואָס האָט זיך אַקאַרשט צוריקגעקערט פון גוטן אָרט, טראָגנדיק אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן צו באַלייכטן דעם וועג אַהיים.

לייזער לאַם האָט אַלס באַגרעבער זיך גענוג געהאַט אָנגעזען מיט משונה מאָדנע דערשיינונגען. דאָסמאָל אָבער, דערזעענדיק די געלע רויזע אַן אויסגעווייקטע פונעם רעגן, מיט צעשראָקענע כמעט ווי אַרויסגעזעצטע אויגן, וואָס האָבן ביים שיין פון ברענענדיקן לאַמטערן געקוקט שטאַר ווי אַן לעבן, האָט ער זיך דערשראָקן אויף אַן אמת. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגערופן צו איר:

ווער ביזטו פרוי און וואָס טוסטו דאָ אין דעם שטורעמדיקן רעגן ?

האָט אים די געלע רויזע געענטפערט קוים וואָס מען האָט געהערט:

— זייט וויסן ר׳ ייד, אַז איך גיי אויפן בית עולם זיך צו נעמען דאָס לעבן!

— פאַרוואָס ווילסטו אַ סוף מאַכן צו דיין לעבן? — האָט לייזער לאַם אויפגעהויבן די לאַמטערנע כדי זי בעסער אַנצוקוקן.

— ווייל דאָס לעבן איז מיר נמאס געוואָרן.

דעמאָלט האָט לייזער, האָבנדיק זי אָנגעקוקט ווי עס באַדאַרף צו זיין אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי יונג און וויל זיך שוין אַריבערפעקלען אויף יענער וועלט.

אַז די געלע רויזע האָט דערהערט די רייד האָט עס איר אַזוי פאַרקלעמטביים האַרצן אַזש זי האָט זיך צעיאָמערט: — וויי און ביטער איז מיר...

לייזער לאַם האָט זי גענומען טרייסטן: — קלאָג נישט אַזוי. זאָג בעסער וואָס דיר איז וועל איך וויסן צי כ׳קען דיר מיט עפעס העלפן.

— קיינער קען מיר נישט העלפן — האָט זיך די געלע רויזע אויפסניי צעיאָמערט.

— און איך זאָג דיר, אַז מען קען יאָ העלפן.

— ווי אַזוי?

— אָט אַזוי! און לייזער לאַם וואָס איז שוין ווייט נישט געווען קא יונגער, האָט זי ווי אַ פאָטער אָנגענומען ביי דער האַנט.

— זאָג מיר ווו דו וווינסט, וועל איך דיר אַהיימפירן.

— כ׳האָב נישט קיין היים!..

— משפחה האָסטו?

— כ׳האָב נישט קיין משפחה.

— וועלכער מענטש האָט דאָס נישט קיין משפחה?

— מיין משפחה האָט זיך פון מיר אָפּגעפרעמדט.

— אויב אַזוי קום צו מיר וועל איך דיר זיין ווי אַ פאָטער.

— און וואָס וועט זאָגן אייער ווייב?

— כ׳האָב נישט קיין ווייב.

— און די קינדער וואָס וועלן זיי זאָגן?

— כ׳האָב נישט קיין קינדער.

— איר וווינט ווייט פונדאַנען?

— אָט דאָ דערנעבן.

און אַז לייזער לאַם, וואָס האָט געוווינט אין אַ הילצערן הייזל, האָט די געלע רויזע אַריינגעפירט צו זיך האָט ער דערזען איר הויכן בויך און פאַרשטאַנען, אַז זי, די געלע רויזע איז שוין אין די הויכע חדשים און זי קען אָט אָט באַקומען געבורט־ווייען. ווי עס זאָל נישט זיין האָט לייזער לאַם גענומען און אויסגעבעט פאַר איר אַ געלעגער און מעשה בעל הבית אויפ־געקאָכט טיי און אָנגעשניטן ברויט־רעפטלעך, באַשמירנדיק זיי מיט זיסער מאַרמעלאַדע. דאָס אַלץ האָט ער דערלאַנגט דער געלער רויזע.

— עס און זאָל דיר זיין צום געזונט.

דאָס דאָזיקע אויסטערלישע באַגעגעניש האָט זיך אין אַ שטיקל צייט אַרום פאַרענדיקט אויף אַ גאָר אומגעריכטן אופן.

רויזע האָט, טראָץ אירע יונגע יאָרן, זיך נישט אַקעגנגעשטעלט לייזערס פאָרשלאָג צו ווערן זיין געזעצלעך ווייב כאָטש ער איז געווען אַ סך עלטער פון איר. די חופה איז פאָרגעקומען ביי אַ ווינקל מורה הוראה אין שטוב און די פאַר חתונה געסט וואָס האָבן קוים געציילט אַ מנין, זענען געווען לויטער חברה קדישא־לייט. זיי האָבן לייזערן געוווּנטשן אַלדאָס גוטס פאַר דער מצווה וואָס ער האָט געטאָן צודעקנדיק די שאַנד פון אַ יידישער טאָכטער, נישט שטעלנדיק קיין איבעריקע קושיות. גלייך נאָך דער חופה האָט די געלע רויזע באַקומען שווערע ווייען און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט זי געבוירן אַ זון וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן בוטשע נאָך רויזעס אַ זיידן, וועלכער איז געווען אַ בהמות־טרייבער.

עס איז קוים אַוועק אַ געוויסע צייט און לייזער לאַם איז געגאַנגען פון דער וועלט איבערלאָזנדיק נאָכן טויט אַלץ פאַר דער געלער רויזע. וואָס אַלע מענטשן פון אַרום האָבן זי אָנגעהויבן רופן די „לייזעראָווע״.

נאָך דער לוויה פון לייזער לאַם, ווען די חברה קדישא האָט געבראַכט צו קבורה אויפן „הייליקן ערטל״ וואָס איז געווען ספּעציעל באַשטימט פאַר

די חברה קדישא־לייט, האָט זיך גלייך צווישן די געמיינע לייט פון דער שטאָט פאַרשפּרייט אַ מין גלייכווערטל מיט גראַמען:

פאַרן דאָזיקן ווערטל
זאָלסטו ליגן אויפן הייליקן ערטל
פאַרן דאָזיקן גראַם
זאָלסטו ליגן ביי לייזער לאַם.

נאָך לייזערס טויט האָט זיך די לייזעראָווע גענומען אַרומקוקן כדי צו זען ווי זי האָלט אין דער וועלט. זי האָט גענומען זוכן און נישטערן צווישן לייזערס זאַכן, וואָס זענען געווען פאַרוואָרפן אין די ווינקלען, און צו איר שטוינונג געפונען איז זיי געלט־קניפּלעך, ווערטפולע חפצים און גלייך־געלייגטע פעקלעך שמאַטעס מיט וועלכע, די קאַמאַשנמאַכערס האָבן אונ־טערגעקלעפּט די כאָלעוועס וואָס זיי האָבן געגייט צוזאַמען מיט די פעקלעך שמאַטעס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט הערנער, חזיר־האָר פאַר בערשטל־מאַכער, פלאַקס פאַר די שטריק־מאַכער און סתם אַלטוואַרג, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט אויפגעקליבן אין די הויפן כדי דאָס שפּעטער צו פאַרקויפן די אָרעמע לייט און אויך די פויערים. מיט איין וואָרט, דער פאַר־שטאָרבענער האָט דאָ אינעם הייזל געהאַט שטעקן אַ „קאַשציפּאַלנע" וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אַ זייטיקע פאַר זלאָטעס, צו זיינע פאַרדינסטן אַלס באַגרעבער.

האָט „לייזעראָווע" ווייטער געפירט דאָס דאָזיקע שמאַטע־מסחר און בוטשע איז דערווייל געוואַקסן ווי אויף הייוון און דערביי אָנגעטאָן דער מוטער צרות אויף צרות. בוטשע האָט נישט געוואָלט גיין אין חדר. זיין בעסט פאַרגעניגן איז געווען אַרומלויפן פראַנק און פריי איבער די גאַסן, זיך אַרומשלאָגן מיט די יינגלעך און זיך באָדן אין שמאָלן לאַנקע־טייכל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער „ביזטשיצע" ביי קראָזיס וואַסער־מיל.

בוטשע איז אויפגעוואַקסן אַ שלעגער־יונג מיט אַ פּאָר געזונטע הענט

און אַ פעסטן קאַרק וואָס האָט אויסגעהאַלטן די שווערסטע קלעפּ. אויף דעם קאַרק האָט געשטעקט אַ קאָפּ, וואָס איז געווען מסוגל אָפּצוטאָן אלדאָס בייז.

מיט דער צייט איז בוטשע געוואָרן איינער פון די לובלינער ווילדע יונגעץ. ווענענס אַרבעט איז געווען אָנצוּוואָרפן אַ מורא אויף די יאָלדן, צו שלאָגן די יעניקע וואָס שטעלן זיך אין וועג, טרינקען מיט גוטע ברידער אין די קנייפּעס, האַנדלען מיט גניבישע סחורות און אַראָפּצופירן לייטישע מיידלעך פון גלייכן וועג.

איז געקומען דער חודש מאַי מיט זיין גאַנצער פראַכט. עס האָבן זיך צעבליט די בעז־בוימער און די אַקאַציעס האָבן געדופטעט מיט מחייה׳דיקע ריחות. דער פוילישער פליין, וואָס האָט זיך אין אַ גראָדער ליניע אַוועק־געצויגן אַזש צום לענטשער טראַקט האָט געגרינט און זיך גלייכצייטיק באַדעקט מיט אַ ים פון געלע פעלד־בלימעלעך. פויגל האָבן געצוויטשערט אויף די בוימער און די באַטשאַנעס זענען געקומען אָנצופליען פון ווייט. זייערע נעסטן האָבן זיי פאַרלייגט אויף די משופּעדיקע שטרויענע דעכער. פון וועלכע זיי האָבן זיך אויפגעהויבן הויך אין דער לופט פאַטשנדיק מיט די ווייסע פלגיל. די באַטשאַנעס האָבן געשוועבט אַקעגן דער זון וואָס האָט אירע שטראַלן געשיקט צו דער ערד, וועלכע האָט זיך אַקאַרשט באַפרייט פונעם ווינטערדיקן שניי־צודעק.

עס איז געווען שבת אויף גאָטס וועלט. דער טאָג פון געבעט און שלווה׳דיקער מנוחה, ווען פרומע יידן פראַווען שבתדיקן סעודות און אַפּי־קורסישע יונגעלייטלעך קומען מיט זייערע כלות אַרויס אויף דער וואַליע צו די מאַיואָווקעס. הינטערן וואַליער קריסטלעכן צעמענטאַרזש האָבן זיך צונויפגעטראָפן די סאַמע שטאַרקסטע ווילדע יונגען פון דער שטאָט. דאָרט פלעגן זיי שליסן גוט־ברודערישע פריינטשאַפט און געמיינזאַם געמאַכט לינקע געשעפטן. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך אויך געפונען בוטשע מיט זיין כלה סאַלטשע, די הוטן־פּוצערקע, וואָס איר מוטער ציפּקע די אלמנה איז אַוועק מיט אַ ליובאָווניק קיין אַרגענטינע. צו דער באַגעגעניש

זענען געקומען: משה קולו, שלום בבא, קישקע בראַנד, שמאי אלפאָנס און אַנדערע ווילע יונגען. אַקעגן זיי זענען געזעסן בײדע סראָלקעס פון דער וואַליע, וואָס האָבן גשמט צווישן די גוטע ברידער מיט זייער כוח. די גוישע „היצלעס״ די ברידער מאַליי און די פיעטראָשינסקיס, וואָס זענען געווען מעסער־שטעכער און האָבן געהאַנדלט מיט גניבשע זאַכן.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ קרייז און אינמיטן זענען געווען אָנגעשטעלט פלעשער בראָנפן מיט ווורשטן אַלס פאַרבייסעכץ. געטרונקען האָט מען פולע גלעזעראון נאָך יעדער כוסה האָט מען זיך גוט־ברודעריש געקלאָפט אין די פלייצעס. די מאַי־זון האָט מחייה׳דיק געוואַרעמט די גלידער פון די מענטשן וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן צעגרינטן אַרום און האָבן פריילעך פאַרבראַכט די צייט עסנדיק און טרינ־קענדיק פון די מיטגעבראַכטע מאכלים און געטראַנקען.

דער טאָג האָט זיך געגומען אַוועקרוקן. די זון האָט געגומען זיך בויגן צום מערב. קילע ווינטלעך זענען אָנגעפלויגן פון ערגעץ ווו און די גראָזן אין פעלד ווי אויך די זאַנגען האָבן געגומען שטיל רוישן, ווי זיי וואָלטן איינגערוימט דער וועלט אַ טיפן סוד.

די חברה ווילע יונגען האָבן פאַרענדיקט די שמועסן און זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע וועגן איבערלאָזנדיק די גוישע אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן אויפסניי געגומען טרינקען בראָנפן אין דער גוישער קנייפע ביים וואַליער מאַרק־פּלאַץ. ווען זיי האָבן פאַרלאָזט די קנייפע אָנגעשיכורטע ביז גאָר, איז זיי אַקעגנגעקומען דער שבתדיקער נאָכמיטאָק־רעש פון דער וואַליער יידישער יוגנט, וואָס האָט שפּאַצירט אויף די טראָטואַרן, גערעדט הויך אויף אַ קול, געזונגען לידער און געלאַכט מיט יוגנטלעכן געלעכטער.

דאָס האָט אַרויסגעפירט די גוישע שיכורים פון די כלים. דער בראָנפן האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ און זיי האָבן נישט טראַכנדיק קיין סך אַרויסגעכאַפּט די פאַרשטעקטע מעסערס לאָזנדיק זיך צו די שפּאַצירנדיקע מיט וואַקלענדיקע שיכורע שריט און ריטשענדיק:

— זשידזי דאָ באָזשניצי! —

איז גלייך אַנטשטאַנען אַ סומאַטאָכע צווישן די שפּאַצירנדיקע. אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן, כדי צו זיין וואָס ווייטער פון די מעסער־שטעכער און גלייך דערויף האָט זיך איבער דער וואַליע צעטראָגן אַן אַלאַרם־געשריי:

„די מאַלייס און די פּעטראָשינסקיס האָבן זיך צעווילדעוועט און ווילן שטעכן יידן".

ס'האָט נישט געדויערט קיין סך און דיביידע סראָלקעס זענען מיטן גאַנצן אימפּעט געקומען צו לויפן און מיט גוטע ריידעלעך פאַרטריבן די צעווילדעוועטע כוליגאַנעס.

☆

בוטשע איז אַהיימגעקומען אַ האַלב־שיכורער, אַ צעבייזערטער און זיך גענומען אויסלאָזן דעם כעס צו זיין מאַמען, די לייזעראָווע:

— מאַמע, פאַרוואָס ציט מען זיך נישט אַרויס פונדאַנען?

— וווהין זאָל איך מיך ציען?

— אין אַ בעסערער דירה אַריין.

— כ'באַדאַרף נישט קיין בעסערע דירה.

דערהערנדיק דעם ענטפער האָט זיך בוטשע צעקאָכט.

— האָסט פאַרגעסן, מאַמע, אַז כ'האָב אַ כלה און כ'קען זי נישט פאַרבעטן אַהער אין אַזאַ לאָך אַריין.

די לייזעראָווע איז נישט נתפעל געוואָרן. — אַז דו ווילסט וויסן איז דיין כלה גאָרנישט אַזאַ מיוחס. זי איז אַ הוטן־פוצערקע.

— זי אַרבעט אויף דער שענסטער גאַס אין שטאָט.

— איר מאַמע אין אַנטלאָפן מיט אַ ליובאָווניק.

בוטשע איז נאָכמער אַריין אין גרימצאַרן.

— אַז דו רעדסט יאָ אַזוי וויל איך וויסן ווער מיין טאַטע איז געווען?

— דיין טאַטע איז געווען לייזער לאַם.

— נישט אמת — איז בוטשע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. — דו ווילסט זיך אַרויסדרייען.

לייזעראָווע האָט זיך שיער נישט צעוויינט. — אַזוי רעדט אַ זון צו אַ מאַמע?

— אַז דו וועסט מיר נישט זאָגן דעם אמת וועל איך דיר ווייזן ווער בוטשע איז.

די לייזעראָווע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַז דו שטייסט אַזוי צו מוז איך דיר אויסזאָגן דעם סוד.

בוטשע האָט זיך נאָענטער צוגערוקט צו דער מאַמען.

— זאָג שוין ווער איז געווען מיין פאָטער?

— ער איז געווען אַ טאַטנס אַ קינד און גערופן האָט מען אים לעאָנטשיק.

— וואָס הייסט דאָס אַ טאַטנס אַ קינד?

— כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ גנבישער סוחר. זיין מאַמע אַ געמיינע „מאַדאַם” און ער אַליין אַ וויסטער שאַרלאַטאַן.

— ווו איז ער דער שאַרלאַטאַנסקי פאָטער? — האָט בוטשע צונויפגעדריקט אַ פויסט. — כ׳וועל אים די זייטן אונטערהאַקן.

— ער איז נישטאָ אין לאַנד.

— וווהין איז ער אַוועק?

— קיין אַמעריקע.

— מאַמע, כ׳וועל אים אָפּזוכן!

— גיי זוך אַ נאָדל אין אַ פור היי.

— כ׳וועל אים געפינען — האָט בוטשע איבערגעחזרט.

— ווי קענסטו אים געפינען, די וועלט איז אַזוי גרויס.

— מעג די וועלט זיין ווי גרויס.

אַזוי האָט געזאָגט בוטשע צו זיין מאַמען ביי וועלכער עס האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן ביים דערמאָנען זיך די אַמאָליקע צרות. בוטשע האָט די טרערן נישט געזען. ער איז ווי אַ שטיין אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער און איינגעזונקען אין אַ האַרטן שלאָף.

די לייזעראָווע האָט געהיילט ווי אַ וועלפעכע. עס האָט זי געקרענקט

און גריילעך פאַרדראָסן די אַלע רייד, וואָס זי האָט געמוזט אויסהערן פון איר זון. דאָס וואָס בוטשע איז אַן אונטערוועלטניק און טוט פאַרקערן מיט אַלע געמיינע לייט פון דער שטאָט קען זי ווייט נישט פאַרטראָגן. לייזעראָווע וואָלט בעסער באַשטאַנען, אַז איר איינציקער זון זאָל זיין אַ בעל מלאכה און נישט קיין הענדלער מיט גניבשע זאַכן, וואָס אַ טייל פון זיי באַהאַלט ער אויס דאָ צווישן די שמאַטעס. זי איז אויך נישט צופרידן פון בוטשעס כלה סאַלטשע, דער הוטן־פוצערקע, וועמען ער הייסט פאַרקערן מיט פרעמדע מענער און קלערט זי צו שיקן אויף דער „בוקעטע". וואָלט בוטשע נישט געווען קיין „מאַצארניק" וואָלט זי, לייזעראָווע, זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען אָפצוזוכן איר פאַרפירער צו וועמען זי טראָגט אין האַרצן אַ באַהאַלטן געפיל פון ליבע און וועמען זי וואָלט אויך מוחל געווען פאַר דער עוולה וואָס ער איז קעגן איר באַגאַנגען.

לייזעראָווע ווישט אָפּ די טרערן. עס איז איר אַ בושה פאַרן פאַר־שטאָרבענעם מאַן וועמענס נשמה טוט אַוודאי אין דאָזיקן שבת־צונאַכטיקן בין השמשות אַרומשוועבן אין צימער. טאָקע דעריבער נעמט זי אויסרעכנען שטילערהייט די אַלע מעשים טובים וואָס לייזער לאָם האָט געטאָן פאַר אירעטוועגן. ווי אַזוי ער האָט זי אָפּגערעדט פון זעלבסטמאָרד אין יענער שטורמדיקער רעגנדיקער נאַכט, ווי אַזוי ער האָט געזאָרגט פאַר איר בעת זי האָט אַרויסגעבראַכט דאָס קינד אויף דער וועלט. דערפאַר איז איר ליב דאָס דאָזיקע אָרט, וואָס געפינט זיך אָפּגערוקט פון דער שטאָט מיט אירע מענטשן.

די גוטע געדאַנקען וועגן פאַרשטאָרבענעם מאַן לייגן זיך ווי באַלזאַם אויף איר נשמה און זי דערפילט אַ פאַרלייכטערונג.

די נאַכט פאַלט מיטאַמאָל צו און הילט איין דאָס צימער אין פינצטער־ניש. לייזעראָווע צינדט אָן אַ חלבן ליכטל, וואָס וואַרפט אויף די ווענט טונקעלע שאָטנס. קוקנדיק אויף די דאָזיקע שאָטנס נעמט זיך איר אויס־דאַכטן, אַז דאָס זענען די גייסטער פון אירע פאַרשטאָרבענע טאַטע מאַמע. וואָס האָבן זי געלאָזן אַליין אַלס אַ וויסטע יתומה אין אַ פאַרדאָרבענער וועלט.

האָט עס איר פאַרקלעמטביים האַרץ און גלייכצייטיק איז איר באַפאַלן אַ מורא פאַר די טויטע, וואָס קענען קומען אַהער און זי באַשטראָפן פאַר דער באַגאַנגענער זינד. כדי נישט צו זיין אַליין מיט די דאָזיקע געדאַנקען נעמט זי וועקן בוטשען פונעם שלאָף.

— שטיי אויף, בוטשע! כ׳האָב מורא צו זיין אַליין אין שטוב.

בוטשע רייבט זיך די פאַרשלאָפענע אויגן. דער בראָנפן האָט זיך נאָכנישט אויסגעוועפּט און דער חשק ווייטער צו שלאָפן האָט נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן זיך בייזערן אויף דער מוטער.

— פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט?

— כ׳האָב מורא באַקומען.

— פאַר וועמען?

— פאַר די טויטע.

— רעדסט ווי אַ קליין קינד, מאַמע. און בוטשע האָט זיך אויפסניי אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער.

צומאָרגנס האָט זיך בוטשע געטראָפן אין דער קנייפּע מיט זיינע גוטע ברידער. אַלע האָבן זיך געזעצט אַרום טיש מיט די פלעשער בראָנפן און מיט פאַרבייסעכץ. נאָכן אויסטרינקען די ערשטע גלעזער האָבן זיך ביי אַלעמען אויפגעבונדן די צינגער און עס איז אַוועק אַ גאַנג פון גנבישע געשפּרעכן אַזעלכע, וואָס האָבן ביי בוטשען אַרויסגערופן בייז בלוט. די גוטע ברידער האָבן געהאַט צו אים טענות הלמאי ער האָט זיך נישט געטיילט מיט זיי מיטן גוטן פאַרדינסט פון אַ געוויסן געשעפט. בוטשע האָט געטענהט, אַז עס קומט זיי נישט קיין גראָשן, ווייל דאָס „געשעפט״ האָט ער געמאַכט אויף אייגענער ריזיקע.

די געמיטער האָבן זיך צעהיצט. ביי אַלעמען האָבן זיך געביילט די פויסטן גרייט צו שלאָגן ביז בלוט. און ווען אַלע האָבן זיך אַ הויב געטאָן צו דערלאַנגען די קלעפּ, איז אין דער קנייפּע אַריין שמאי „דער אַלפאָנס״ און מיט אים מאַקס, וועלכער איז דאָ נישט לאַנג געקומען פון אַ וויטן דרום-אַמעריקאַנישן לאַנד. ביידע האָבן בוטשען אַוועקגענומען אין אַ זייט.

— בוטשע, האָסט אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ גוט געשעפט.

— וואָס פאַראַ געשעפט ?

מאַקס האָט זיך צוגערוקט נאָענטער און אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער.

— כ׳וויל ביי דיר אָפקויפן סאַלטשען.

בוטשע האָט אויפגעשטעלט אויף מאַקסן אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן.

— מיין כלה פאַרקויף איך נישט פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט.

מאַקס האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— גייסט דאָך נישט מיט איר חתונה האָבן!

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט ?

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט זי שיקן אויף דער „בוקעטע".

— דאָס איז מיין זאַך.

מאַקס האָט געמאַכט אַ פאַרדראָסיקע מינע.

— ווילסט הייסט עס נישט מאַכן דאָס געשעפט.

— שלאָג דיר דאָס אַרויס פון קאָפּ.

— מילא, אַז דו ווילסט נישט באַדאַרף מען נישט.

און אַז מאַקסל האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין האָט אים בוטשע פאַר־האַלטן.

— זאָג מאַקסל, צי האָסטו נישט אַמאָל באַגעגנט אין די אַמעריקעס אַ פאַרעטערישן פאַרשוין מיטן פאַרפירערישן נאָמען לעאָנטשיק ?

מאַקס האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול.

— אַזעלכע קען מען אין די אַמעריקעס אָנשאַרן אין די טויזנטער.

— האָב איך נישט געטראָפן — האָט בוטשע אַוועקגעמאַכט דאָס געשפרעך און זיך אויפסניי געזעצט ביי איין טיש מיט די „גוטע ברידער", וואָס האָבן נישט אָפּגעלאָזט.

— ווערסט זיך נישט אַרויסדרייען.

— וועסט אונדז באַצאָלן ווי אַ טאַטע.

בוטשע איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, וואָס האָט גערעשט מיט

האַנדל און מלאכה. עס האָט אים אָנגענומען אַ טיפער פאַרדראָס אויף די חברים וואָס פאַדערן אומזיסט געלט.

אַמיינסטנס האָט אים געקרענקט מאַקס׳ס געמיינער פאַרשלאָג. בוטשע האָט זיך געפילט טיף באַליידיקט. ער וועט נאָך דערפאַר אָנלערנען מאַקסן ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז געגאַנגען פון איין גאַס אין אַ צווייטער און וואָס מער ער האָט געשפּרייזט אַלץ מער האָט אים פאַרדראָסן. לסוף אַז דער כעס האָט אין אים גענומען בושעווען איז ער אויפסניי אַריין אין אַ ביר־קנייפּע און גענומען טרינקען איין גרויסע גלאָז ביר נאָך דער אַנדערער. אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטרונקען, איז ער אַוועק צו זיין געטרייער כלה סאַלטשע, וואָס האָט געאַרבעט אין הוטן־געשעפט „רעגינע״. בוטשע האָט זי מיט אַ ווונק גערופן צו זיך:

— קום סאַלטשע! כ׳האָב דיר צו זאָגן אַ וויכטיקע זאַך.

— וווהין ווילסטו כ׳זאָל מיט דיר גיין?

— קום אין גאָרטן אַריין!

— זאָל איך לאָזן שטיין די אַרבעט?

— פייף דיך אויס אויף דער אַרבעט.

אין גאָרטן אויף דער באַנק האָט בוטשע זי מיטאַמאָל אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס:

— ביזט מיין אויסדערוויילטע כלה סאַלטשע.

— כ׳ווייס דאָס שוין פון לאַנג.

— כ׳וועל דיך נישט שיקן אויף דער „בוקעטע״.

— האָסט מיך דען געוואָלט שיקן אין דער גאַס אַריין? — האָט אים סאַלטשע אַ פרעג געטאָן.

— כ׳האָב געטראַכט דאָס צו טאָן.

— גוט וואָס דו טוסט עס נישט. — האָט זיך סאַלטשע צו אים געטוליעט מיט ליבשאַפט.

אין בוטשען האָט ווידעראַמאָל אויפגעקאָכט דער כעס אויף מאַקסן און ער האָט אויסגערופן:

— דעם פרויען־הענדלער וועל איך אָנלערנען אַזוי אַז ער וועט מיך האָבן צו געדענקען.

— פון וועמען רעדסטו ?

— פון מאַקסן.

— וואָס האָט ער דיר אַזוינס געטאָן ?

בוטשע האָט זי פעסטער געדריקט צו זיך.

— סאַלטשע ! קענסט זיך שוין גרייטן צו אַ חתונה.

— מיינסט עס ערנסט ?

— כ׳זאָל אַזוי זיין געזונט.

— דיין מאַמע וועט זיך נישט אָקעגנשטעלן ?

— מיין מאַמע האָט איבער מיר גאָרנישט צו זאָגן.

— און וואָס וועט זיין מיט אַ שטוב פאַר אונדז ביידן ?

— כ׳האָב געלט אויף אַ שטוב.

ווען זיי זענען אַרויס פון גאָרטן, לאָזנדיק זיך גיין אין שטאָט אַריין מיטן ברייטן געפלאַסטערטן וועג איז שוין די זון כמעט פאַרגאַנגען. די גאַסן האָבן גענומען טונקל׳ען און ווו נישט ווו האָבן הייזער זיך צעפלאַמט פאַר־גאָסן מיט רויטקייט פון אַוועקגייענדיקן טאָג־ליכט. בוטשע מיט זיין אויס־דערוויילטער זענען גייענדיק אַזוי געאָרעמט אָנגעקומען אין די שמאָלע געדרייטע געסלעך, וואָס זענען איצט אין דער דאָזיקער פאַרנאַכטקייט געווען אנייגעהילט ווי אין אַ טונקעלן שלייער. דער בייטאָגיקער רעש איז איצט דאָ געלעגן אַן איינגעשטילטער, אָבער אַ וואַכזאַמער. חתן־כלה האָבן איצטער זיך געאיילט אָנצוקומען צו דער פאַרוואָרפענער „קאָשציפּאַלניע”, וואָס ביים נייעם יידישן בית עולם, בכדי אָנצוזאָגן וואָס גיכער דער לייזעראָווע די פריילעכע בשורה.



די יידן־גאַס



פּאָדזאַמטשע

דער אַפישן־קלעפּער און דער פּאָליציייאישער משומד

דער צווייטער לובלינער ייד וואָס האָט געהאַט די זכיה צו זיין אָנגע־שטעלט אין דעם דורכגעזאַפּטן מיט שנאה צו יידן מאַגיסטראַט איז געווען דער אַפישן־קלעפּער לייבל „מאַסקע״. ער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגע־צייכנט אין געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, אויסער דעם וואָס ער איז געווען אַ געטרייער קיביצער פון דער פוטבאָל־מאַנשאַפט „שטערן״, וואָס האָט געהערט צו די לינקע פועלי ציון.

לובלינער יידן האָט אויך געוווּנדערט הלמאי די פּאָליציי האַלט ביי זיך דעם געהיימען אַגענט זינגער, טראָצדעם וואָס ער איז אַ געשמדטער און וווינט מיט אַ גויע, טוט ער טאָגן און נעכטיקן צווישן יידן מיט וועלכע ער עסט געפילטע פיש, טשאָלנט און אַנדערע יידישע מאכלים, ווי געפילטע קישקע לאָקשן־קוגל, מייערן צימעס און קאָמפּאָט. זינגער זיצט אָפּ גאַנצע טעג אין די רעסטאָראַנען מיט די בלאַטע יונגען, טרינקט מיט זיי ביר און בראָנפן, פאַרבייסנדיק מיט געקאָכטע אַרבעס, מיט גערייכטע לעבערלעך, צעשניטענעם הערינג מיט ציבעלעס און וועמפּלעך אַזוינע, וואָס נאָר יידן ווייסן און פילן זייער טעם.

לייבל „מאַסקע״ איז אויסגעקאָכט מיט די ווילע יונגען, ווייסט אַלע זייערע גניבשע סודות און קען אויך, אַז מען באַדאַרף, מאַכן אַ שוויג.

גאַנצע טעג און האַלבע נעכט פאָרט לייבל „מאַסקע״ אַרום אויף זיין אַלטן ראָווער מיטן פּאַק אַפישן און מיטן קלעבעכץ אינעם עמער. מיט גרויס געניטשאַפט טוט ער צעקלעפּן די מודעות אויף די גאַסן־סלופּעס, אויף די פּאַרקאַנעס און הויפישע מויערן. אַמיינסטנס זענען דאָס מאַגיס־

טראַטסקע אויפרופן, וואָס רופן די איינוווינער גיכער צו באַצאָלן די שטאַ־טישע שטייערן, אַנישט קומט דער עקזעקוטאָר און נעמט אַוועק דאָס מעבל פון שטוב.

לייבל „מאַסקעס״ אַפּישן דערציילן אויך וועגן נייע יידישע פּיעסן, וואָס וועלן אויפגעפירט ווערן אין טראַכטענבערגס טעאַטער, וועגן רעפּעראַטן, קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן און בעלער אונטער די מוזיק־קלאַנגען פון אַקערמאַנס אָרקעסטער. דער אַפּישן־קלעבער איז שטאָלץ מיט זיין אַרבעט. ער ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס באַדייט צו זיין אַ יידישער אַרבעטער צווישן גויים און ווי גוט עס איז אָפּצונעמען יעדן ערשטן דאָס חודשלעכע געהאַלט. דעריבער טוט לייבל „מאַסקע״ אויסמעסטן די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט מיט זיין אַלטן ראָווער. ווו ער קומט נאָר האָט ער זיינע גוטע פריינט, וואָס האַלטן אים אונטער מיט סתם געשפּרעכן.

— וואָס מאַכסטו עפּעס מיטן געזונט, לייבל ?

— נישט צו פאַרזינדיקן !

— און ווי אַזוי קומסטו דורך מיט די גויים, לייבל ?

— דאָס איז מיין זאַך — דרייט זיך לייבל אַרויס פון צו געבן אַן ענטפער און לאָזט זיך דערביי ווייטער פאָרן מיטן פּאַק אַפּישן און מיטן עמער קלעפּעכץ.

זינגער דער אַגענט, וועמען די פּאָליציי האָט געגעבן די אויפגאַבע אויסשפּירן קאָמוניסטן און זיי איינזעצן אין תפיסה אויף לאַנגע יאָרן, איז מיט לייבל „מאַסקע״ אַ נאָענטער שמעלקע. ביידע זיצן פון צייט צו צייט אין רעסטאָראַן ביים גראָבן אַרעלע אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, עסן וועמפּלעך און פאַרטרינקען מיט גרויסע קופלעס ביר גלייך פון פאַס.

— זאָג מיר לייבל, ווער האָט דאָס געקענט נעכטן ביינאַכט זיין דער וואָס האָט אויפגעהאָנגען אַ רויט פענדל אויף דער שעראָקע גאַס ?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן.

— ביזט דאָך עפּעס אַן אַפּישן־קלעבער און געפינסט זיך גאַנצע טעג און נעכט אויף די גאַסן.

— דאָס האָט נישט צו זאָגן — פּרוּווט לייבל זיך אַרויסדרייען.

נאָר זינגער לאָזט נישט נאָך. ער דריקט לייבלען וואָס אַמאָל מערער צו דער וואַנט.

— ווילסט מיר נישט זאָגן לייבל?

— כ׳האָב דיר נישט וואָס צו זאָגן.

— האָסט יאָ וואָס צו זאָגן נאָר דו ווילסט נישט.

לייבל „מאַסקע״ נעמט זיך שווערן. — כ׳זאָל אַזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער און כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס.

ביידע הייסן זיך דערלאַנגען פרישע פּאָרציעס וועמפּלעך מיט ביר. דורכן רעסטאָראַן־פענצטער זעט מען אַ גרוי׳סן סלופּ וואָס דערמאָנט לייבלען זיין פּרנסה. שטעלט ער זיך אויף פון בענקל און טוט אַ זאָג:

— שוין צייט צוגיין!

— גיי, ווער האַלט דיך צו!

— האָב דיר אַ גוטן טאָג.

— האָב דו אויך נישט קיין שלעכטן.

דאָס זיצן צוזאַמען אין רעסטאָראַן און טרינקען ברודערשאַפט, האָט לייבלען געמאַכט אַ שם פון אַן „אונטערטראָגער״. יידישע יונגעלייטלעך מיט סאָציאַליסטישע נייגונגען האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף לייבלען און אויסמיידן יעדע באַגעגעניש מיט אים. לובלינער יידן האָבן אין האַרצן מורא געהאַט פאַר זינגערן, וואָס האָט זיך געשמדט צוליב אַזאַ זאַך ווי קענען זיין אַ „זעקסער״ און איינזעצן יידישע ייִנגלעך אין תּפיסה. ווי צו להכעיס האָט דער דאָזיקער משומד, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער, בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע געווען פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין געטאָ און אָנ־געטאָן יידן נישט ווייניק צרות, זיך געפּלאָנטערט נאָר אין די יידישע גאַסן.

לובלינער יידן האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דעם קוק פון זינגערס אַגענטס־אויגן, וואָס האָבן ווי די אויגן פון אַ שפּיר־הונט געהאַלטן אין

אײן זוכן און נישטערן אין אַזעלכע ערטער װי חתונות, פּאַרטײאישע אסיפות, פרײלעכע אָװנטן און אויך אין די טאַנץ־זאַלן.

געװען איז אַקוראַט די צײט װען אין שפּאַניע האָט געפלאַקערט דאָס פײער פון בירגער־קריג. װען אויף אײן זײט האָט זיך געפונען גענעראַל פראַנקאָ מיט זײנע פאַשיסטישע אײנהײטן און פון דער צװײטער זײט לאַרגאָ קאָבאַלעראָ מיט זײנע סאָציאַליסטן. פּוילישע שילער פון דעם סעמינאַר בײ דער לובלינער קאַטעדראַלע האָבן דעמאָלסט געשיקט לויב־בריװ צום גענעראַל פראַנקאָ און דער אַנטיסעמיטישער „„גלאָס לובעלסקי" האָט זיך אין זײנע אַרטיקלען אַזש פאַרכליניעט פון פרײד, װען פראַנקאָס זעלנער האָבן אײנגענומען אַ שטאָט װאָס איז געװען אין די הענט פון די סאָציאַ־ליסטן. דערפאַר האָבן יידישע לינק־געשטימטע יונגעלײטלעך זיך שטילער־הײט געקליבן צו פאָרן קײן שפּאַניע כדי אָנטײל צו נעמען אין קריג קעגן דעם גענעראַליסימוס. דער אַגענט פון זײן זײט האָט געטאָן אַלדאָס מעגלעכע כדי צו כאַפּן זײ ,אויף דער הײסער מינוט".

אינצװישן האָט זיך אין לובלין אַלץ מער געשטאַרקט דער באָיקאָט קעגן יידן. קײלער־שקצים, צוזאַמען מיט די סטודענטן פון דעם קאַטוילישן אוניװערסיטעט, האָבן נישט אויפגעהערט צו פּיקעטירן יידישע געשעפטן טראַגנדיק טראַנספּאַראַנטן מיט די אויפשריפטן: „ניע קופּאַי או זשידאַ" און „סװאַי דאָ סװעגאָ". גוים װאָס האָבן יאָ געהאַט אין זיך אַ ביסל מענטש־לעכקײט און געקויפט בײ יידן, זענען פאַרשריבן געװאָרן אויף שװאַרצע ליסטעס און אַפילו געװאָרן געשלאָגן.

פונדעסטװעגן, װי גרויס די שנאה צו יידן זאָל האָבן געװען, האָבן אײניקע יידישע יונגעלײט דאָך געהאַט שטעלעס בײ קריסטן. אין דעם שײנעם גרויסן לובלינער קינאָ „קאָלאָסעאום" האָט אַ יידישער יונגערמאַן מיטן נאָמען אברהם געאַרבעט בײם לאָזן דעם רײדנדיקן פילם, װאָס איז אָקאָרשט אַרײן אין דער געשיכטע פון קינאָמאָטאָגראַפיע. אַ צװײטער יידישער יונגערמאַן מיטן נאָמען אריה, האָט אָנגעפירט מיט דער גרויסער קריסטלעכער פירמע „זשמיען פּלאָדו", װאָס האָט געהאַנדלט מיט תבואות

און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען.ביידע יידישע יונגעלייט זענען געווען עקס־טערנען און האָבן זיך אַליין געלערנט נישט קענענדיק אָנקומען אין דער אוניווערסיטעט צוליב נומערוס קלאַוזוס. אַ יידישער אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון באַגאַבטן מוזיקער אַקערמאַן, האָט געשפּילט אין דער גרויסאַרטיקער צוקערניע „וואַרשאַוויאַנקאַ”, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער לובלינער הויפּט־גאַס, די קראָקאָווער פּאָרשטאָט.

אַ סך פון די לובלינער יידישע יונגעלייט האָבן געלעכצט נאָך בילדונג. האָבן געפּרוווט אַלץ טאָן כדי צו קענען זיך אַרויפאַרבעטן. אָבער עס איז זיי נישט געלונגען צוליב דעם מויער פון שנאה. נישט ווייניק פון די יונגע־לייטלעך זענען אַוועק צום לינקן לאַגער מיט דער האָפנונג אויסצוקעמפן אַ „בעסערן מאָרגן” מיט אַ ביסל פרייהייט דערצו.

די פרייהייט וואָס האָט זיך געדאַרפט געפינען אין רעוואָלוציאָנערן ראַטנפאַרבאַנד האָט אינגיכן אַנטוישט צוליב אַ מעשה שהיה מיט צוויי לובלינער יונגעמאַנטשיקלעך בערל און יאַנקל. זייענדיק בהאַהויכט מיט קאָמוניסטישע אַנשויאונגען האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט געהיים קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, פּרוּוונדיק שוואַרצן די גרענעץ ביי פּאָדוואָלאָטשיסק. ביידע זענען, אונטער דער געפאַר דערשאָסן צו ווערן פון דער פּוילישער גרענעץ־וואַך, אָפּגעלעגן אַ שיינע פּאָר טעג און נעכט אין אַ וואַלד. זיי האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין גריבער פול מיט פאַרשימלטן מאָך און פאַרפוילטן געהילץ. נישט איינמאָל איז זיי שיער נישט אויסגעגאַנגען דאָס חיות, ווען נעבן זייער באַהעלטעניש פלעגן דורכגיין גרענעץ־סאָלדאַטן מיט די ביקסן אָנ־געשטעלט צו שיסן.

ווען עס איז זיי נאָך די שווערע טעג און נעכט געלונגען זיך אַריבער־צושוואַרצן אויף יענער זייט זענען זיי גלייך געכאַפּט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער גרענעץ־וואַך, וואָס האָט זיי ביידן פאַרשריגן אַלס געפערלעכע שפּיאָנען, אַזעלכע וועמען עס קומט גלייך אַ קויל אין קאָפּ. ווי עס איז זיך משער צו זיין, זענען בערל און יאַנקל נישט דערשאָסן געוואָרן. מען האָט

זיי פאַרשיקט אויף לאַנגע יאָרן אין די ווייטע סיבירער טייגעס, פונוואַנען מען קומט זעלטן צוריק אַ לעבעדיקער.

☆

עס איז געווען דער ניינטער טאָג אין אב און עס האָבן זיך אין רבינס בית מדרש געזעצט אויף די איבערגעקערטע בענקלעך די דאַוונער כדי צו זאָגן קינות. דאָס אַלטע בית המדרש, וואָס שטאַמט נאָך פון חוזה׳ס צייטן, איז אין דעם דאָזיקן בין השמשות געווען האַלב פינצטער. די חלבנע ליכטלעך האָבן געטריפט. די צאַנקענדע פלעמלעך האָבן געוואָרפן אומ־היימלעכע שאָטנס אויף די ווענט און דאָס הייזעריקלעכע קול פון שמחה בונם האָט טרויעריק אָפגעקלונגען צווישן די קינות־זאָגער.

— איכה ישבה בדד העיר. היתה כאלמנה.

שמחה בונמ׳ס גרויע באָרד בלייכט אַרויס פון דער טונקלקייט. זיין שטימע ווערט וואָס אַמאָל מער קלאָגעוודיקער.

— בכה תבכה בלילה — ודמעתה על לחיה.

די נאַכט פאַלט פּלוצעם צו. די צאַנקנדיקע ליכטלעך גייען אויס אין שטילן ווינקל און די מתפללים, וואָס האָבן אָקאָרשט געקלאָגט אויפן חורבן זיצן איצטער ביי די שוועלן פון זייערע שטיבן און טוען זיך דערציילן געשיכטעס. די לופט איז מילד. די היצן זענען נאָכנישט אינגאַנצן אַוועק און דאָס ווינטל, וואָס איז נאָרוואָס אָנגעלאָפן פון ערגעץ ווו, האָט בלויז אַ גלעט געטאָן דאָס פנים און איז נעלם געוואָרן אין חשכות פון דער נאַכט.

נעמט אברהם „געזאַלצענער״, וואָס ווייסט פון אַלע רכילותן, דערציילן די פאָלגנדע געשיכטע: איר האָט דאָך אַוודאי געהערט די מעשה פון בערל און יאַנקל, ווען עס האָט זיך פאַרגלוסט דאָס סאָוויעטישע גן עדן און זיי זענען דאָרטן אַהין אַוועק? הערט זשע ווייטער וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. דאָ אַנומלט האָט בערלס טאַטע, וואָס מען רופט אים איטשע

מאיר דאָס „זעקל־יידל״ דערהאַלטן אַ פּאָסט־קאַרטל געשריבן אויף פּויליש און מיט אַזאַ אינהאַלט: „שאַנאָווני פּאַניע, אויב דו ווילסט וויסן דעם גורל פון דיין זון בערל און זיין חבר יאַנקל — זאָלסטו קומען צו מיר אין דער פּאַראַפּיע, וואָס געפינט זיך אין ראַדאָמער קאַנט.

לאָזט זיך איטשע מאיר גלייך גיין צו יאַנקלס טאַטע אַבישל „אויל־קוועטשער״ און ביידע זענען אַוועק צום אָנגעוויזענעם אַדרעס, ווו זיי ווערן אויפגענומען דורך אַ גלח. דער גלח דערציילט זיי אַז ער איז דאָ נישט לאַנג צוריקגעקומען קיין פּוילן פון וויטן פאַרשיקונגס־אָרט פּעטשאַראַ, וואָס געפינט זיך אין דער אייז־קאַלטער טונדרע ביים צפונדיקן אייז־ים. אַהין פאָרט מען וואָכנלאַנג מיט אַרעסטאַנטן־שיפן און דער יבשה־וועג קיין פּעטשאַראַ פירט דורך וויסטע טייגעס, ווו קיין מענטשלעכער פוס איז נאָך נישט געהאַט געטראָטן. אין די ווינטער־חדשים קען מען דאָרטן לייכט פאַרפרוירן ווערן אויף טויט וואָרום די קעלט דערגרייכט ביז זעכציק גראַד. דאַקעגן אין די זומער־חדשים, וואָס דויערן נישט לאַנג קען מען צעביסן ווערן פון די געפערלעכע קאָמאַרעס.

די אַרבעט אין פּעטשאַראַ איז אַ קאַטאָרזשנע. דאָס עסן באַשטייט פון אַ קלעפּיק שטיקל שוואַרץ ברויט מיט אַ וואַסערדיקן זופּ, אָבער דאָס ערגסטע פון אַלעמען זענען די נאַטשאַלניקעס און די וועכטער וואָס ביי זיי אַוועקהרגענען אַ מענטש איז אַ שפּילעכל.

דער גלח דערציילט ווייטער, אַז דאָרטן האָט ער געטראָפן בערלען מיט יאַנקלען מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַט באַפריינדעט. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון דעם לאַגער האָבן זיי אים זייער געבעטן צו וויסן געבן די עלטערן וועגן די צרות וואָס האָבן זיי געטראָפן גלייך נאָכן אַריבערגיין די גרענעץ קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. צום סוף דערציילט דער גלח, אַז נאָכן אָפּזיצן קאַרגע צען יאָר אין די סיבירער לאַגערן איז ער אויסגעטוישט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג וואָס האָט פאַר אים אַוועקגעגעבן צען חשובע קאָמוניסטן.

דער באַפרייטער גלח האָט אָנקוקנדיק ביידע אומגליקלעכע טאַטעס,

פֿרום פֿאַרגלאָצט די אויגן ווי ער וואָלט געזאָגט: אַז ליידער צום באַדויערן קען מען גאָרנישט מאַכן כדי צו ענדערן דעם ביטערן גורל פֿון בערלען און יאַנקלען. ווי נאָר אברהם „געזאַלצענער" פֿאַרענדיקט די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע טוט זיך אייזשע פֿונעם קאַלך־געוועלבל אַ שטעל אויף און גיט אַ זאָג: גם אני בחלומי — דאָס הייסט איך האָב אויך וואָס צו דערציילן און ער נעמט דערציילן אַ געשיכטע מיט אַ לובלינער בחור וואָס האָט געהייסן כאַצקל און וועמען עס האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרגלוסט צו קעמפֿן קעגן שפּאַנישן פֿאַשיסטישן גענעראַל פֿראַנקאָ. דער דאָזיקער פֿראַנקאָ האָט געפֿירט דאַמאָלט אַ פֿאַרביטערטע מלחמה קעגן די סאָציאַליסטן וואָס האָבן געהאַט אין זייערע הענט די שפּאַנישע גרויסע שטעט מאַדריד און באַרצעלאָנאַ.

אין אַ רעגנדיקער נאַכט ווען עס האָט פֿון הימל געגאָסן מיט עמערס איז כאַצקל אַוועק פֿון שטוב און זיך געלאָזט אין ווייטן וועג קיין שפּאַניע. ער האָט אַפֿילו נישט געגעבן צו וויסן דעם טאַטן זיינעם הענעך בייטל־מאַכער, וועלכער וווינט ביים שמוציקן טייכל וואָס פֿליסט פֿון הינטער דער רוסקי גאַס אַוועק צו די ברייטע לאָנקעס.

כאַצקל האָט געענוג לאַנג זיך אַרומגעשלעפּט איבער די אייראָפּעאישע וועגן ביז ער איז ענדלעך אָנגעקומען קיין באַרצעלאָנאַ, ווי די קריגס־מאַשין האָט אים גלייך אַריינגעכאַפּט אין אירע שטאָלענע לאַפּעס. נאָך איידער כאַצקל האָט באַוויזן זיך אויסלערנען שיסן מיט דער ביקס, איז ער גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט, וואָס האָט זיך געפֿונען אין סאַראַגאָסאַ. און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצושיסן מיט דער ביקס איין קויל איז ער געטראָפֿן געוואָרן פֿון שונא'ס אַ שראַפּנעל. כאַצקל איז געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט.

די ידיעה וועגן כאַצקלס טויט איז דערגאַנגען צום פֿאָטער און האָט אַלעמען פֿון דער משפּחה געטראָפֿן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. קיינער פֿון זיי האָט זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז אָט דער שטילער יונגערמאַנטשיק,

וואָס האָט זיך געריסן צו בילדונג, זאָל גיין אויף אַ וועג וואָס לאָזט זיך אויס אין די מערסטע פאַלן מיטן טויט.

ביידע טרויעריקע געשיכטעס האָבן געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינ־דרוק אויף די צוהערער. אַלע האָבן לאַנג דערנאָך געשוויגן. ערשט זאַלקע, וואָס האָט זיין אייגנס אַ מאַנגל אויף צו פרעסן בעט־צייג האָט איבערגעריסן די שטילקייט און זיך אַזוי אָפּגערופן צו די צוהערער:

רבותי! וואָס טויג אייך אַזעלכע טרויעריקע געשיכטעס. ליבערשט וועל איך דערציילן אַ פריילעכערע מיט מיין זון מענדל דעם חלוץ, וואָס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף אַ סערטיפיקאַט און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אייגענער האַנט קיין ארץ ישראל. ער געפינט זיך אין אַ קיבוץ וואָס רופט זיך דגניה. שרייבט מיר דער זון, אַז אין זיין קיבוץ האָדעוועט מען ווייסע הינער אין שטאַלן אַזעלכע, וואָס מען רופט לול. די הינער לייגן אַ סך אייער מיט דער הילף פון ספעציאַליסטן פון עופות־צוכט. אין דאָזיקן קיבוץ דרייען זיך אַרום יידישע שומרים, וועלכע היטן די קי אויף דער פאַשע, די זאַנגען אויף די פעלדער און די הייזלעך פון קיבוץ וואָס טונקן זיך אין גרינס.

דערהערט אַזוינס האָט אַ צווייטער גענומען דערציילן פון דער יידישער שטאָט תל־אביב מיט אירע ווייס־געקאַלכטע הייזער און ברייטע באַלקאָנען אויף וועלכע די איינוווינער זיצן אין די פאַרנאַכט־שעהן, שעפנדיק די מחייהדיקע לופט פון דעם ים.

אַז עס קומט פורים איז אויף די גאַסן ששון ושמחה, דערציילט ווייטער דער צווייטער. מען טאַנצט הוראַס און מען זינגט לשון־קודשדיקע לידער. און דער ראש העיר פון תל־אביב, מאיר דיזנגוף פירט אָן מיטן פורים־קאַרנאַוואַל, וואָס רופט זיך „עדלידע" רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד. דערביי טוט מען אויסוויילן דאָס שענסטע מיידל אַלס אסתר המלכה. דער דערציילער שילדערט די ריין יידישע שטאָט תל־אביב, וואָס איז שיער נישט אַזוי גרויס ווי לובלין און פאַרמאָגט פיל געשעפטן, וואַרשטאַטן, פאַבריקן און ביוראָען.

ווערן די הערצער פון די צוהערער אָנגעפילט מיט שטאָלצ־

קייט. די געזיכטער וואָס זענען געווען ביז איצט איינגעהילט אין טרויער הויבן אָן שמייכלען און דערביי נעמט זיי אָן די אייביקע בענקשאַפט צום הייליקן לאַנד פון די אבות.

נאָר די דאָזיקע פאַרבענקטע מינוטן דויערן נישט לאַנג. אָט האָבן זיך אין דער גאַס באַוויזן די געשטאַלטן פון זינגערן און לייבל „מאַסקע”. ביידע זענען געווען שיכור פונעם בראָנפן וואָס זיי האָבן ערשט נישט לאַנג אויס־געטרונקען אין אברה׳מלס רעסטאָראַן. ביידנס טריט זענען וואַקל־דיקע און זייערע פאַרגלאָסענע אויגן קוקן מיט באַהאַלטענער שנאה אויף די יידן, וואָס האָבן אָקאָרשט געשמועסט וועגן ארץ ישראל. ביי די דאָזיקע פרומע יידן דערוועקט זיך אַ כעס אויף די צוויי זויפערס וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער דאָזיקער נאַכט פון תשעה באב און צעשטערט דעם שטימונגספולן געשפּרעך. זיי האָבן גענומען מורמלען: — אָט האָסטו דיר אַ משומד אויף אונדזערע קעפּ!

אַזוי האָבן זיי גערעדט זיצנדיק ביי די שוועלן פון די הייזער און דערווייל האָט די נאַכט אַלץ מער באַדעקט מיט חשכות דעם אָרום. טירן און פענצטער האָבן זיך געשלאָסן און דאָס נאַכטיקע גאַסן־לעבן האָט זיך מיטאַמאָל איינגעשטילט.

צומאָרגנס איז זינגער דער אַגענט, אַן אויסגעניכטערטער, געקומען צו זיינע אַלטע טאַטע מאַמע, וואָס האָבן געוווינט אויפן בריקל דאָרטן, פונוואַנען עס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די גאַסן קראַוויעצקי, זאַמקאָווע, שעראָקאַ, קאָוואַלסקאַ און גראָדסקאַ.

— וואָס מאַכסטו טאַטע?

— וואָס זאָל איך מאַכן — האָט דער אַלטער קאַמאַשנמאַכער געענט־פערט מיט אַ בייזן טאָן אין דער שטימע.

— וואָס ביזטו אין כעס, טאַטע?

— פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט בייזערן, אַז כ׳האָב אַ זון אַ משומד און אַ גויע פאַר אַ שניר.

זינגער מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון זיין טאַטנס רייד. ער האָט זיי שוין נישט איינמאָל געהערט. זיין אויפמערקזאַמקייט שענקט ער איצטער דער מוטער, וואָס איז באַשעפטיקט אין דער קיך מיטן קאָכן דאָס היימישע עסן.

— וואָס קאָכסטו, מאַמע ?

— אַ קרופּניק.

— קענסט מיך מכבד זיין מיט אַ טעלערל קרופּניק ?

— אַפילו צוויי טעלערלעך קענסטו פון מיר באַקומען.

זינגער פאַסמאַקעוועט דעם געשמאַקן קרופּניק און זיין טאַטע, וואָס האַלט אין צושניידן אַ פּאָר כאָלעווקעס, נעמט אים אויפסנײ אויפן צימבל :

— ביזט געווען נעכטן טויט־שיכור מיין זון !

— פונוואַנען ווייסטו ?

— מען האָט מיר געזאָגט.

— ווער האָט דיר געזאָגט ?

דער אַלטער לאָזט נישט אָפּ. — פאַרוואָס עפּעס האָסטו זיך אָנגעשיכורט ? עס איז דאָך נישט דיין טבע —

זינגער שווייגט ווי אַ פיש.

— האָסט זיך נישט אַמאָל צעקריגט מיטן ווייב ? — וויל דער אַלטער דווקא וויסן.

— און אַז יאָ איז וואָס ? — ענטפערט אים צוריק דער זון מיט פאַר־דראָס און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. די מאַמע וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון דער קיך שרייט אים נאָך :

— מיין זון ! פאַרגעס נישט צו קומען...

פון שמאי גרייער ווערט שמאי אַלפאַנס

ווען לייבל גרין איז געוואָרן אויס שטאָטישער לאָמפּן־צינדער האָט ער זיך גענומען פאַריכטן און פאַרדינגען ראָווערן, וואָס זענען אַריין אין דער מאָדע. די יוגנטלעכע האָבן אין דער מאָדע געזען אַ גוטע געלעגנהייט צו טרייבן אַ ביסל ספּאָרט.

לייבל גרינ׳ס ערשטער קליענט איז געווען שמאי גרייער, דער יונגער פּריזיער־געזעלן, וואָס האָט זיין פרייע צייט אויסגענוצט אויף אַרומצופאָרן מיט אַ ראָווער איבער דער שטאָט, אַרויסרופנדיק קנאה ביי די יעניקע בחורים, וואָס האָבן זיך אַזאַ זאַך נישט געקענט פאַרגינען.

מיט דער צייט איז שמאי געוואָרן איינער פון די בעסטע פאָרער אין שטאָט. מיטן נייעם ראָווער, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט, האָט ער באַוויזן אַ קונץ זיך אַראָפּלאָזן מיט דעם קאָוואַלסקי־באַרג, וואָס איז געווען ווי אַ גלאַטע וואַנט און האָט געשטעקט צווישן די גאַסן רינעק און קאָ־וואַלסקי. שמאי פלעגט אויך באַווייזן אַנדערע מיני קונצן, ווי אַריבערפאָרן איבער אַ שמאָלן ברעט דאָס לאַנקע־טייכל, אַראָפּלאָזן זיך מיטן ראָווער איבער באַרג־טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו אַ טיפן טאָל און חוץ דעם פאָרן אויפן שאָסיי צווישן אַ געדרענגעניש פון כלערליי באַלאָדענע וועגענער.

און דאָ מיטאַמאָל איז שמאי „פערדיאַק״, ווי מען האָט גערופן די פריזירער, דערשינען אַלס „מאַצאַרניק״ אויף דער גראָדסקע גאַס. ער איז געוואָרן „באַזיצער פון אַ פריילעך הייזל״ מיט אַ גרעסערער צאָל נקבות, וואָס האָבן אים נישט ווייניק געלט אַריינגעבראַכט. האַנט ביי האַנט מיט שמאי אַלפאַנס האָט געשפּרייזט זיין מעטרעסע גאָלדע מאַלי, וואָס איז אַליין געווען אַ גאַסן־פרוי און האָט זיך אַרויפגעאַרבעט ווערנדיק די אייגנ־

טימעריך פונעם „הײזל" וואָס שמאי האָט, ווי מען זאָגט, באַקומען אַלס נדן.

שמאי אַלפאָנס, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט ייִנג־לערישע איבערגעוואָרפענע הויזן האָט איצט פּאַראַדירט אין שפּאָגל נײַע אַנצוגן פון ביעלסקער שטאָף, מיט לאַקירטע לאַטשן און מיט זײַדענע שלײי פעלעך פאַרבונדן הינטערן קאַלנער פונעם ווײַסן העמד. גלײַך האָבן זיך אַרום אים געגומען זאַמלען די גוטע ברידער: בוטשע, דער פּרעטענסיע־גײער, משה קולו, קישקע בראַנד, שלום בבא און אויך לײבל מאַסקע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו באַקלעפּן די שטאָט מיט די אַפישן.

געווען איז דעמאָלט נאָכן אויבן־דערמאָנטן געשלעג אין לובלינער גאָרטן מיט שקצים. אין דעם געשלעג האָבן די גוטע ברידער צוגעלײגט אַ האַנט, העלפנדיק דערמיט די ייִדישע יוגנטלעכע זיך פרײַ צו באַוועגן און געניסן פון אַזעלכע פאַרווײַלונגען ווי גליטשן זיך ווינטער אויפן אײַז, אַרומשווימען מיט שיפלעך אין דער „רוסאַלקע", זיך באָדן אין דער „ביס־טזשיצע" און בעיקר קענען פראַנק און פרײַ שפּאַצירן אויפן „דעפּאַטק", די קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשטשע.

שמאי „אַלפאָנס" איז שנעל געשטיגן אויף דעם אונטערוועלטישן לײטער. ער איז געוואָרן בײַ די ווילדע יונגען אַ גאַנצער „רבי", אַזעלכער וואָס טוט אויסגלײַכן דין־תורה׳ס און פאַרזאָרגן מיט „וואָלאָווקעס" די יעניקע פרײַנטלעך, וועמענס גורל איז אויסגעפאַלן צו זיצן הינטער די קראַטן. שמאי איז געווען אויסגעקאָכט מיט דער פּאָליצײַ. מיט זינגערן איז ער געווען פאַן בראַט און אין די אויגן פון די קצבים האָט ער זיך געמאַכט וויכטיק, טײלענדיק זײ גוטברודערשאַפט מיט אַ ברײטער האַנט.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען געקענט זען שמאין גײן אויף דער גראָדסקע גאַס אַן אויסגעפּוצטער ווי צו אַ חתונה. מיט דראָבנע טריטעלעך פלעגט ער זיך דערנענטערן צום אָרט, ווו עס האָבן זיך אַרומ־געדרײט זײַנע נקבות וואַרטנדיקע אויף געסט און געבנדיק יעדער פון זײ אַ קניפּ אין בעקל פלעגט ער אַ זאָג טאָן:

— לעכטיק קינד מײַנס, אַ כוח דיר אין די בײנדעלעך!

נאָכדעם פּלעגט ער זיי פאַרבעטן אין דער נאָענטסטער צוקערניע אויף „טשאַסטקעס" מיט געצוקערטן טיי און דערביי זיי דערמאָנען, אַז די צייט שטייט נישט און אַז מען דאַרף זען פאַרדינען אַ סך געלט. אָפּגעזאָגט דעם פּזמון לאָזט זיך שמאי ווייטער גיין איבער דער גאַס. זיינע מיט פּאָמאַדע פאַשמירטע האָר גלאַנצן, דאָס פעטע פּנים מיט די כיטרע אויגן שמייכלט ליבלעך צו יעדן באַקאַנטן, וועמען שמאי באַגריסט וווילינגעריש:

— סערוווס קאָלעגעלע!

אָט אַזוי קומט שמאי אַלפאַנס אין דער קנייפּע, ווו עס וואַרטן שוין די חברים מיט פולע פלעשער בראָנפן און מיט אַ פאַרשלאָג אויסצו־גלייכן זיי אין אַ פרישער דין תורה. ד'י צדדים וואָס וואַרטן אויף שמאי'ן זענען נישט קיין אַנדערע נאָר די באַקאַנטע גוטע ברידער בוטשע און מאַקס, דער צושטעלער פון נקבות פאַר די שאַנד־הייזלעך אין די דרום־אַמעריקאַ־נישע לענדער. דער באַשולדיקער איז בוטשע, וואָס טוט פאַר אַלע פאַר־זאַמלטע דערציילן ווי אַזוי מאַקס האָט אים באַליידיקט אויפן ערגסטן אופן, פאַרלייגנדיק אים צו פאַרקויפן אים זיין געליבטע כלה סאַלטשע, מיט וועלכער ער גייט חתונה האָבן.

איידער וואָס ווען ליידיקט די חברה אויס איין פלאַש בראָנפן נאָך דער צווייטער פאַרבייסנדיק מיט צעשניטענעם הערינג, איינגעוויקטן אין עסיק מיט געצנדזונע פּיפּקעס און מיט געבראָטענער קאַטשקע. דער גע־שמאַקער ריח פון די מאכלים פילט אויס די גאַנצע שטוב, וואָס איז איינגעהילט אין רויך פון די ציגאַרעטלעך. די נאַכט־שעהן רוקן זיך. אַלע ווי איינער זענען אָנגעטרונקען ביזן איבערן האַלדז. בלויז ער, שמאי, וואָס איז נישט אינגאַנצן שיכור, ווייסט זיין ראָלע צו שפּילן און ער גיט אַ זעץ אין טיש און אַ זאָג אַז אַלע זאָלן הערן:

— שטיל זאָל זיין, חברה! איך שמאי גיי אַרויסטראָגן דעם פּסק דין.

און ער טוט זיך אַ שטעל אַוועק אין אַ פּאָזע פון איינעם וואָס גייט האַלטן מי יודע וואָסערע רעדע. ווען אַלע בלייבן שטיל, נעמט ער רעדן ווי עס פּאַסט פאַר אַ רבין: „אַזוי און אַזוי חברה. אונדזער בעסטער גוטער

פריינט מאַקס, איז ווי איר ווייסט, גאַרנישט אויסן געווען צו באַליידיקן אונדזער נאָך בעסערן גוטן פריינט בוטשע. ער האָט בלויז זיך געמאַכט אַ געלעכטער און דערפאַר קומט אים גאַרנישט. על כן לייג איך פאָר, אַז ביידע זאָלן זיך אָט שוין איבערבעטן, געבן זיך די הענט און פאַרטיק".

נאָכדעם ווי מאַקס און בוטשע האָבן זיך געגעבן די הענט האָט זיך שמאי געלאָזט גיין אַהיים. עס איז שוין געווען שפּעט. די גאַסן זענען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן. דאָס ליכט פון די לאַמטערנעס האָט געוואָרפן אַן אומעטיקן שיין אַרום זיך. קעץ האָבן געמיאַוקעט און הינטיש געבילעריי האָט זיך געטראָגן פון די הויפן. ערגעץ פון אַ ווייטערער גאַס האָבן אָפּגעהילכט טריט פון אַ פאַראייניזאַמטן דורכגייער און אויף זיין ראָוועו איז מיטאַמאָל אָנגעפאָרן דער אַפּישן־קלעפּער, לייבל מאַסקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן שמאי „אַלפאָנס".

— פונוואַנען גייסטו אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?

— פון אַ דין־תורה. און דו וואָס טוסטו אויף דער גאַס אַזוי שפּעט?

— זעסט דאָך אַז איך קלעפּ אַפּישן.

— וואָסערע אַפּישן זענען דאָס?

— פרעג בעסער נישט, גוטער ברודער!

שמאי אַלפאָנס איז געוואָרן איין שטיק געהער.

— זאָג שוין. צי מיר נישט אַרויס די נשמה.

האָט אים לייבל מאַסקע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין די אַפּישן וואָס ער צעקלעפּט איצטער איבער די גאַסן שטייט געשריבן שוואַרץ אויף וויס, אַז די יעניקע יונגעלייט — דערביי ווערן אָנגעגעבן זייערע נעמען און פאַמיליען־נעמען — זאָלן זיך שוין צושטעלן אין די אָנגעוויזענע פּונקטן בכדי דורכצומאַכן אַ שנעל־קורס קעגן קריגס־גאַזן און דערביי האָט לייבל מאַסקע צוגעגעבן:

— דאָס, גוטער ברודער, שמעקט מיט מלחמה!

— וואָס מלחמה, ווער מלחמה — האָט זיך שמאי אויסגעלאַכט.

דערויף האָט אים לייבל דערלאַנגט אַזאַ זאָג: — וואַרט צו אַ ביסל גוטער ברודער און וועסט שוין זען צי כ׳בין יאָ גערעכט אָדער נישט.

☆

שמאי׳ס יוגנט איז אַוועק גאַנץ אַנדערש ווי ביי אַנדערע יוגנטלעכע פון זעלבע עלטער. ביי זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן געהאַט אויפן אויפן שלאָס־באַרג אַ טיי־הייזל מיט אַן אַכסניה האָט זיך שמאי אַנגעזען גענוג זאַכן, אַזעלכע וואָס זענען גאָר נישט געווען באַשטימט פאַר קינדער. אין דער אַכסניה, וואָס איז באַשטאַנען פון ענגע צונויפגעשטוקעוועטע שטיבלעך האָבן זיך אויפגעהאַלטן אָפּגעפּאָרענע גאַסן־פרויען, אויסגע־שפּילטע אַקטיאָרן, קבצנישע זינגער וואָס האָבן געזונגען אין די הויפן פאַר אַ פּאָר גראָשנס, קאַטערינאַזשעס, צוגעפּאָרענע דינסטן פון די קליינע אַרומיקע שטעטלעך און סתם יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַמיליעס און געלעבט פון ווינט־פרנסות. נישט איינמאָל זענען דאָ צווישן די באַ־ווינער אויסגעבראָכן העפטיקע קריגערייען באַגלייט מיט מיאוסע קללות. נישט איינמאָל האָט זיך דאָ אין די ענגע אַלקערלעך אָפּגעשפּילט אַ ליבעס־סצענע צווישן אַ קאַטערינאַרזש און אַ געוועזענע „נקבה". די סצענע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט קלעפּ און מיט דער אַריינמישונג פון פּאָליציי. אין דער צייט ווען אין די אַלקערלעך האָט מען זיך אַרומגעריסן איז אין דעם זעלבן טיי־הייזל אָנגעגאַנגען אַ שפּיל אין דאָמינע און אין קאָרטן. די שפּילער זענען דאָס רוב געווען ליידיקגייער וואָס פאַר די עטלעכע גראָשנס לייזעכטס זענען זיי דאָ אָפּגעזעסן טעג און נעכט.

שמאי איז אויפגעוואַקסן אַ קרעפּטיקער בחור מיט ברייטע פּלייצעס און מיט אַ געזונט פּנים. צום גרויסן נחת פון זיינע טאַטע מאַמע האָט ער זיך נאָך זייענדיק גאַנץ יונג אָנגעדונגען אַלס געזעלן אין אַ שערעריי. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ פריזירער פאַר דאַמען און הערן. אַזוי אַרום

האָט שמאי קענען געלערנט די מומע פון פריילעכן הייזל, גאָלדע מאַלי, וואָס האָט אים באַשטימט פאַר איר „פּאַטראָן".

דעם אמת געזאָגט האָט זיך שמאי גוט געפילט אין דער ראָלע פון אַ „מאַטשאָרניק", גאָלדע מאַלי ווי אַ געטרייע ליובאָווניצע האָט אים צו־געטראָגן דאָס בעסטע און דאָס שענסטע. זי האָט אים באַנייט און באַקליידט. זי האָט אים אויך אונטערגעטראָגן דאָס פאַרדינסט פון די „נקבות" און דערביי אים געפּאַשעט מיט די בעסטע מאכלים. גאַנץ גיך איז שמאי גע־וואָרן אויסגעקאָכט מיט די אַלע פּאָליצייאישע רעוויראַוועס, קאָמיסאַרן און געהיים־אַגענטן. שמאי האָט זיי אָפּגעחורשט מיט געלט כדי זיי זאָלן אים נישט שטערן אין דאָזיקן עסק. ער איז אויך געווען אַ גאַנצער פאַן־בראַט מיט די גויאישע אונטערוועלטניקעס, די מאַליס, די פּיעטראַשינ־סקיס און בעיקר מיטן פאַרברעכער „מאַטיקי", וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער גאַנצער שטאָט. אָט דער „מאַטיקי" פלעגט נישט איינמאָל קומען אין די יידישע גאַסן אַרויסרופנדיק דאָרטן געשלעגן. ער פלעגט אויך, זייענדיק אָנגעטרונקען, באַפאַלן שמאי׳ס „נקבות" וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די געסלעך ביים רינעק. דערביי האָט ער געשלאָגן יעדן פאַרבייגייער וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען אונטער דער האַנט. שמאי אַלפאָנס, וואָס זיינע נקבות זענען אים געווען ליב און טייער האָט פאַרבעטן „מאַטיקין" אין רעסטאָראַן, ווו ער האָט אים גענומען מכבד זיין מיט די בעסטע מאכלים. צווישן איין מאכל און דעם צווייטן האָט שמאי אים פריינטלעך געקלאַפּט אין דער פּלייצע אָנגיסנדיק אין איינוועגס צוויי פולע גלעזער מיט בראָנפן:

— צום ווילזיין, מיין פריינט!

דערנאָך האָט אים שמאי אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין אַ פּעקל, וואָס האָט אַנטהאַלטן גאַנצע הונדערט זלאָטעס.

— ווילסט מער נישט באַפאַלן מיינע מיידלעך?

— יעי באָגו אַז כ׳וועל זיי מער נישט באַפאַלן — האָט פייערלעך פאַרזיכערט מאַטיקי.

— און וועסט אויך מער נישט קומען אויף דער יידן־גאָס צו שלאָגן יידן ?

— כ׳וועל מער נישט קומען.

— שווער דיך !

— מיינע איינציקע עלטערן זאָלן אַזוי לעבן ! און מאַטיקע האָט גע־האַלטן זיין וואָרט און געוואָרן שמאי׳ס בעסטער חבר.

די דאָזיקע זאַך האָט שמאי׳ן גרויס געמאַכט אין די אויגן פון די אַלע גוטע ברידער און סתם יידן פון די יידישע געסלעך. זיי האָבן אין אים געזען אַ מין באַשיצער קעגן גוישע באַפאַלער. און ער אַליין, ווערלנדיק זיך נאָך גרעסער מאַכן, האָט גענומען אַרויסווייזן פילאַנטראָפּיע שענקענדיק נישקשהדיקע נדבות פאַר אַזעלכע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס ווי גמילת חסדים, לינת הצדק, פאַרן בית יתומים און ער האָט אויך נישט פאַרגעסן די אָרעמע לייט, וואָס גייען יעדן מאָנטיק אין די הייזער, געבנדיק זיי גרעסערע מטבעות און יענע האָבן אים געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן.

שמאי׳ס פּאָפּולאַריטעט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַן אויסגע־פוצטער אין העלע רייט־הויזן, וואָס האָבן געשטעקט אין שפּאָגל־נייע לאַקירטע שטיוועלעך און מיטן שטעקעלע אונטערן אָרעם האָט ער שפּאַ־צירט איבער די יידישע גאַסן אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָר גוטע פריינטלעך, וואָס זענען תמיד געווען גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע אין פאַל ווען אימעצער וועט אים, שמאי׳ן ווערן באַפאַלן.

הענדלערקעס וואָס זענען געשטאַנען מיט די קוישלעך אויף די טראָטואַרן, פאַרלייגנדיק די פאַרבייגייער פרישע בייגל, אייער־קיכלעך און אַנדערע מיני זיסקייטן, האָבן דערזעענדיק שמאי׳ן גענומען אים מאַכן אָנבאָטן :

— גיב עפּעס צו לייזן, גוטער מענטש !

— מיר האָבן נאָך היינט נישט געהאַט קאַ פּאַטשאָנטעק !

שמאי לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן. ציט אַרויס דאָס געלט־בייטעלע

פון דער טיפער הויזן־קעשנע און נעמט טײלן יעדער הענדלערקע אַ גרעבערע מטבע זאָגנדיק דערבײ:

— נאַדיר און ווײס מײן גוט האַרץ!

און אַט אַזוי גײענדיק קומט שמאי מיט זײן חברותה אַרויס אויף דער צירולניטשע גאַס, ווו עס שטײען די וואָזשעוואָדניקעס מיט זײערע לאַסט־װעגענער. דאָרט טרעפט ער זיך אָן אויג אויף אויג מיט אברהם הויזשעבאָוו אויף וועמען ער, שמאי, טראָגט נאָך אין זיך אַ כעס צוליב בראַנטשען. זי האָט דאָך געקענט זײן אײנע פון זײנע „מײדלעך” ווען נישט ער, אברהם וואָס האָט זי אַרויסגעריסן פון זײנע הענט מיט כוח. שמאי איז זיכער, אַז אויך אברהם הויזשעבאָוו איז אין כעס אויף אים. נישט װעלנדיק, ווי מען זאָגט, אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד, האָט שמאי געפּרוווט אַראָפּגײן פון וועג ווי ער וואָלט כלומרשט נישט געזען דעם דאָזיקן גיבור, אברהם הויזשעבאָוו, וואָס קען אים, שמאי׳ן, אָװעקלײגן מיט אײן קלאַפּ.

נאָר ווי גרויס איז געווען זײן איבעראַשונג ווען אברהם האָט מיט־אַמאָל אויסגעשטרעקט אַ פרײנטלעכע האַנט צו אים זאָגנדיק דערבײ:

— וואָס הערט זיך בײ דיר, שמאי?

— וואָס זאָל זיך הערן — האָט אים שמאי אָפּגעענטפערט און צוגעגעבן:

— ביזט נישט בײז אויף מיר, אברהם?

— עס פאַלט מיר גאָרנישט אײן.

— אויב אַזוי וועל איך אויפהערן צו זײן אויף דיר אין כעס.

— האָבן מיר הײסט עס עפּעס אויפגעטאָן — האָט זיך אברהם הויזשעבאָוו געוויצלט.

— כ׳מײן אַזוי!

און שמאי „אַלפאָנס” האָט זיך געלאָזט ווײטער גײן איבער די גאַסן פאָכענדיק דערבײ מיט זײן שפּאַציר־שטעקעלע און באַגריסנדיק ווי זײן שטײגער יעדן אָנגעטראָפענעם באַקאַנטן:

— וואָס מאַכט עפּעס אַ מענטש? און וואָס טוט עפּעס אַ מענטש דאָ אויף דער גאַס?

שמאי איז געווען גוט אויפגעלייגט. זיינע „געשעפטן" זענען גוט געגאַנגען. דאָס „עסק" האָט געבליט און קיינער פון די אַלע גוטע ברידער האָט זיך צו אים נישט געקענט פאַרגלייכן. קיינער פון זיי איז נישט געווען אַזוי גוט אָנגעטאָן און ביי קיינעם האָט זיך נישט געפונען אַזוי פיל געלט אין דער קעשענע ווי ביי שמאי'ן, וואָס ווייסט פון אַ לעבן צו זאָגן...

צומאָרגנס האָט שמאי, זייענדיק נאָך אַלץ גוט געלוינט, זיך אויפגעזעצט אויף זיין ראָווער כדי צו פאָרן איבער דער שטאָט, באַווייזנדיק צוערשט זיין לאַנגסטיקע קונץ זיך אַראָפּלאָזן מיטן ראָווער פון דעם גלאַטן ווי אַ וואַנט קאָוואַלסקי־באַרג, וואָס האָט געפירט פון דער קאָוולאַסקע גאַס צו דער גראָדסקע, ווו שמאי האָט געהאַט זיין פריילעך הייזל. דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער דורך דער נאָווע גאַס צו דער קראַקאָווסקע פּשעדמיעסטשע, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן העט ווייט ביז צו די קאָשאַרן. פאָרנדיק אַזוי איבערן גלאַטן שטיינערנעם שאָסיי האָט שמאי באַגעגנט אַן אויסערגעוויינלעך שיין מיידל, וואָס האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ ביי געהאָפטן קליידל. פוילט זיך נישט שמאי, לאָזט שטיין דעם ראָווער אין אַ זייט און גייט צו איר צו מיטן פרעכן שמייכל אויפן פעטן פנים:

— אַ גוט מאָרגן שיין מיידל!

— גוט מאָרגן! גוט יאָר! ענטפערט זי מיט אַ געלעכטער און ווייזט דערביי צוויי שורות שניי־ווייסע פערלדיקע ציינער.

— עס מאַכט דיר נישט אויס אַ ביסל רעדן מיט מיר? — פרעגט ווייטער שמאי.

— עס מאַכט נישט אויס.

— זאָג זשע מיר אויב אַזוי, ווי איז דיין נאָמען כ'זאָל וויסן ווי דיך צו רופן.

— מיין מאַמעשי רופט מיך מאַרונאַ און מיין טאַטעשי מרימל!

— איצט זאָג מיר ווי אַלט ביזטו מרימל?

— זעכצן יאָר!

— און ווו וווינסטו?

— אין גרויס טשעכיוו.

שמאי הערט נישט אויף זיך אינטערעסירן.

— וואָס זשע טוסטו דאָ ביי די קאַשאַרן מיט אַ ניי קלייד אויף דער האַנט ?

— דאָס קלייד טראָג איך אָפּ צו אַ קליענטין.

— ביזט עס הייסט אַ שניידערין ?

— נישט איך נאָר מיין מאַמעשי.

וויזט אויס אַז דאָס מיידל איז שמאי'ן גוט געפעלן, וואָרום ער האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע שעלמישע אויגן פון איר פנימל און פון די פעך שוואַרצע האָר וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אַקסלען ווי אַ קרוין.

כאָטש שמאי איז איצט געווען מיטן מיידל אויג אויף אויג און דערצו וויטלעך פון דער שטאָט, האָט ער דאָך נישט געוואַגט זיך דערנענטערן צו איר נישט קוקנדיק אויף זיין חשק זי אַ קוש טאָן. ער האָט פאַרשטייט זיך מורא געהאַט אָנצוהויבן מיט די גרויס־טשעכיווער, וועלכע האָבן געקענט דערלאַנגען אַזעלכע קלעפּ, אַז מען האָט זיי געהאַט צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן.

דעריבער טאַקע האָט שמאי זיך שיין געזעגנט מיט מרימל, אין וועלכער ער האָט זיך ממש פאַרליבט. ער האָט דערביי געזאָגט, אַז עס קען געמאָלט זיין אַז זיי ביידע זאָלן זיך נאָך אַמאָל טרעפן...

ווען היטלער איז באַפאַלן פוילן און זיינע רוצחים האָבן אַריינגעטריבן די יידן אין געטאָס האָט שמאי אַלפאַנס, וועלכער איז דעמאָלסט געוואָרן דער אומגעקרוינטער קיסר פון לובלינער געטאָ, גענומען די שיינע מרימל פאַר אַ ווייב, אָבער פריִער פאַרטריבן פון זיך זיין מעטרעסע גאָלדע מאַלי.

האַרט פאַר דער מלחמה האָבן די יידן אין לובלין, גלייך ווי די יידן אין אַנדערע שטעט אין פוילן, איבערגעלעבט שווערע צייטן. די אַרבעטס־לאָזיקייט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג, דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט און דערצו האָבן פון שכנותדיקן דייטשלאַנד אָנגעהויבן בלאָזן

געפּרלעכע ווינטן וואָס האָבן אָנגעזאָגט גרויסע צרות פאַר יידן.

יידן האָבן אָבער נישט אויפגעהערט צו האָפן אויף בעסערע צייטן. אין די בתי מדרשים, חסידים־שטיבלעך האָט מען דריי מאָל אין טאָג גע־דאַוונט מיט מנין. ווייל־לערנער האָבן צווישן מנחה מעריב מעיין געווען אין די הייליקע ספרים, געלערנט אַ בלעטל גמרא און אַ פּרק משניות. לובלינער סוחרים האָבן געפירט דעם האַנדל מיטן לעצטן ביסל מזומנים. דער שטייער־אַמט האָט געדריקט פון אַלע זייטן. גראַבסקיס „עגלה" האָט געאַרבעט מעשים, אַרויספירנדיק פון יידישע שטובן דאָס האָב און גוטס. די שנאה צו יידן איז געווען גרויס און נאָך גרעסער איז געווען דער באָיקאָט וואָס האָט פאַרוואַנדלט נעכטיקע פאַמעגלעכע יידן אין אָרעמע לייט.

אין די ענגע געסלעך וואָס הינטערן שלאָס־באַרג הערשט אַ כסדרדיק זאָרגן פאַרן מאָרגן. טאַטע־מאַמעס טראַכטן מיט זאָרג וועגן קאַלטן ווינטער וואָס קומט ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. מען באַדאַרף וואַרעמע פלטנדלעך ווי אויך גאַנצע שיכלעך פאַר קינדער זיי זאָלן קענען גיין אין די חדרים און אין די וועלטלעכע שולן און אין דער צייט ווען לובלינער יידן זענען געווען אַריינגעטאָן אין דאגות פרנסה און מיט אַ שווער געמיט געטראַכט וועגן דער אומזיכערער צייט, איז שמאי אַלפאַנס מיט זיין גוטן פריינט מאַקס געווען פאַרנומען מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען. זיי פלעגן זיצן אין דער קנייפע און עסן אַ געשמאַקע סעודה.

זינט מאַקס איז אַהער געקומען פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, ווו ער איז געווען פאַרפאָלגט פון די דאָרטיקע פאָליציי, איז ער מיט שמאין דער בעסטער גוטער ברודער.ביידע פילן זיך ווי סוחרים פון איין בראַנזשע. זיי טראָגן זיך אַרום מיט געמיינזאַמע פלענער וואָס כדי זיי צו פאַרווירק־לעכן מוז מען האָבן אַ סך צייט. דערוויייל זענען זיי אַריינגעטאָן אין די גוט־ברודערישע זאַכן, ווי שפּילן אין קאָרטן, מאַכן אַ כוסה און בעיקר וואַרבירן פון צווישן די מיידלעך פון די קליינע שטעטלעך פרישע „כלות" פאַרן פריילעכן הייזל. קוים קומט אונטער אַזאַ מין נאַיוו מיידל וואַרפט

אויף איר שמאַי אַן אויג און פאַרנאַרט זי צו די וואָליער לאַנקעס, וווּ ער טוט זי באַאַרבעטן אויפן אַלפאַנסישן אַרט. ער נעמט זי אײַן מיט גוטע ריידעלעך אַזוי לאַנג ביז זי באַשטייט צו ווערן דאָס וואָס ער וויל. עס דויערט נישט לאַנג און דאָס פּראָווינצער מיידל, וואָס איז געקומען קיין לובלין זוכן אַ שטעלע ווערט אַרויסגעשיקט אויף דער „בוקעטע" און שמאַי שטייט נישט ליידיק. ער נעמט זיך אויפסניי צו דער „אַרבעט". ביידע גוטע פרײַנטלעך וואָס האָבן אָקאָרשט פאַרטיק געמאַכט די געבראָטענע קאַטשקע און אויסגעליידיקט די פלאַש מיטן בראָנפן, געפינען זיך אין אַ געהויבענע שטימונג. ביידע נעמען זינגען דאָס שלאַגער־לידל פון דער „רומענישער חתונה" וואָס ווערט געזונגען דורך יונג און אַלט. אָבער פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן בראָנטשע אַ פּאַרסאָפּעטע:

— מאַקס!

— וואָס איז מײַן אוצר?

— דער טאַטע מײַנער האַלט ביים שטאַרבן!

— פונוואַנען ווייסטו?

— כ'האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע.

מאַקס קוקט אויף בראָנטשען מיט פאַרדראָסיקע אויגן.

— וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

— ווילן וויל איך מיר זאָלן ביידע זײַן אויפן טאַטנ'ס לוויה.

— כ'האָב פײַנט לוויות.

— ווילסטו הייסט עס נישט פאָרן מיט מיר?

— כ'האָב נישט קיין חשק.

— אויב אַזוי וועל איך דיר אַרײַנרומיען אַ סוד!

— וואָס פאַראַ סוד?

בראָנטשע האָט זיך צוגערוקט גאַנץ נאָענט צו מאַקסן און אים אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער:

— קוים פאָרסטו נישט וועט מען פאַרפּאַסן דאָס ירושה־געלט.

דערהערט אַזוינס איז מאַקס געוואָרן אַן אַנדערער מענטש.

— בראָנטשע! — האָט ער זי אַזש אַ הויב געטאָן אין דער הויך — ביזט זיכער אין דיינע רייד?

— ווען כ׳זאָל נישט זיין זיכער וואָלט איך נישט גערעדט.

— אויב אַזוי איז געפאָרן זאָל ווערן קיין וואָנוואַליץ.

און מאַקס האָט זיך גענומען געזעגענען מיטן גוטן פריינט.

— זיי מיר געזונט שמאי און לאָז אַלעמען גריסן.

— ווען קומסטו צוריק, מאַקס?

— דאָס קען איך דיר נישט זאָגן גוטער ברודער!

— פאַרוואָס קענסטו נישט זאָגן?

— ווייל מען קען נישט וויסן פאָרויס!

☆

[illegible]ן אין דער אמתן האָבן זיךביידע גוטע פריינט געטראָפן ווידער־אַמאָל אין אַ זייער נישט קיין גוטער צייט. דאָס איז געשען אין מיידאַן, אין דעם גויאישן דערפל מיט די האַלב איינגעפאַלענע ליימיקע הייזלעך, וואָס איז געלעגן גאַנץ נאָענט צום טויטן־לאַגער מיידאַנעק, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלע מיתות משונות איבער צוויי מיליאָן יידן. דאָרטן אין מיידאַן, האָט זיך געפונען במשך פון אַ קורצער צייט. דער איבערבלייב פון דער לובלינער יידישער באַפעלקערונג, יודנראַטלער, יידישע פאָליציסטן בראש מיטן אַגענט זינגער, שמאי׳ס מענטשן און נאָך לובלינער, וועמען דער בלוטיקער גורל האָט געהאַט דערוויל אויסגעמיטן. זיי אַלע האָבן פון דער נאָענט געזען גיין דעם רויך און די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געריסן פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס צום הימל. און אַז דער פאַרנאַכטיקער ווינט האָט די בייזע פלאַמען געטריבן אין אַ זייט האָט די פאַרגייענדיקע זון ווי אַ פייערדיקע קויל זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס ווי זי וואָלט זיך געשעמט.

די וועלט־קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אָן

אַז דאָס שוידערלעכע וועלט־אומגליק, וואָס האָט פאַרשלינגען מיליאָנען קרבנות, זאָל קומען דווקא פון די דייטשן וואָס האָבן אין משך פון יאָר־הונדערטער אַרויסגעגעבן גאַנצע פלעיאַדעס פון דענקער, שרייבער, מוזי־קער, פיזיקער און אַנדערע געלערנטע, האָבן זיך מענטשן נישט געריכט. נישט געגלויבט האָבן אויך די מענטשן, אַז אַ היטלער, אַ מאָנסטער אין מענטשלעכן געשטאַלט זאָל קענען אומברענגען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן מיט די גרויזאַמסטע מיטלען. איידער דאָס געשפענסט, דער היטלעריזם, האָט אָנגעהויבן דעם בלוטיקן מאַרש, האָט דער פירער דורך כוואַליעס פון עטער אויסגעשריען זיין גרויליקן פּראָגראַם, אָנזאָגנדיק אַ גרויס אומגליק אויף דער וועלט, אויב מען וועט אים שטערן אין זיינע פאַרכאַפּונגס־פּלענער. זיין בייזע אומהיימלעכע שטימע האָט זיך געטראָגן איבער שטעט און לענדער מיט דער גרעסטער שנעלקייט אַ דאַנק די נייעסטע הער מיטלען און אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַ מורא און אַ שרעק פאַר דער צוקונפט.

היטלער פאַרכאַפּט איין לאַנד נאָכן אַנדערן, זיינע געטרייע צוהעלפער שטעלן אויף קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין וועלכע די קעגנער פון היטלעריזם ווערן געפּייניקט און געטויטעט. דער בלוטיקער תליון מאָרדעט פראַנק און פריי און די וועלט שווייגט. און נישט בלויז דאָס, מען שליסט מיט אים נישט־אָנגרייפס־פּאַקטן און דערביי טוט מען אים נאָך צושטעלן שפּייז און געווער. די דאָזיקע גרויליקע קלאַנגען קומען אָן קיין לובלין. אָבער ווי אויסטערליש, פּאַראַדאָקסאַל און גלייכצייטיק טרויעריק עס האָט אויסגעזען אין יענער צייט די לאַגע אין פּוילן. די ידיעות וועגן היטלערס דראָבע־

רונגען האָבן אָנגעפּליט מיט פרייד די הערצער פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. זיי האָבן אין היטלערס טריאומפן געזען אַ „היסטאָרישע געלעגנהייט" צו לייזן די יידן־פּראַגע... אַפילו ווען זייער פאָטערלאַנד איז אויסגעשטעלט אויף די ערגסטע געפאַרן. די פאַרביסענע שונאים האָבן געהאַט אַ ווילדע הנאה באַטראַכטנדיק די יידן פון ווערענס אויגן עס האָט אַרויסגעקוקט די שרעק. זיי האָבן גיפטיק געשמייכלט ווען דער מטורפער „פירער" האָט אויף העצערישע אַרויסטריטן געשריען און געדראָט דאָס וועלט־יודנטום מיט טאָטאַלער פאַרניכטונג. אָבער ווי אין אַלע שווערע צייטן האָבן יידן געפּרוווט זוכן אַ טרייסט און זיך געקלאַמערט אין יעדן פונק פון האָפנונג. אפשר וועט מען אויסמיידן דאָס אומגליק. אפשר וועט דאָס אַלעס פאַרביי־גיין ווי דער ווילדער שטורעם, אפשר וועט דאָס בייז פאַרפליִען ווי עס פאַרפליִען די שוואַרצע וואָלקנס אין הימל.

אָבער די לאַגע ווערט וואָס מער אָנגעשטרענגט און די מלחמה מיט פּוילן הענגט אויף אַ האָר.

איינער פון די בולטסטע אין יענער צייט אָנזאָגן פון דער אַנטי־יידישער העץ־קאַמפּאַניע אין דייטשלאַנד, נאָך די אומצאָליקע שיקאַנעס, פּאָגראָמען, אונטערצינדונגען פון סינאַגאָגעס אין דער „קריסטאַל־נאַכט" איז געווען דער באַשלוס פון די היטלעריסטן אַרויסטרייבן פון דייטשלאַנד אַלע פּוילישע יידן וואָס האָבן אַהין איינגעוואַנדערט במשך פון אַ סך יאָרן. די אַרויסגעטריבענע זענען ברוטאַל אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דער גרענעץ ביי זבאָנשין. עס האָבן זיי באַגלייט די נאַצישע זידלערייען און קללות:

„ראַוס פאַרפלוכטע יודן פון דריטן רייך!"

אַ טייל פון די אַרויסגעטריבענע יידן קומען אָן קיין לובלין. די קהלה האָט זיי איינגעקוואַרטירט אינעם יתומים־הויז אויף דער קראַקאָוויעצקע גאַס. אַלע זענען זיי נידערגעשלאָגן און צעשראָקן פון די שרעקלעכע איבער־לעבענישן. זיי זיצן ווי פאַרשטיינערטע אויפן אָרעמען ביסל געפּעק און דערציילן די לובלינער יידן וועגן דער נאַכט פון לאַנגן מעסער, ווען צע־

יושעטע היטלעריסטן האָבן געשלאָגן און געהרגעט יידן, ווען זיי האָבן פאַרברענט די ביכער פון יידישע שרייבער זינגענדיק דערביי דאָס האָרסט וועסל־ליד. די אַרויסגעטריבענע שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ און גיבן צו:

— יידן! אַ גרויס אומגליק רוקט זיך אָן אויף דער וועלט און מיר וועלן דערפון ליידן אַמייַנסטנס.

☆

כמעט אין געציילטע טעג אַרום איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן פוילן און היטלער־דייטשלאַנד. באַלד האָבן זיך צעקנאַלט די האַרמאַטן און דייטשע „מעסערשמידטן" האָבן גענומען וואַרפן באָמבעס, זייענדיק חורבן און פאַרוויסטונג אין די פוילישע שטעט, דערפער און קליינע ישובים.

אַ מוראדיקע פּאַניק איז אַנטשטאַנען. מענטשן האָבן זעענדיק די גע־הרגעטע זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געוויינט מיט ביטערע טרערן. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פוילן האָט נישט „מיט וואָס צו פייפן", אַז זי פאַרמאָגט נישט קיין עראָפּלאַנען וואָס זאָלן קענען זיך אַקעגנשטעלן דעם שונא׳ס לופט־אַטאַקעס, וואָס קומען אומגעשטערט, רעגולער און צו דער זעלבער צייט. דאָס איינציקע וואָס פוילן האָט יאָ געהאַט אין גרויסע מענגעס איז געווען די גרענעצלאָזע שנאה צו יידן, וואָס האָט זיך נישט איינגעשטילט אַפילו בעתן קריגס־אוסברוך, ווען דער חלף איז ממש געלעגן אויפן האַלדז.

און שוין דעמאָלסט, ווען לובלינער יידן האָבן אַלץ געלאָזט שטיין און גענומען גראָבן שרץ־גריבער אין די הויפן און אויף די עפנטלעכע שטאָ־טישע פּלעצער, האָבן די גויים געחוזקט און נישט פאַרפעלט צו מאַכן גיפטיקע באַמערקונגען.

— גראָבט גריבער! היטלער וועט קומען וועט ער אייך אַלע אין זיי באַגראָבן. די מלחמה־פּאַניק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. מענטשן מיט פאַנטאַזיעס האָבן אין יעדן אומבאַקאַנטן איינזאַמען מאַן אָדער פרוי

געזען אַ מלחמה־שפּיאָן און אין יעדן אַנדערש־געקליידעטן מענטש אַן איבערגעטוענעם דייטש. געווען אַ פֿאַל מיט האַלב־שיכורע גויים, וואָס האָבן אין דעם בעטלער וואָס איז געזעסן אויף דער גאַס דערזען אַ שפּיאָן און איינער פֿון זיי האָט נישט קלערנדיק קיין סך אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און דערשאָסן דעם אָרעמאַן אויפֿן אָרט. דעם אמת געזאָגט האָבן זיך אין די פּוילישע שטעט ווירקלעך געפֿונען דייטשע שפּיאָנען. זיי האָבן זיך רעקרוטירט פֿון צווישן די פֿאָלקס־דויטשן, וועלכע האָבן טאַקע מיטגע־האָלפֿן זייערע קאַמעראַדן צו באַזיגן פּוילן אין געציילטע טעג און נאָכן זיג זענען די דאָזיקע פֿאַרעטער געוואָרן הערן איבערן פּוילישן האַנדל און אינדוסטריע. פֿיל מיטגעהאָלפֿן דעם נאַצישן זיג איבער פּוילן האָבן אויך די שיינע זומער־טעג, וואָס האָבן זיך פֿאַרצויגן ביזן טיפֿן הערבסט. טריט פֿון די באַטשוועקעטע זעלנערישע שטיוול קלאַפּן אויס טויט און פֿאַר־וויסטונג דער פֿרידלעכער באַפֿעלקערונג. עס קומען אָן ידיעות, אַז די דייטשן מאַרשירן שוין טיף אויף דער אויבערשלעזישער ערד. קיין לובלין, פּונוואַנען די וועגן קרייצן זיך צו מזרח, קומען אָן די ערשטע מלחמה־פּליטים פֿון בענדין, סאָסנאָוויעץ, קאַטאָוויץ און פֿון אַנדערע שטעטלעך. די פּליטים דערציילן וועגן הרוגים, וואָס וואַלגערן זיך אויף די וועגן, וועגן העלישע שריפֿות און דערשיסונגען וואָס ווערן אויסגעפֿירט איבער אומשולדיקע מענטשן דורך די עקסטרע־קאָמאַנדעס בעתן פֿאַרנעמען פּוי־לישע שטעט. די פּליטים, וואָס מערן זיך פֿון טאָג צו טאָג, דערציילן וועגן צעשמעטערטע באַנען, וואַגאָנען וואָס זענען פֿול מיט וואַליזעס, וועמענס אייגנטימער זענען ווער ווייסט ווו אַהינגעקומען, וועגן מאַסן פּליכטלינגען אויף די וועגן וואָס ווערן באָמבאַרדירט דורך „מעסערשמידטן" און גע־טריבן דורך יונגע בלוטדורשטיקע פּילאָטן וואָס שעמען זיך נישט צו שיסן אויף בהמות אין פֿעלד.

און דאָ ווי צו להכעיס זענען די טעג העל־זוניקע, מילדע און אָנ־געזאַפּטע ווי מיט שפּעט־זומערדיקע ריחות. עס איז סוף סעפּטעמבער, ווען די בוימער אין די סעדער זענען באַהאָנגען מיט די צייטיקע פֿרוכטן, און

די גרינע לאָנקעס זענען געדיכט באַוואַקסן מיט געלע פעלד־בלימעלעך און מיט אַ שפע פון ווייס ברוניליעכע נעגעלעך און פיאָלעט־בלוילעכע מאַרגאַריטקעס. דער הימל איז כולו תכלת און ווי ווייט אַוועק שפרייטן זיך פאַרזייעטע פעלדער, וועמענס גרינצייגן זענען שוין פון לאַנג צייטיק און בעטן זיך ממש מען זאָל זיי אַראָפּנעמען. אויף דער „ביסטזשיצע" דעם שמאָלן טייך וואָס פאַלט אַריין אין דעם ברייטערן טייך „וויעפּזש" האָבן זיך באַוויזן נישט־גוטע סימנים. געפּגרטע הינט, קעץ, חזירים און אַנדערע פיר־פיסיקע זענען אַרומגעשווומען געטראָגן מיטן שטראָם. טשאַטעס שוואַר־צע קראָען זענען אָנגעפלויגן אַהער ווי אויף אַ באַשטעלונג מיט געקראַקערײ גרייט צו אַ בלוט־סעודה.

בייטאָג גייט נאָך יאַקאָש אָן דאָס לעבן אין שטאָט. יידישע סוחרים, בעלי מלאכות און סתם איינוואוינער טראָגן איבער אין זיך דעם אומרו און די שרעק פאַרן אָנקומענדיקן שלעכטס. מען טוט זיך בעל כרחו טרייסטן, אַז די מלחמה וועט שנעל פאַריבערגיין. ביינאַכט אָבער, נאָך מנחה מעריב, בעת די לבנה שווימט אַרויס פון וואָלקן אַ בלייכע און נעמט שיינען ווי דורך אַ הייטל, טוען דעמאָלסט די מתפללים זיך אויסזעצן אַרום טיש כדי זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן.

— וואָס וועט זיין דער סוף יידן?

קיינער קען אויף דער פראַגע נישט ענטפערן. אַלע ווייסן אַז עס איז שלעכט און אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן קען זיין נאָך ערגער וואָרום אַזאַ מלחמה איז נאָך נישט געווען און ווער ווייסט ווי אַזוי דער דאָזיקער קריג וועט זיך פאַרענדיקן און צי וועט ער זיך נישט פאַרצוען אויף לאַנגע יאָרן.

קיין לובלין קומען אָן ווייטערדיקע פליטים. דאָסמאָל פון קאַליש, וולאָצלאַוועק טוירן, פּיעטרוקאָוו, טשענטאָכאָוו, קאָלושין און פון אַנדערע ווייטערע מקומות. זיי האָבן דערציילט אַז די דייטשע אַרמייען דרינגען אַריין וואָס אַמאָל טיפער אין פוילן, וואַרפן אַראָפּ פון עראָפּלאַנען באָוואָפּנטע דעסאַנטן וואָס מאַכן בעיקר פריי די וועגן פאַר די אָנרוקנדיקע זיך היטלער־חיילות, געשיצט דורך טאַנקען, געפּאַנצערטע אויטאָס מיט האַרמאַטן און

אנדערע סאָרטן געווער. דאָס נאַצישע חייל, ווענמענס גרעסטער טייל פּאָרט אויף לאַסט־אויטאָס און דזשיפּן, טרעפט נישט אָן אויף קיין ממשותדיקן ווידערשטאַנד מצד די פּוילישע אייגהייטן, וועלכע קעמפן מיט די בלויזע ביקסלעך. די דערציילונגען פון די נייע פּליטים האָבן נאָכמער פּאַרטיפט די שרעק און דעם אומרו אין די הערצער פון די יידן.

דער טאַטע, ווענמען דער קריג האָט געטראָפן אין ווייטן גאַליציע, ווי ער האָט געזאַמלט געלטער פאַר דער ישיבת חכמי לובלין, איז אַהיימגעקומען קוים אַ לעבעדיקער. דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט ער דורכגעמאַכט צווישן מערדערישע באָמבאַרדירונגען מצד די היטלעריסטישע פּליער, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק מיט זייערע עראָפּלאַנען און געשאָסן אויף די מענטשן מיט מאַשין־געווער.

דער טאַטע איז טיילווייז געפאָרן מיט באַנען, וואָס האָבן קורסירט בלויז אין די ביינאַכטן, און אויך מיט פויערישע פורלעך, ווענמענס אָנטרייבער האָבן זיך געהייסן גוט באַצאָלן. אַזוי אַרום האָט זיך דער טאַטע קוים דערשלעפּט קיין לובלין, וואָס איז געווען פול מיט די אָנגעלאָפענע. אָן אָנגעזאָפּטער מיט צער און ווייטיק האָט זיך דער טאַטע געזעצט לערנען אין בית המדרש, נישט אַרויסלאָזנדיק די גמרא פון האַנט, וועלנדיק ווייזן אויס אויסבעטן ביים אַלמעכטיקן אַ ישועה פאַרן פאָלק ישראל, ווענמען עס דראָט די שווערד פונעם רוצח.

אינצווישנצייט איז אין שטאָט אָנגעקומען איין ערגערע ידיעה נאָך דער צווייטער. די היטלער־דייטשן האָבן שוין פאַרנומען די גרויסע שטאָט לאָדזש, פּאַביאַניץ און אַנדערע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך און מאַרשירן איצטער אין דער ריכטונג וואָס פירט קיין וואַרשע, קיין לובלין, ראַדאָם, קעלץ, שעדלעץ און ווייטער צום טייך בוג, ווי די היטלער־לייט וועלן האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַגעגנען מיט זייערע פאַרבינדעטע, די סאָוויעטן, מיט וועלכע זיי האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך.

דאָס לעבן אין לובלין איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. סוחרים האָבן אויפגעהערט האַנדלען, געוועלבניקעס האָבן אויפגעהערט לייזן, ביי די בעלי

מלאכות האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט און די קינדער האָבן אויפגעהערט גיין אין די שולן. לובלינער יידן זענען געזעסן אין די שטובן מיט די פאַרטונקלטע פענצטער אין אומדערטרעגלעכער דערוואַרטונג אויפן אָנקומענדן שונא. פון דרויסן האָט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן דעטאָ־נאַציעס פון באָמבעס־אויפרייסן וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דעם אַרום און דאָס געקלאַפּעריי פון די קוילן־וואָרפער, בעת עס האָבן זיך באַוויזן דעם שונאס עראָפּלאַנען איבער דער שטאָט.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, ערב דעם מלחמה־אויסברוך, ווען דאָס לעבן אין דער שטאָט איז נאָך אָנגעגאַנגען נאָרמאַל, איז זיך שמאי אַלפאַנס געלעגן אויפן ווייכן גראָז, ווייט אויף די רחבותדיקע וואַליער לאָנקעס ער האָט געהאַט נעבן זיך אַ פריש יאַלדיש פראָווינצער מיידל. שמאי האָט זיך געקליבן זי צו „באַאַרבעטן" אויף זיין אַלפאַנסישן שטייגער, כדי צו באַרייכערן זיין פריילעך הייזל מיט נאָך אַ נקבה.

ווען אין דער שטאָט, צווישן די ענגע געסלעך מיט זייערע קראָמען און די אַלט פאַרצייטיקע בראַמען, האָט זיך שוין גוט געפילט דער פאַרסמטער ריח פון דער נאָענטער מלחמה, איז דאָ אויף די ברייטע פרייע לאָנקעס געווען אויסגעגאָסן דער זומער מיט זיין גאַנצער פראַכט. זשאַבעס האָבן געקוואָקעט פון נאָענטן בלאָטיקן טייכל אַרויס, פליגן האָבן זיך ווי אין איין מחנה געטראָגן אין דער לופט און פון ערגעץ ווו זענען אָנגעפלויגן קילע ווינטלעך, וואָס האָבן געגלעט דאָס פּנים. עס איז געווען אין די ערשטע טעג פון חודש סעפּטעמבער, ווען דער הייסער זומער נעמט זיך גרייטן אָפּצוטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן האַרבסט מיט זיינע ווינטן און רעגנס און עס הויבן אָן פאַלן די געלע בלעטער פון די קאַשטאַן־בוימער.

ווייזט אויס, אַז דאָס מיידל ביי וועלכער שמאי אַלפאַנס האָט געהאַט בדעה צוצורויבן די אומשולד, איז געווען טיף באַאיינדרוקט פון דער דאָזיקער פאַרנאַכטיקער זומער־שיינקייט. זי האָט נישט אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין זיך די ריינע לאָנקע לופט. גלייכצייטיק האָט זי אָבער אָפּגעוואָרפן שמאיס

ליבע־אַטאַקעס. דער טאָג איז אַוועק און עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט מיט אירע געהיימנישן אין טיפער שאָטנדיקייט.

שמאי האָט מיטאַמאָל דערזען ווי נישט ווייט פון אים טוט זיך אַראָפּלאָזן אַ פּאַראַשוט פון וועלכן עס קריכט אַרויס אַ יונגער העל־בלאָנדער שגץ. שמאי וואָלט גע קענט שווערן, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי האַנס קראָזי, דער פוטבאָל־שפילער און פאָלקס־דויטש, וועמענס קרובים האַלטן דאָ נישט ווייט די גרויסע וואַסער־מיל און וועלכער האָט לעצטנס שטודירט אין זיין דייטשיש פאָטערלאַנד און ווי וויל־יונגעריש שמאי זאָל נישט האָבן געוועזן, האָט אים דאָס דאָזיקע ביינאַכטיקע באַגעגעניש אויף אַזוי פיל איבערגעשראָקן, אַז ער האָט געגומען אַנטלויפן פון אָרט ווי ס׳וואָלט אים געיאָגט אַ טשאַטע וועלף. ער איז געלאָפן און מיטגעשלעפּט מיט זיך דאָס מיידל.

אַז שמאי איז אין איין אָטעם אָנגעקומען צו זיך אין „פריילעכן הייזל” איז ער גלייך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אויף אים געוואַרט מיט אַן אַרעסט־באַפעל. און דאָרט, אינעם פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט איז אים קלאָר געוואָרן די סיבה פון זיין אַרעסט. אַקעגן שמאין איז געשטאַנען נישט קיין אַנדערער נאָר דער פּאָטער פונעם מיידל, וואָס ער — שמאי, האָט אָקאָרשט זי געפרווט פאַרפירן, אָבער ער איז ראַפּטום געשטערט געוואָרן דורכן פּאַראַשוטיסט האַנס קראָזי. דער פאַרצווייפלטער פאָטער, וואָס האָט זיך דערוויסט אין וועמענס הענט זיין טאָכטער איז אַריינגעפאַלן, איז צוגעלאָפן צו שמאין מיט אַ ווייגעשריי:

— גזלן! רוצח! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין טאָכטער?!

דערויף האָט אים שמאי קאַלט געענטפערט:

— וואָס טאָכטער, ווער טאָכטער?

דער אומגליקלעכער טאַטע האָט אַזש פאַרבראָכן מיט די הענט.

— גיב מיר אָפּ מיין פערעלען, זאָג איך דיר.

שמאי האָט זיך ווייטער געמאַכט נישט־וויסנדיק.

— ר׳ ייד, פאַרדרייט אייך אייער קאָפּ און נישט מיינעם.

דעמאָלט האָט דער דיזשורנדער פּאָליציאַנט זיך דערנענטערט צו שמאַין און אַריינקוקנדיק אים גלייך אין פּנים אַריין אַ זאָג געטאָן מיט אַ געבייזער:

גענוג דיר מיט די קונצן! מיר ווייסן גאַנץ גוט וואָספאַראַ מין פויגל דו ביזט.

האָט דעמאָלסט שמאַי בלית ברירה אַזוי זיך אָנגערופן צום פּאָטער פונעם מיידל:

— ר׳ ייד, איר האָט נישט וואָס זיך צו ברעכן די פינגער פון די הענט. אייער טאָכטער איז גאָרנישט געשען.

— ווי איז זי?

— זי איז דאָ און דאָ.

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט האָבן געוועזן איז שמאַי אַלפאָנס נאָך דער דאָזיקער געשיכטע גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה־שלאָס, ווי ער איז איינגעזעצט געוואָרן ביזן משפט.

די מלחמה איז דערווייל אָנגעגאַנגען מיט איר גאַנצער שאַרפקייט. די היטלער־עראָפּלאַנען זענען צו באַשטימטער שעה אָנגעפלויגן אויף לובלין. זיי האָבן מינוטן־לאַנג געקרייזט איבער דער שטאָט, װעלנדיק אויסשפּיאָנירן און מיטאַמאָל גענומען וואַרפן באָמבעס אויף דער עראָפּלאַנען־פאַבריק „פּלאַגי לאַשקיעוויטש" וואָס האָט זיך געפונען אין דער פאַרשטאָט בראָנאָוויץ. די פאַבריק איז פון דער באָמבאַרדירונג באַלד צעשטערט געוואָרן און אויפ־געהערט צו ברענגען נוצן פאַר דער כמעט נישטיקער פּוילישער אַוויאַציע, ווען עטלעכע עראָפּלאַנען האָבן גאָרנישט באַוויזן עפּעס אויפטאָן אַקעגן דעם שונאס אָנגריפן. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן בכוונה אַראָפּ־געוואָרפן אייניקע באָמבעס אויף יידישע גאַסן און אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאַניק צווישן די איינוווינער און געלאָזש נאָר זיך אַ רייע פּאַרוויַנדעטע.

דאָס וואַרפן באָמבעס נאָר אויף יידישע קוואַרטאַלן איז ווייזט אויס געוועזן אַן אָנזאָג פון שרעקלעכע יידן־פאַרפאָלגונגען און וואָס ווערט צוגעגרייט דורך די נאַצי־מערדער.

דערווייל איז אין לובלין, ווי אין אַנדערע פּוילישע שטעט און שטעטלעך אָנגעגאַנגען אַ מאָביליזאַציע, וואָס האָט אַרומגענומען אַ היפּשע צאָל יידישע יוגנטלעכע. די מאָביליזירטע זענען אַזוי ווי זיי שטייען און גייען געשיקט געוואָרן אויף די פראָנטן כדי איינצוהאַלטן די היטלעריסטישע אינוואַזיע. נישט האָבנדיק אויף זיך קיין מונדירן, נישט קיין ביקסן אויף צו שיסן זענען זיי נישט דערגאַנגען צו די פראָנטן, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען. דער כאַאָס און דער תוהו ובוהו צווישן דער פּוילישער מיליטערישער אָנפירונג איז געווען גרויס. איינער האָט נישט געוויסט פון צווייטן.

משה בייטל, אַ מאָביליזירטער וואָס איז צוריקגעקומען, האָט דערציילט ווי אַזוי ער און נאָך אַנדערע יידישע יונגעלייט, זענען נאָך גרויסע באַמיאונגען אָנגעקומען צום פּונקט קיין קיווערץ, ביי לוצק און האָבן דאָרטן קיינעם נישט געטראָפן. דער מיליטערישער גאַרניזאָן איז זיך צעלאָפן איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר. דערזעענדיק אַזאַ זאַך זענען אַלע ווי איינער אַוועק פונעם אָרט. אָפּגייענדיק דעם ערשטן קילאָמעטער זענען זיי מיטאַמאָל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ דייטשן פאַרפּאָסטן און נאָך איידער די דייטשע זעלנער האָבן אָפּגעגעבן דעם ערשטן שאָס, זענען זיי אַליין מיטאַמאָל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ פּוילישער אָפּטיילונג, וואָס האָט אויף זיי געעפנט אַ פייער. עס האָט נישט געדויערט קיין סך און סיי די דייטשן און סיי די פּוילישע סאָלדאַטן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך סאָוויעטישע זעלנער, וועלכע דערקלערן אַלעמען פאַר געפאַנגענע, באַטאָנענדיק, אַז דאָס שוין די סאָוויעטישע ערד. די מאָביליזירטע יידן זענען דרווייל פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ שטאַל, וואָס האָט געהאַט לעכער. דורך די דאָזיקע לעכער זענען זיי אַרויס ביינאַכט און זיך געלאָזט גיין צוריק קיין לובלין, דורכמאַכנדיק אויפן וועג נישט ווייניק געפאַרן.

ווי אַזוי די מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין פּוילישן הינטערלאַנד — גאַליציע — דערציילט דער רעזערוויסט פון לובלין, וועלוועל שצופּאַק, וואָס איז גלייך נאָכן אויסברוך פונעם קריג געשיקט געוואָרן אין די גאַליצישע

קאַנטן, צו קעמפן קעגן די אַריינדרינגלער. די עלטסטע, האָט דערציילט וועלוול, וואָס איז קוים אַ לעבעדיקער צוריקגעקומען קיין לובלין, האָבן אונדז אויפגעזעצט אויף אַ לאַסט־צוג וואָס זיינע אָפּענע וואַגאָנען זענען געווען אָנגעפּילט מיט שטיינער. געפאָרן זענען מיר אַזוי אין די וואַגאָנען אַ גאַנצן טאָג אָנגעטאָן אין די ציווילע קליידער און זייענדיק באַוואָפנט בלויז מיט אַ ביקס, וואָס האָט אַוודאי געשטאַמט נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאַרנאַכט איז דער צוג שטיין געבליבן און באַלד דערויף האָט מען אונדז איבערגעגעבן די ידיעה, אַז די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און אַז מיר פאָרן קיין לעמבערג, בכדי מען זאָל אונדז, מאָביליזירטע רעזער־וויסטן, פון דאָרטן אַהיימשיקן. פון גרויס שמחה האָבן אונדז די עלטסטע, וואָס זענען געפאָרן אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן, גענומען טיילן גאַנצע ברויטלעך מיט הערינג און דערצו צו ביסלעך בראָנפן. דער לאַסט־צוג האָט אָנגעהויבן ווייטער פאָרן ביינאַכט אין דער ריכטונג פון דער און אַז מיר פאָרן קיין לעמבערג, בכדי מען זאָל אונדז, מאָביליזירטע רעזערוויסטן, פון דאָרטן אַהיימשיקן. פון גרויס שמחה האָבן אונדז די זעלבע רעלסן האָט מחמת דער פינצטערניש און דער אומאָרדענונג געזאָלט אַ יעדע מינוט זיך צוזאַמענשטויסן מיט אונדזער באַן. יעדער וואָס האָט נאָר געקענט איז געשפרונגען און גאָר ער, וועלוול שצופאַק, איז געבליבן אין דעם אָפּענעם וואַגאָן ווי פאַראַליזירט פון גרויס שרעק. איז געשען אַ נס און דער צוזאַמענשטויס פוןביידע באַנען איז געווען אויף אַזוי פיל שוואַך, אַז וועלוול האָט אַפילו נישט געפילט דעם שטויס. און אַז די באַן איז פאַרטאָג נאָר אָנגעקומען קיין קאַמיאָנקי סטרומילאָווע האָט אַ דייטשישער פאַטראָל, וואָסאיז נאָר וואָס געהאַט אָנגעקומען אַהער פון נאָענטן וואַלד אויפגעהויבן אַ שיסעריי אויף די פוילישע זעלנער און אויפן אָרט איז גלייך אַנטשטאַנען אַ קליינער פראָנט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע שעהן און זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון די פאָליאַקן. נאָר לאַנג האָט דער דאָזיקער זיג נישט אָנגעהאַלטן, וואָרום צו דער סטאַציע איז שנעל אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון סאָוויעטישע זעלנער מיט טאַנקעטקעס און האַרמאַטלעך. זיי

האָבן דאָס ערשטע צוגענומען דאָס געווער ביי אַלעמען, הייסנדיק די מאָביליזירטע רעזערוויסטן אין ציווילע קליידער זיך אָפּטראָגן ווי אַמשנעלסטן פון אָרט.

אַזוי אַרום איז וועלוול שצופּאַק צוריקגעקומען קיין לובלין האָבנדיק צו דערציילן ניסים ונפלאות פון דער דאָזיקער קליינער מלחמה, וואָס ער האָט געפירט קעגן די דייטשן אויף דער גאַליצישער באַן־סטאַציע קאַמיאָנקי סטרומילאָווע. ליידער האָבן די לובלינער יידן נישט געהאַט דעם קאָפּ אויסצוהערן וועלוולס געשיכטעס, ווייל דאָס אומגליק האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט מיט שנעלע טריט און קיינער האָט דעם בראָך נישט געקענט פאַרהאַלטן.

דער שוואַרצער שבת אין לובלין

דאָס אומגליק איז געקומען גאַנץ אומגעריכט. אין אַ שבתדיקער פרימאָרגן־שעה, ווען די זון האָט העל געלויכטן שיקנדיק צו דער ערד אירע וואַרעמע שטראַלן, האָבן מיטאַמאָל געגעבן אַ פלי אַן צענדליקער עסקאַדרעס פון קריגס־עראָפּלאַנען צווישן זיי „מעסערשמידטן" „היינקעלס" און „יונ־קערס" און גענומען וואַרפן שווערע באָמבעס אין אַלע ריכטונגען. באַלד איז די שטאָט געוואָרן איינגעהילט אין אַ געדיכטן בייסיקן רויך, וואָס האָט שוואַרץ געמאַכט דעם הימל ווייט אַרום. גלייך האָט זיך אויך אויפגעהויבן אין שטאָט אַ שווידערלעכער געיאָמער געמישט מיט פאַרצווייפלטע אויס־געשרייען, וואָס האָבן געמאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. דאָס האָבן אַזוי געשריגן די צאָלרייכע פאַרווּנדעטע און די יעניקע וואָס זענען פון גרויס שרעק אַראָפּ פון זינען.

די באָמבאַרדירער האָבן ווי די רויב־פויגל געמאַכט קרייזן, זיך אַראָפּ־געלאָזט גאַנץ נידעריק און געוואָרפן די באָמבעס אויף די הייזער, הויפן, שטאָטישע סקווערן און אויף יעדן געזעמל מענטשן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטרינען אין שוץ־קעלערס. די באָמבעס־אויפרייסן האָבן צעשמעטערט הייזער און מויערן און דערביי געזייט טויט און פאַר־וויסטונג אין די שטובן אין וועלכע די מענטשן האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש. עס זענען אויסגעבראָכן שריפות. העלישע פלאַמען האָבן זיך געריסן צום הימל באַגלייט מיט קנוילן רויך און פייער־פונקען. לובלין האָט געברענט און עס איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל אין דער דאָזיקער וויסטער בהלה לעשן דאָס פייער. ערשט ווען די באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען זענען אַוועק פון דער שטאָט האָט זיך דאָס אומגליק אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט האָט מען געקענט זען פאַרברענטע שטובן, אויסגעהאַקטע שויבן און ווי אויף די צעריסענע שטיינערנע שאָסייען און טראָטואַרן זענען געלעגן טויטע מיט צעקאַליעטשטע איברים און מיט פאַרגלייזטע אויגן וואָס האָבן שטאַר געבליקט אויפן אַרומיקן חורבן.

איין גרויסער וויי־געשריי האָט זיך געשראָגן איבער די גאַסן און זיך געריסן צום הימל, וואָס האָט ווייטער העל געשיינט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען אויף דער ערד.

ווען עס האָט זיך קוים געהאַט איינגעשטילט דער געיאָמער האָט מען אויפן וואָליער שאָסיי, וואָס פירט דורך לענטשנע, רייוויץ און ווייטער קיין וואָלין, געקענט זען אַ לאַנגע קייט פון יידישע פליטים, וואָס האָבן פאַרלאָזט לובלין, צו וועלכער עס האָבן איצט געריררט די היטלער־איינהייטן נאָכדעם ווי עס איז פאַר זיי געשאַפן געוואָרן אַ פרייער וועג דורך דער אָקאָרשטיקער באָמבאַרדירונג. די אַנטלויפנדיקע וואָס האָבן אויסגעפילט דעם וועג זענען צום גרעסטן טייל געווען יוגנטלעכע. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך קליינע רוק־זעק, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס נויטיקסטע וואָס אַ מענטש באַדאַרף האָבן, לאָזנדיק זיך אין אַ ווייטן וועג. קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די פליטים, אַז די נאַציס וואָס רייסן זיך אַזוי צו פאַרנעמען פוילן, טוען דאָס ערשטע אומשעדלעך מאַכן די יוגנט זי זאָל נישט קענען מלחמה האַלטן קעגן זיי.

און שוין אין ווינציקער טעג אַרום האָבן די היטלער־סאָלדאַטן, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, אַריינמאַרשירט קיין לובלין, שיקנדיק פאָרויס די טאַנקן, די פאַנצער־אויטאָס און די לייכטע האַרמאַטן. די שאָסייען וואָס פירן צו די גאַסן זאַמאָיסקע, קרולעווסקע און קראַקאָווער פאָרשטאָט, האָבן זיך ממש געבראָכן אונטער דער שווערער לאַסט פון די קריגס־כלים. די לופט איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון די זיגערישע היטלער־געזאַנגען, באַגלייט מיט אַ שיסעריי אין דער לופטן. לאַנגע שעהען האָבן אַזוי מאַרשירט די היטלער־זעלנער דורך די גאַסן, וואָס זענען געווען אָפּגעליידיקט פון ציווילע בירגער. קיינער האָט דעמאָלסט נישט געוואָגט

אַרויסצוגיין אויף דער גאַס אויס מורא דערשאָסן צו ווערן. מיטן אַריינ־מאַרשירן פון די היטלעריסטן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווערער טרויער אויף די לובלינער יידן, וואָס זענען נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך פון דער טויט־שרעק בעת דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג. מיט פּחד אין די אויגן האָבן יידן געקוקט אויף אָט די באַוואָפנטע אַריינדרינגלער, וואָס האָבן ווי עכטע גזלנים גענומען רויבן דאָס יידישע האָב און גוטס, כאַפּן יידן אויף שווערע אַרבעט, שלאָגנדיק דערביי די געכאַפּטע ביז בלוט.

מען דערציילט וועגן אַ שוידערלעכן פאַל וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַ גרופּע יידישע יונגעלייט, וועלכע זענען אין איינציקע טעג נאָך דער באָמבאַרדירונג אַנגעקומען צו פוס קיין לובלין פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי האָבן געוואָלט פאַרזעצן דעם וועג איבער לענטשע, פּינטשעוו און ווייטער צום בוג ווי עס האָבן זיך געפונען די רוסן. די היטלעריסטישע פאָלקסדויטשן, וואָס האָבן ווי אַ געהילפס־מיליץ פּאַטרולירט איבער די גאַסן האָבן די גרופּע יונגע יידן געכאַפּט און אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַציע, וואָס האָט שוין זייט איינציקע טעג געברענט אָן אויפהער. די געכאַפּטע האָבן לויטן באַפעל פון די פאָלקס דויטשישע וועכטער באַדאַרפט לעשן די שריפה אין משך פון טאָג. מען האָט זיי צו דעם צוועק געגעבן קליינע עמערס אויף צו ברענגען וואַסער צום לעשן. היות די שריפה איז געוועזן גרויס און דאָס וואַסער פון די עמערס האָט נישט געלאָשן דאָס פייער האָבן די רוצחים גענומען און אַריינגעוואָרפן אין פייער אַריין דריי יידן פון דער גרופּע צוקוקנדיק זיך דערביי ווי אַזוי די רויטע פייער־צונגען פאַרצערן די קרבנות, פאַרוואַנדל־ענדיק זיי אין אַש. די רעשט יידן האָבן די מערדער אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ לאַגער, פונוואַנען זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען.

אין דער צייט ווען יידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, זענען די פּאָליאַקן אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי איבער דער שטאָט מאַכנדיק דערביי גוטע געשעפטן מיט די היטלער־זעלנער דינענדיק זיי אַלס מוסרים, אָנווייזנדיק די בייע גוטע פריינט די ערטער, ווו יידישע סוחרים האָלטן פאַרשטעקט זייערע סחורות. לובלינער פּאָליאַקן האָבן

געהאָלפֿן די דײַטשן בײַם אױסלײדיקן די לעדער־געשעפֿטן אױף דער קאָוואַלסקי גאַס. די שניט־געשעפֿטן און די געשעפֿטן פֿון געפֿעס, שפּײַז, דעליקאַטעסן און אַנדערע געװעלבן אין די ייִדישע גאַסן לובאַרטאָװסקי, נאָװאַ, צירולניטשנע, שעראָקאַ, רוסקאַ און טאַרגאָװע.

די אַנטיסעמיטן פֿון לובלין האָבן אױך אַנגעװיזן אױף ייִדישע גבירים, אַז זײ באַהאַלטן אױס פֿיל געלט. אױפֿן סמך פֿון די דאָזיקע מסירות זענען אױף די עטלעכע פֿאַרמעגלעכע ייִדן אַרױפֿגעלײגט געװאָרן שװערע קאָנטריבוציעס, װאָס האָבן זיך מערסטנטײל פֿאַרענדיקט טראַגיש. אײניקע פֿאַרמעגלעכע ייִדן האָבן פּשוט נישט געקענט צונױפֿשטעלן די געפֿאָדערטע מיליאָנען.

די היטלעריסטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלױז מיטן ליקװידירן דאָס ייִדישע האָב און גוטס. זײ האָבן פֿאַרבאָטן די ייִדן צו שטײן אין די רײען נאָך שפּײַז צוזאַמען מיט די גױים. אױס „פֿאַרװײלונג" האָבן די דײַטשן דערשאָסן אומשולדיקע ייִדן אױף די גאַסן, מיטן אױסרײד אַז זײ האַנדלען מיט סיגאַרעטן און שאַרפֿע געטראַנקען אױף אַן אומלעגאַלן אופֿן. די אָקופּאַנטן האָבן אײנאײנעם מיט די פּאָליאַקן דורכגעפֿירט רעװיזיעס אין ייִדישע שטובן, צוגענומען אַלץ װאָס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל װערט און דערצו נאָך מערדערלעך צעשלאָגן די באַרױבטע, װאָס זענען פֿאַרבליבן אָן מיטלען צום לעבן. די היטלעריסטן האָבן געװילדעװעט אין די ייִדישע גאַסן זײענדיק אײנגעטײלט אין באַנדעס און האָבנדיק הינטער זיך די געטרײַע פּױלישע געהילפֿן װאָס האָבן, װי זײ האָבן געזאָגט, דערלעבט די נקמה אין די ייִדן.

נישט װײניק צרות האָט אָנגעמאַכט דער אױסנאַם־צושטאַנד אין דער שטאָט, װען דײַטשע זעלנער האָבן אין די מינוטן פֿאַר דער באַשטימטער שעה גענומען שיסן אין יעדן אָנגעטראָפֿענעם ייִד, לאַכנדיק דערבײַ דאָס גרעסטע געלעכטער. נישט װײניק ייִדן זענען צעשלאָגן געװאָרן דורך דײַטשן דערפֿאַר װאָס זײ האָבן נישט באַװיזן אַזױ גיך אַראָפּנעמען פֿאַר זײ דעם הוט. ס'איז שװער צו פֿאַרגעסן דאָס בילד פֿונעם דערשאָסענעם גרײַז

גראָען ייד, וועמען מען האָט גערופן דער טויבער איטשע. ער איז אין אַ פרימאָרגן, אייניקע מינוטן פאַרן פאַרענדיקן זיך פון דער אויסנאַם־שעה דערשאָסן געוואָרן דורך אַ דייטשן סאָלדאַט און איז געלעגן טויט אין רינשטאָק דריי טעג. די דייטשן האָבן נישט געלאָזט קובר זיין דעם דער־שאָסענעם וואָס איז געווען אַ טויבער און איז נישט וויסנדיק פון גאָרנישט אַרויס פון שטוב מיטן טלית־זעקל לאָזנדיק זיך גיין דאַוונען צום נאָענטן בית מדרש.

מיטן אָנקומען פון דער דייטשער קאָמאַנדשאַפט האָט זיך די לאַגע פון ־י לובלינער יידן פילפאַכיק באַשווערט די אָפיצירן האָבן דאָס ערשטע צונויפ־געטריבן איבער צוואַנציק טויזנט יידן אויפן לובלינער ספאָרט־סטאַדיאָן „אָו־ניאַ". די יידן האָבן געמוזט אין משך פון אייניקע טעג אויפבויען פערד־שטאַלן איבער דער לענג פון סטאַדיאָן, נישט באַקומענדיק דערביי קיין עסן און טרינקען. ווען די פערד־שטאַלן זענען פאַרטיק געוואָרן האָבן די געסטאַפּאָ־לייט פאַרשפאַרט אין זיי אַלע יידן און אַוועקגעשטעלט ביי די טירן אַ באַוואָפנטע וואַך פון פרייוויליקע פאָלקס־דויטשן וואָס האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ טיילוולאָנישן פלאַן פאַר די יידן. די פאָלקס־דויטשן, הונדערטער אין צאָל, האָבן באַוואָפנטע מיט אייזערנע דרענגער און העק אויפגעמאַכט מיטאַמאָל די טירן, פון יעדער שטאַל אַרויסגענומען צו צען יידן און געצווינגען זיי צו לויפן אַרום סטאַדיאָן. בשעת מעשה האָבן די פאָלקס־דויטשן צום גרויסן פאַרגעניגן פון די העכערע אָפיצירן, גענומען אונטערטרייבן די לויפנדע יידן, שלאָגנדיק זיי מיט העק און דרענגער אַזוי לאַנג ביז אַלע זענען געפאַלן שווער פאַרוואונדעט. דערנאָך האָבן די מערדער ווידער אַרויסגעשלעפט צו צען יידן פון די פערד־שטאַלן און דאָס שרעקלעכע לויפעניש האָט זיך איבערגעחזרט מיט דער זעלבער אכזריות. ערשט ווען די מערדער זענען געוואָרן מיד האָט זיך די דאָזיקע בלוטיקע סצענע אָפגעשטעלט. די אומגע־בראַכטע זענען צוריק אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די שטאַלן און דער געיאָמער פון די פאַרשפאַרטע האָט זיך לאַנג געריסן פון די פאַרמאַכטע טירן צום ברייטן ספאָרט־סטאַדיאָן, אַ פאַרגאָסענעם מיט בלוט. ערשט אין טעג אַרום

זענען די לעבנגעבליבענע יידן אָפּגעלאָזט געוואָרן אַהיים. נאָך דעם דאָזיקן בלוטיקן מאָרד־ספּעקטאַקל אויפן ספּאָרט־סטאַדיאָן, האָבן אַ סך יידן פאַרלאָזט די שטאָט און געגאַנגען צו יענער זייט פון טייך בוג, ווי עס האָבן זיך געפונען די סאָוויעטן דאָס אַריבערגיין דעם בוג איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. פון איין זייט האָבן געווילדעוועט די דייטשן, וואָס האָבן נישט איינמאָל דערשאָסן יידן אינמיטן אַריבערשיפן זיך אָדער אַריבער־שווימען דעם בוג, וואָס האָט זיך געצויגן אויף צענדליקער קילאָמעטער פאַרביי סעמיאַטיץ, ברעסט־ליטאָווסק, וולאַדאָווע און אַנדערע שטעט און דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף ביידע זייטן טייך. אין דער צייט ווען דער בוג איז געוואָרן אַ גרענעץ פאַר ביידע פאַרכאַפּערישע מדינות איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ האַלב פרייער פאַרקער פון מענטשן, וועלכע זענען צוליב אַלערליי סיבות געגאַנגען אַהין און צוריק, נישט וויסנדיק ווען און ווי זיך אָפּצושטעלן. די יעניקע יידישע פליטים, לגבי וועלכע דער סאָוו־יעטישער רעשים איז געווען פיינטלעך געשטימט האָבן זיך דעמאָלסט אָן שווערקייטן צוריקגעקערט קיין פוילן און געטיילט שפּעטער דעם שרעקלעכן לעכן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָקעגן האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן פאַר קיין שום הון שבעולם נישט געוואָלט בלייבן ביי די היטלער־דייטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער אויסראָטונגס־פּלאַן גלייך נאָכן באַזעצן פוילן. אין יענער צייט האָבן יידן נישט איינמאָל געשוואַרצט די גרענעץ און ווי געיאָגט פון בייזע ווינטן געגאַנגען איבער וויסטע פעלדער און וועלדער, נישט האָבנדיק דעם מוט און דעם ווילן זיך אָפּצושטעלן אויף איין אָרט.

צווישן די יידן וועמען דער אימפּעט האָט געטריבן אַהין און צוריק איבער דער גרענעץ, איז געווען לייבישל ריזיקאַנט, וואָס איז נאָך איידער די היטלעריסטן זענען אַריין קיין לובלין שוין געווען אויף יענער זייט בוג, אָנקומענדיק אַזש קיין קיִעוו און ווייטער קיין דאָנבאַס, ווו עס געפינען זיך די קוילן־גרובן. די סאָוויעטן האָבן לייבישן איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט צו גראָבן קוילן אין דער טיפער ערד. ער איז דערפאַר אַוועק פון דאָרטן

און שוין אין איניקע טעג אַרום אָנגעקומען צוריק קיין לובלין. אויפן וועג אַהיים איז ער גלייך געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט דורך די פֿאָלקס־דויטשן, וואָס האָבן אים אַזוי צעשלאָגן, אַז ער איז געבליבן ליגן באַוווסטלאָז אויף דער ערד. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער דערזען אַז ער ליגט אין אַ גרוב מיט טויטע יידן וואָס זענען געווען אַזוי צעבלוטיקט, אַז מען האָט זיי נישט דערקענט. צו זיין גליק איז קיינער פון די מערדער נישט געווען ביים גרוב און לייבל איז אַרויס און אָנגעקומען אַהיים אַ לעבעדיקער מיטן פעסטן באַשלוס נישט בלייבן מער אין דער שטאָט מיט די רוצחים.

שוין אויף צומאָרגנס האָט לייבישל צוריק אַוועקגעוואַנדערט צום בוג, וועלכן ער איז אַריבער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און איז שפעטער אָנגעקומען קיין לעמבערג. לאַנג איז לייבישל נישט געזעסן אין לעמבערג. ער האָט זיך, ווי אַ סך אַנדערע יונגעלייט ווערבירט אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד און די סאָוויעטישע באַן האָט אים אַוועקגעפירט אַזש קיין קאַזאַכסטאַן אין מיטל־אַזיע. לייבישל איז דאָרט געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ וואַטע־פאַבריק וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון אַ גרויסער שטאָט. אַרום איז געווען בלויז צו זען אַ ווילדן סטעפּ, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטער. לייבישל האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן וואָס גיכער פון דאָזיקן אָרט און אין איינער אַ פינצטערער נאַכט האָט לייבישל זיך געלאָזט גיין צופוס ביז צו דער נאָענטער גרעסערער שטאָט אָקטיאַבינסק, אַריינכאַפּנדיק זיך דאָרטן אין אַ באַן וואָס איז געפאָרן זיבן טעג דורך דער ווייטער שטרעקע נאָוואָסיבירסק־כאַרקאָוו. לייבישל האָט געהאַט גרויס מזל וואָס די מיליציאָנערן, וועלכע געפינען זיך אויף יעדער סטאַנציע, האָבן אים נישט געכאַפּט בשעת ער איז אַראָפּ קויפן עפּעס צום עסן.

אין דעם וואַגאָן איז ער די גאַנצע צייט געלעגן הינטער דער באַנק פאַרשטעלט דורך די פיס פון די פּאָר פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן אים געהאָלפן זיך אויסבאַהאַלטן פון באַן־קאָנדוקטאָרס אויג.

לייבישל איז בשלום אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו. פון דאָרטן האָט ער זיך

דורך קיִעוו געלאָזט קיין לעמבערג און פון לעמבערג איז ער געפאָרן ווייטער ביז צום בוג, פונוואַנען ער האָט זיך צוריק אַריבערגעשוואַרצט קיין פּוילן. לובלינער יידן זענען שוין דעמאָלסט געווען פאַרשפּאַרט אין אַן ענגן געטאָ, געטראָגן די געלע לאַטע, וואָס האָט זיי דערמאָנט אין די פינצטערע מיטלאַלטערלעכע צייטן. קיינער פון לייבישלס גוטע פריינט און באַקאַנטע האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער זאָל האָבן אָנגעשפּאַרט אַזוי ווייט ווי אָקטיאַבינסק, וואָס ליגט ערגעץ הינטער די הרי חושך. אויך האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז לייבישל זאָל — ווי ער זאָגט — זיך נאָכאַמאָל לאָזן אין ווייטן וועג אַריין. לייבישל „ריזיקאַנט" איז טאַקע אין איינעם אַ פאַרוואָלקנטן טאָג פאַרשוווּנדן פון געטאָ און עד היום ווייסט מען נישט וווּ ער איז אַהינגעקומען.

פון די וואָס זענען נאָכן בלוטיקן ספּעקטאַקל אויפן „אוניע"־סטאַדיאָן אַוועק צום בוג האָבן זיך נישט ווייניק צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט. זיי האָבן דערציילט מוראדיקע געשיכטעס וועגן פּוילישע שמוגלער, וואָס האָבן אינמיטן וועג באַראַבעוועט יידן, לאָזנדיק זיי הויל און נאַקעט, וועגן גזלנים, וואָס באַפאַלן יידן אויף די וועגן, וועגן מאַסן יידן, וועלכע געפינען זיך שוין וואָכנלאַנג אויף דער נייטראַלער זאָנע, נישט קענענדיק אַריבערגיין אויף יענער זייט בוג צוליב די סאָוויעטישע זעלנער, וואָס האָבן געמאַכט יד אחת מיט די היטלער־זעלנער פון דער זייט בוג.

די צוריקגעקומענע האָבן אויך דערציילט וועגן די גרויזאַמקייטן וואָס עס באַגייען די היטלער־סאָלדאַטן כלפּי די יידן, וועלכע רייסן זיך אַריבער־צוגיין דעם טייך אויף די אָפּשניטן פון ביאַלע פּאָדלאַסקי, וולאָדאַווע, כעלם און הרוביעשאָוו. דורך די דאָזיקע שטעט איז אָנגעגאַנגען אַ וואַנדערונג פון יידן צום בוג, וואָס ביי זיינע וואַסערן האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדע סצענעס, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט רויב און מאָרד.

אויף איינעם פון די דאָזיקע אָפּשניטן האָבן די היטלער־סאָלדאַטן אַריינגעזעצט יידן אין געלעכערטע שיפלעך, וואָס זענען אינמיטן טייך איינגעזונקען אין וואַסער צוזאַמען מיט די אומגליקלעכע. די יעניקע וואָס

האָבן געפּרוווט זיך ראַטעווען, שווימענדיק צום ברעג, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. דערביי זענען אויף דער רוסישער זייט געשטאַנען די רויט־אַרמייער און זיך צוגעקוקט קאַלטבלוטיק צו די דאָזיקע מעשים.

פון דער דאָזיקער מוראַדיקער לאַגע האָט זיך וויניק איבערגענומען בלויז שמאי אַלפאָנס, וואָס האָט די טעג נאָכן שוידערלעכן לופט־אָנגריף פאַרבראַכט אינעם פריילעכן הייזל, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט זיינע „כלות" און ביי דער זייט פון זיין מעטרעסע גאָלדע מאַלי, וואָס האָט אַלץ געטאָן אים צו פאַרזיסן דאָס לעבן.

מאַכט זיך אַ געשיכטע און שמאי אַלפאָנס איז געגאַנגען איבער דער גראָדזקי גאַס. מיטאַמאָל ווערט ער אָפּגעשטעלט דורכן פּאָליציאַנט פּיעט־זשאַק, וועלכער וויל דווקא צוריק איינזעצן שמאין אין דער תפיסה, פון וועלכער ער איז מיט נאָך אַנדערע אַרעסטאַנטן אַנטלאָפן בעת דער גרויסער באָמבאַרדירונג. דער פּאָליציאַנט לאָזט נישט אָפּ אָבער שמאי רייסט זיך אַרויס און נעמט אַנטלויפן מיט אַלע כוחות אין דער ריכטונג פון די געדרייטע יידישע געסלעך. אָבער דער פּאָליציאַנט הויבט אָן פּייפן און גלייך קומען צו לויפן נאָך פּאָליציי־לייט און שמאי ווערט נאָך אַ געיעג געכאַפּט און געבראַכט אין דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור. דאָרט האָט שמאי צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג זיך אָנגעטראָפן אויג אויף אויג מיט האַנס קראָזי — דעם יעניקן וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט מיט אַ פּאַראַשוט אויף די וואָליער לאָנקעס נישט ווייט פונעם אָרט ווו שמאי אַלפאָנס איז געלעגן מיטן מיידל. וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען צווישן ביידע איז נישט באַוווּסט. אַ פאַקט איז אַז שמאי איז אין תפיסה נישט צוריק געגאַנגען. ער איז נאָך דערצו, ווי מען האָט דערציילט, געוואָרן אַ צושטעלער פון „נקבות" פאַר די היטלער־סאָלדאַטן וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין די קאַשאַרן. און נישט בלויז דאָס. ער איז אויך שפּעטער געוואָרן אומגעקרוינטער „קיסר" פון לובלינער געטאָ און געהאַט צו זאָגן איבערן לעבן פון די יידן.

שמאי אַלפאָנס האָט נישט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף זיין „קרוינונג".

שוין אין געצײלטע טעג אַרום האָבן די דײַטשן געשאַפֿן דאָס געטאָ מיט אַלע זײַנע שוידערלעכקײטן. דאָס איז געװען אין אָנהײב פֿון חודש נאָװעמבער, דעם איבערגאַנג פֿון טריבן האַרבסט צום קאַלטן װינטער. דעמאָלט האָבן די עס־עס־לײַט, צוזאַמען מיט די געסטאַפּאָװצעס און זײערע געהילפֿן די פֿאָלקס־דױטשן, גענומען אַרױסטרײַבן די ייִדן פֿון די צענטראַלע גאַסן און זײ מיט קלעפּ און דראָונגען געיאָגט צו די ענגע ייִדישע געסלעך, װאָס זענען איצטער אין די האַרבסטיקע רעגנס געזונקען אין בלאָטע. די אַרױסגעטריבענע האָבן אַפֿילו נישט באַװיזן מיטצונעמען מיט זיך די נױטיקע זאַכן װי מלבושים, בעטגעװאַנט און לעבנסמיטלען. דאָס אַלץ האָבן די היטלעריסטן צוגערױבט אָװעקגעבנדיק די ליידיקע דירות פֿאַר די פֿאָליאַקן, װעלכע האָבן נישט װײניק מיטגעהאָלפֿן צו די דאָזיקע ברוטאַלע מעשים. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די היטלער־לײַט געצװוּנגען די געטאָ־ייִדן צו טראָגן די געלע לאַטע. ייִדן איז פֿאַרבאָטן געװאָרן צו פֿאַרלאָזן דאָס געטאָ, צו פֿאָרן אין באַנען און אַרומצוגײן אין גאַס אין די אָװנט־שעהן.

די נאַצישע באַנדיטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט פֿאַרשפּאַרן בלויז די לובלינער ייִדן אין אַ געטאָ. זײ האָבן אויך אין דעם געטאָ, װאָס איז באַשטאַנען פֿון אַ דרײַ צענדליק געסלעך, באַזעצט די ייִדן פֿון דאַנציג און אומגעגנט. און איז דאָס אַלץ נאָך געװען װײניק האָבן זײ אַהער אַרײַנגע־טריבן ייִדן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך שעברעשין, קאָנסקע װאָליע, גאַר־װאָלין, פּיאַסקי, גליסק, לובאַרטאָװ און פֿון אַנדערע שטעטלעך, װאָס זענען דורך די באָמבאַרדירונגען כמעט אָפּגעמעקט געװאָרן פֿון דער אױבערפֿלאַך.

אין רעזולטאַט פֿון דעם איז אין לובלינער געטאָ געװאָרן אַזױ ענג, אַז עס איז נישט געװען װוּ זיך אויסצודרײען. עס האָט נישט געהאָלפֿן דאָס װאָס ייִדן האָבן גענומען צובױען אַרום די הײַזער װענט, פּאַציאַטקעס, קעמערלעך, שטעלעכלעך און אַנדערע מיני בײדלעך. די ענגשאַפֿט איז געװאַקסן פֿון טאָג צו טאָג און איז דערגאַנגען צו אַ לאַגע װען הונדערטער משפּחות האָבן זיך געװאַלגערט אין די בלאָטיקע גאַסן, איבער װעלכע עס

האָט פון צייט צו צייט גענומען פאַלן אַ דראָבנער שניי, וואָס איז צעגאַנגען און פאַרגרעסערט די בלאָטע.

צוגלייך מיט דער ענגשאַפט איז אין געטאָ געקומען דער הונגער, וואָס האָט יעדן טאָג אַוועקגערויבט יידישע לעבנס און דערצו געבראַכט אַלערליי קראַנקהייטן. פונעם הונגער וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג זענען מענטשן געשוואָלן געוואָרן און געשטאָרבן אין די גאַסן. די בייזע ווינטן האָבן געבלאָזן אָניאָגנדיק די קעלטן וואָס האָבן נאָכמער באַשווערט דאָס לעבן אין געטאָ. אָבער לעבן האָט מען געמוזט און יידן האָבן געפרואווט עפּעס טאָן, האַנדלען, קויפן אָדער פאַרקויפן כדי אַריינכאַפּן אַ בישטיק פאַרדינסטל וואָס זאָל קלעקן אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט. אויף די באַדעקטע מיט אייז און שניי גאַסן האָבן אָרעמע לייט געפרואווט וועקן רחמים, זינגענדיק אַזאַ לידל:

שענקט אַ נדבה גוטע יידן!
מעג זיין אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט
אָדער אַפילו פאַרפוילטע קיליריבן
כ׳וועל זיין צופרידן.

דאָס לעבן אין געטאָ איז געוואָרן איין קייט פון ביטערע צרות. יעדן טאָג זענען געקומען נייע גזירות, וואָס האָבן נאָכמער פאַרשטאַרקט די אימה און אָפּגענומען ביי יידן דאָס ביסל האָפענונג — אולי ירחם, אפשר וועט דאָך פאַרקומען אַ בעסערונג. די מערדער האָבן די יידן אין געטאָ נישט געגעבן קיין רו. ווי די בייזע וועלף פלעגן זיך די דייטשן אַריינרייסן אין געטאָ, שלאָגנדיק מיט טעמפּ געוועהר יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. זיי האָבן אויך געשאָסן און פאַראורזאַכט קרבנות טויטע און שווער פאַרוווּנדעטע. עס האָט נישט געהאָלפן די אינטערווענצן פונעם יודנראַט, אין וועמענס

שפּיץ עס זענען געשטאַנען ד״ר מאַרק אַלטען און אינזשיניער בעקער. די באַנדיטן האָבן אויך פאַרפייניקט יידן צום טויט אין די אַרבעטס־לאַגערן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אין די גאַסן ליפּאָווע, אַגראַדווע און אַנדערע ערטער אין שטאָט. שפּעטער האָבן זיי אומגעבראַכט מאַסן יידן אין דעם טויטן־לאַגער בעלזשעץ, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון לובלין.

און ווי אַ צוגאָב צו די ביטערע צרות האָט זיך דער פראָסט געשטאַרקט. שניי־זאַווערוכעס האָבן געבושעוועט ברענגענדיק פרישע קעלט־כוואַליעס און דער הימל, אַ בלייכער, איז געהאַנגען איבערן געטאָ ווי בליי אָנזאָגנדיק ווייטערדיקע אייז־קאַלטע טעג און הונגעריקע צייטן.

דערווייל איז דאָס לעבן אין געטאָ געגאַנגען זיין וועג. לובלינער יידן האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן כדי קענען באַקומען אַ ביסל שפּייז אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות. זיי האָבן אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויף די ווילדע קעלטן, לאָזנדיק זיך גיין צו די געפערלעכע ערטער אין געטאָ, צו די דראָט־פאַרצוימונגען, ווו עס האָט זיך אַמאָל אין נאָווינע געיאָוועט אַ גוי מיט אַ ביסל גרינצייג און דאָס פאַרקויפט ווי מען פאַרקויפט אַ גאָלדן חפץ. למען האמת זענען אין לובלינער געטאָ געמאַכט געוואָרן נישט איינ־מאָל געשעפטן מיט די גויים. דאָס האָבן געטאָן די יחידי סגולה, וואָס האָבן געהאַט פּראָטעקציע ביי די דייטשן מיט וועלכע זיי האָבן זיך געחברט, טרינקענדיק צוזאַמען בראַנפן. דאָס זענען געווען נישט קיין אַנדערע ווי שמאי אַלפּאַנס מיט זיינע געהילפן, וואָס האָבן אין דער דאָזיקער עת צרה דווקא געלעבט אַ גוטן טאָג...

שמאי מיט זיינע מענטשן האָבן געגעסן ברויט צו דער זעט. עס האָט זיי נישט געפעלט קיין געלט און קיין שפּייז האָט זיי דערפאַר נישט אויס־געפעלט. שמאי מיט זיינע יונגען האָבן געוווינט אין די בעסטע שטובן, וואָס דאָס געטאָ האָט פאַרמאָגט. זיי האָבן נישט באַקומען געשלאָגן פון די היטלעריסטן, זענען נישט געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט. שמאי מיט זיינע מענטשן האָבן געבילדעט אין געטאָ אַ מאַכט. זיי זענען געווען פאַרבונדן

מיטן פּאָליציי־קאָמענדאַנט, דעם משומד זינגער און זיך געהאַלטן העכער פון די יודנראַטלער, וואָס זענען בלויז געווען אַ ווערקצייג אין די הענט פון די היטלעריסטן. מיט דער צייט איז שמאי אַלפּאָנס אויפגעוואַקסן ווי אַן אמתער קיסר, ווען מענס אונטערטאַנען זענען געווען די אומגליקלעכע דערשלאָגענע געטאָ־יידן. די היטלער־מערדער, וואָס זענען צום גרעסטן טייל באַשטאַנען פון קרימינעלע פאַרברעכער, דעגענעראַטן, אַלפּאָנסן און אַנדערע מיני אונטערוועלט־לייט, האָבן אין שמאין געזען, ווייזט אויס, אַ פאַרבינדעטן אַזוינעם, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן.

דער קאַלטער ווינטער איז אַוועק. די שנייען זענען צעגאַנגען און די טיפע בלאָטעס האָבן זיך אויסגעטריקנט מיטן אָנקומען פונעם זוניקן פרילינג. אַלץ אויף דער ערד האָט זיך צעגרינט און ריחות פון צעבליטן בעז האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, אַריינדרינגענדיק אויכעט אין געטאָ, ווו עס האָט נישט געוואַקסן קיין גראָז און קיין בוימער.



דער שלאָס צוזאַמען מיט קראַוויעצקאַ און פּאָדזאַמטשע גאַסן

צווייטער טייל

שריי געטאָ לובלין!

שריי געטאָ לובלין
שריי העכער
עס איז שוין פול דער בעכער
פון טרערן און פּיין.

שמאי אַלפאָנס רייט אַרום אין געטאָ אויף אַ שוואַרץ, הייס־בלוטיקן פערד וואָס ער האָט באַקומען געשענקט פון די היטלער־לייט פאַר זיין געטרייער צוזאַמענאַרבעט מיט די פאַרברעכער, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך דער גורל פון די העכער פערציק טויזנט יידן.

אָנגעטאָן איז שמאי מעשה פריץ אין רייט־הויזן, וואָס שטעקן אין הויכע לאַקירטע שטיוול מיט שפּאָרן. די האָר אויפן קאָפּ זענען געדיכט באַשמירט מיט פּאָמאַדע און די כיטרע אויגן מיטן זאַטן פּנים שמייכלען אָן אויפהער צו די גוטע פריינטלעך וואָס האַלטן אים אונטער ס'זאָל אים זיין פריילעך אויף דער נשמה. באַוואָפנט איז שמאי מיט אַ רעוואָלווער, וואָס שטעקט אין אַ שיין לעדערנעם שיידל. מיט אַ נאַהייקע ווי עס טראָגן די עס.עס־לייט און אַנדערע נאַצישע גדולים, וועלכע הערשן איבער דער באַזעצטער שטאָט לובלין.

שמאי איז תמיד אַרומגערינגלט מיט זיינע גוטע ברידער פון אַמאָל. זיי טרינקען מיט אים אויס גאַנצע פלעשער בראָנפן אין ניי־געעפנטן רעסטאָראַן, אויף דער צירולניטשע גאַס, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך

שמאַי׳ס מעטרעסע גאָלדע מאַלי. שמאַי טרינקט אויך שנאַפּס מיט די יעניקע היטלער־לייט, וועלכע האָבן צו זאָגן איבער די העכער פערציק טויזנט געטאָ־יידן.

דאָס לעבן אין לובלינער געטאָ איז איין קייט פון יסורים. די נאַציס רייסן זיך אַריין פון צייט צו צייט מיט שטורעם אין די ענגע שטיבלעך, שלאָגן און הרגנען אָן רחמנות מענער, פרויען און קינדער און רויבן דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן פון די צעשלאָגענע קרבנות. נישט ווייניק צרות האָבן די געטאָ־יידן אויסצושטיין פון שמאַין און זיינע געהילפן. זיי שלעפּן אַרויס מיט כוח הילפסלאָזע יידן פון די אָרעמע היימען און גיבן זיי איבער אין די הענט פון די דייטשן. דער הונגער איז גרויס. די קראַנקהייטן מערן זיך. דער טויט רייסט זיך אַריין אין די שטובן און נעמט אַוועק אָן אַ שיער לעבנס. דער נייער בית עלמין, וואָס געפינט זיך הינטערן געטאָ, קען מער נישט אַריינעמען אַזוי פיל מתים און די קברנים פון זייער זייט טוען אַלץ, אַז די טויטע זאָלן קענען קומען צו קבר ישראל.

שמאַי׳ס דייטשע פּאַטראָנען זענען אָפטע געסט אין גאָלדע מאַליס רעסטאָראַן, ווו זיי עסן זיך אָן מיט געפּרעגלטע קאָטלעטן און פאַרטרינקען מיטן געלייטערטן בראָנפן און ביר פון הערשל זילבערס געוועזענער גאָזשעלנע, וואָס געהערט איצט צו אַ פאָלקס דויטש. די דייטשן פרעסן און זויפן און באַקומען נאָך פון שמאַין ווערטפולע מתנות, גאָלד, טייערע פוטערס, ביעלסקער שטאָפן אויף אַנציגער, לעדערנע מאַנטלען און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס שמאַי מיט זיינע געהילפן רויבן צו ביי די יידן אין געטאָ.

ס׳זענען אין געטאָ נאָך געווען יידן וואָס האָבן באַקומען מאַנכעסמאָל צוגעשיקט אַ שפּייז־פּעקל פון אויסלענדישע קרובים און אויך יידן וואָס ביי זיי האָט זיך נאָך פאַרפאַרלגערט אַ גאָלדענע מטבע, וועלכע מען קען אויסטוישן פאַר עסן. אָט די יידן ווערן געהאַלטן אויפן אויג דורך שמאַי׳ס „ווילע יונגען״. זיי זאָרגן שוין כדי אַריינצובאַקומען אין זייערע הענט אַריין דעם שלל, וואָס זיי נעמען צו מיט כוח.

די ברידער פּיעטראַשינסקי, די מאַלייס און די אַלע גויאישע כוליגאַנעס מיטן הויפּט־שלעגער און מעסער־שטעכער מאַטיקע בראש, זענען די צו־שטעלער פון פּראָדוקטן פאַר די געטאָ־איינוווינער, וואָס צאָלן די העכסטע פּרייזן. די יידן מוזן אַ העלפּט פון געקויפטן אָוועקגעבן שמאַי׳ן און זיין חברותה, וואָס שטייען איין אין גרויסן הויף פון פייגעלע אברהם לייזערס. דאָרטן „שטייט" אויך איין שמאַי׳ס הייס־בלוטיק ראַסאָווע רייט־פערד.

עס איז זומער 1940. די זון וואָס באַלויכט די וועלט, שיינט אויך אַריין אין געטאָ און וואַרעמט די אויסגעמאַטערטע יידן, וועמענס מלבושים אויפן לייב זענען פאַרלאַטעט און פאַרנייט מיט דיקע שטעך. די מלבושים טראָגן סימנים פון אַמאָליקע בעסערע צייטן.

די ענגשאַפט אין געטאָ איז געוועז אַזוי גרויס, אַז גאַנצע פאַמיליעס האָבן געמוזט שלאָפן אין די שמאָלע אַריינגענג פון די הייזלעך, אויף שטיגן און קאַמערן און שטעלעכלעך, אין קעלערס און ווו מען קען נאָר אַוועקלייגן די מידע גלידער. פון די קליינע שטעטלעך אַרום לובלין האָלטן אין איין קומען צעשלאָגענע יידן מיט אָפּגעפליקטע בערד און אויסגעריי־סענע שטיקער לייב. זיי דערציילן גרוילִיקע געשיכטעס וועגן אוקראַאינער און פּאָליאַקן וואָס דערשלאָגן מיט נאַהייקעס די יידן אויף טויט, זיי פאַר־ברענען שולן אינאיינעם מיט די מתפּללים און צעראַבעווען יידישע פאַרמעגנס. איין געשיכטע איז שרעקלעכער פון דער צווייטער. דאָס פייער פון שנאה צו יידן טוט אַלץ פאַרצערן.

שטייען אַזוי לובלינער יידן אַקעגן די אָהערגעקומענע פון ביכאָווע, פּיאַסקי, לובאַרטאָוו, בילגאָריי, קאָנסקע וואָליע און גליסק און וויסן נישט וואָס צו זאָגן. דאָס אומגליק איז גרויס און העלפן קען נאָר איין גאָט. שטייט אויך צווישן אַלע אָנגעקומענע לייבעלע פּאָעט פון קליין טשעכיוו, וואָס גרעניצט זיך מיט גרויס טשעכיוו. פון לייבל׳ס אויגן רינען טרערן. ער האָט וואָס צו וויינען. זיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברודער זענען געהרגעט געוואָרן בעת דער שרעקלעכער שבתדיקער באָמבאַרדירונג און

ער, לייבעלע, וועלכער איז דעמאָלסט פּונקט געווען ערגעץ אין די ווייטערע גאַסן, איז געבליבן איינער אַליין צווישן וועלף, וואָס ווילן אים, לייבעלען, צוזאַמען מיט אַלע יידן, אָפּווישן פון דער ערד־פּלאַך.

לייבעלע פּאָעט שלאָפט איבער די נאַכט, ווי אַלע היימלאָזע, הינטער הויז־שטיגן. זיין קליינעם דאַרן גוף קאָרטשעט ער איין אין דרייען עס זאָל אים זיין וואַרעמער און ער טראַכט מחשבותן וואָס פון זיי קומט אַרויס איין ליד נאָכן צווייטן. ביי לייבעלען, וועלכער איז געווען פון פאַך אַ קאָמאַשנשטעפּער און האָט אַ גאַנץ יאָר געאַרבעט צוויי טעג אין דער וואָך, האָט דאָ אין געטאָ אויפגעוואַכט די מוזע און ער האָט זיך דערפילט אַלס אַ פּאָעטישער בונטאַר, וואָס קען נישט פאַרטראָגן קיין עוולות און וואָס איז גרייט צו גיין אין פייער אַריין פאַר זיינע באַעוולטע ברידער.

כאָטש לייבעלע איז דאַר און מאָגער און קליינגעוויקסיק, האָט ער נישט מורא פאַר די געטאָ־פאַרזאָרגער, וועלכע דרייען זיך אַרום שמאי אַלפּאָנס און זיין כנופיה. שמאי׳ס מענטשן נעמען צו ביי די הילפלאָזע יידן דעם לעצטן גראָשן. זיי טוען שאַנטאַזשירן, ראַבירן און עס איז אָך און וויי צו דעם וואָס שטעלט זיך זיי אַקעגן. לייבעלעס געוועזר קעגן אָט די פינצ־טערע פאַרשוינען איז דאָס ליד, וואָס ער פאַרפאַסט אין די נעכט, ליגנדיק אַזוי הינטער די שטיגן איינגעקאָרטשעט און ציטערדיקער פון דער ביי־נאַכטיקער קעלט. און שוין אויף צו מאָרגנס האָט לייבעלע אַ פאַרטיק לידל קעגן די ווילע יונגען.

— מיינט נישט ווילע יונגען
— אַז שטענדיק לעבן וועט איר פון גזילה
— ווען קומען וועט די צייט
— באַצאָלן דערפאַר וועט איר ממילא.

איינמאָל איז לייבעלען אונטערגעקומען אַ גוטער מאָמענט אויף צו נעמען כאָטש אַ שטיקל נקמה אין די היטלער־דייטשן. געווען איז דאָס אין אַ טריבן

טאָג, ווען ער האָט זיך צופעליק געפונען נעבן הויז פון לייבעלע זייפשטיין, וואָס האָט אויף דער נאַדסטאַוונע גאַס געהאַט זיין אייגנס אַ סאַליע פאַר חתונות, בריתן, פאַר פדיון הבן און אַנדערע יידישע שמחות.

מיטאַמאָל איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך הילטעריסטישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויפגעהויבן אַ מוראדיק ווימטן אַלאַרם:

— אַלע יודן ראוס!

אַז לייבעלע זייפשטיין און מיט אים אַלע איבעריקע יידן זענען אין טויט־שרעק אַראָפּ אין הויף האָבן די היטלער־לייט זיי געהייסן זיך אויס־לייגן אויף דער ערד מיטן בויך אַראָפּ און דער עלטסטער פון זיי האָט אָנגעהויבן טרעטן אויף די ליגנדע מיט זיינע באַטשווקעוועטע שטיוול און דערביי שרייען מיט אַ ווילד קול:

— שנעל אָפּרייניקן דעם שמוץ פון הויף!

— מיט וואָס, הער עלטסטער? האָט ווער פון די יידן ריזיקירט אַ פרעג צו טאָן און באַקומען גלייך אַ זעץ מיטן שטיוול.

— מיט די צונגען!

האָבן אַלע געמוזט לעקן דעם שמוץ מיט די צונגען און די היטלעריסטן האָבן לאַכנדיק פון גרויס הנאה אויפסניי זיך צעשריגן:

— אויפזינגען!

— וואָס זאָל מען זיי אויפזינגען? האָט אַ פרעג געטאָן איינער.

דאָ האָט לייבעלע פּאָעט אַזוי זיך אָנגערופן:

— זאָרגט נישט יידן. איך האָב שוין פאַר זיי דאָס ריכטיקע לידל.

און לייבעלע האָט גענומען זינגען און אַלע נאָך אים.

— מיר האָבן ענק אין ד׳רערד!

— מיר וועלן אייך איבערלעבן!

דאָס דאָזיקע קורצע לידל איז אַזוי געפעלן געוואָרן די היטלער־סאַדיסטן, אַז זיי האָבן באַפוילן דאָס צו זינגען אָן אויפהער. ליידער זענען לייבעלע פּאָעטס ווערטער נישט מקוים געוואָרן. אַלע מיטבאַטייליקטע אין

זינגען זענען שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דײַטשן אויפֿן אַכזריותדיקן אופֿן.

דאָס לעבן אין לובלינער ענגן געטאָ איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער און אומדערטרעגלעכער. יידן זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿער מרה שחורה, זײַענדיק איבערצײַגט אַז נאָך אַ חודש און נאָך אַ חודש און אַלץ אַרום וועט אָפּגעווישט ווערן פֿון דער אויבערפֿלאַך, וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מדבר. אויסער דעם הונגער און נויט האָט אויף די יידן געלויערט אַ געפֿאַר מצד דער געסטאַפּאָ וואָס האָט אָנגעהויבן איר שוידערלעכע טיטיקייט אין שטאָט, און אויך מצד שמאי אַלפּאָנס און זײַנע געהילפֿן וועלכע האָבן ממש טעראָריזירט דאָס געטאָ.

מיטאַמאָל האָט אין געטאָ גענומען פֿעלן יידן. אָקאָרשט האָט מען מיט זיי גערעדט און שוין זענען זיי פֿאַרשווינדן, ווי אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער אויבערפֿלאַך. די פֿאַמיליעס פֿון די פֿאַרפֿאַלענע האָבן אײַנגעלייגט וועלטן כדי זיך דערוויסן עפּעס פֿון זייערע נאָענטע. מענטשן זענען געלאָפֿן בעטן ביי די יודנראַטלער, האָבן געוויינט און געקלאָגט אָבער גאָרנישט געקענט אויפֿטאָן. ערשט שפּעטער מיט אַ חודש, ווען איינער פֿון די פֿאַרפֿאַלענע מיטן נאָמען בייטל איז אַהיימגעקומען אַ צעשלאָגענער מיט אויסגעהאַקטע ציין און מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, האָט מען זיך דערוווסט, אַז דאָס איז די אַרבעט פֿון דער געסטאַפּאָ, וואָס נעמט אַוועק יידן אינמיטן העלן טאָג און אין חשכת פֿון דער נאַכט. מיטגעהאָלפֿן דערצו האָבן שמאי און זײַנע אויסוווּרפֿן.

די באַנדע פֿלעגט זיך אַרײַנרייסן אין דער ערשטער בעסטער שטוב און שמאי, מיט זײַן שטענדיקן געלעכטערל האָט אָנקוקנדיק דעם אויף טויט דערשראָקענעם שטוב־אייגנטימער זיך געווענדעט צו זײַנע מענטשן:

— זאָגט יינגלעך, וואָס דאַרף מען טאָן מיט דער דאָזיקער יאָלדישער נשמה ?

און איז דאָס געווען אימעצער וועמען שמאי האָט געקענט האָט ער אים בלויז אַ זאָג געטאָן די פּאָר ווערטער:

— קעצעלע לייג דיך!

דאָס האָט געהייסן אַז ער, שמאי מיט זיינע געהילפן האָבן צו דעם מענטש גאָרנישט און אַז ער קען זיך ווייטער לעבן אַזוי ווי ער פאַרשטייט. איז דאָס אָבער געווען איינער פון די וועמען שמאי האָט נישט געקענט, האָט ער אים צוגעלייגט די נאַהייקע צום פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— קעצעלע הויב זיך!

און דאָס איז געווען געגנוג מען זאָל דעם אומגליקלעכן אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און גלייך אַוועקפירן צו דער „קריפּאָ" (קרימינאַל פּאָליציי). צוויי תליינים מיט מערדערישע פּנימער און מיט אייזערנע שטעקנס אין די הענט האָבן דעם קרבן באַפוילן זיך אויסצוטאָן און זיך אַוועקלייגן אויף דער באַנק מיטן פּנים אַראָפּ. נאָך איידער דער ייד האָט באַוויזן אויסצוציען דעם גוף ווי געהעריק, האָבן שוין די תליינים געזעצט מיט די אייזערנע שטעקנס איבער זיינע פלייצעס, וואָס זענען אונטער די קלעפּ באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. געשלאָגן האָבן זיי אַזוי לאַנג ביז דער קרבן האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין בלייבנדיק ליגן ווי אַ טויטער. דעמאָלסט האָבן אים די מערדער אָפּגעמינטערט מיט קאַלט וואַסער און דערביי נישט אויפגעהערט צו פאָדערן ביים צעשלאָגענעם:

— דאָס גאָלד גיב אַהער!

— איך האָב נישט קיין גאָלד.

— דו לייגסט שוויין!

און זיי האָבן אים ווייטער גענומען שלאָגן, אויסגעהאַקט אים די ציינער פון מויל און צעבראָכן די ריפּן. ערשט ווען דער קרבן האָט נאָך אַ פּאָר טעג פון שרעקלעכע פּייניקונגען זיך געהאַלטן ביים זייניקן האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט אין אַ צושטאַנד פון מער טויט ווי לעבעדיק. דאָס אַלץ האָבן יידן פון געטאָ זיך דערוווסט פון איינעם מיטן נאָמען בייטל, וועלכער האָט

מיטגעמאַכט אַזאַ מין אינקוויזיציע און איז אַרויסגעקומען אַ צעקיילטער און צעביילטער, שוועבנדיק אַ צייט לאַנג צווישן טויט און לעבן.

לייבעלע פּאָעט האָט זיך אַרומגעדרייט אין געטאָ אַן אָפּגעריסענער און אַן אָפּגעשליסענער און דערצו אַ טויט־הונגעריקער. שוין די טעג ווי ער דערהאַלט קוים די נשמה מיט די ברעקלעך האַלב־פאַרפוילטע קיליריבן, וואָס ער גראַבלט אַרויס פון די מיסטן, אָבער מעשה פלא ווערט אים דער מאָגן נישט פאַרדאַרבן. דרייט ער זיך לייבעלע, אַזוי אַרום אין געטאָ, קוקט זיך צו צו די אַלע צרות וואָס יידן האָבן אויסצושטיין פון די היטלעריסטן און פון שמאַי אַלפּאַנס, וועלכער זיצט מיט די דייטשן אין רעסטאָראַן אויף צירולניטשע גאַס און לאָזט זיך וווילגיין. אַז לייבעלע טוט זיך אַ פאַרקוק אויף דער דערנעבנדער גאַס — נאַדסטאַוונע, ווו יידן שמאַכטן פון הונגער און נויט, ליגן אויף דער ערד, בעטנדיק ביי די דורכגייער אַ קרישקע ברויט, קאָכט אין אים אויף דאָס בלוט און עס דערוועקט זיך אין אים דער פּאָעטישער בונטאַר. אויפן אָרט ווערט ביי לייבלען געבוירן אַ ליד:

— און עס האָט דער גראַנדאָווניק דער שיינער
— באַקומען פון הענקער אַ מתנה
— אַ פערד צום רייטן
— אַ מעסער צום שטעכן
— אַ רעוואָלווער צום שיסן
— און אַ נאַהייקע צום שלאָגן.

לייבעלע אַ פאַרטוענער אין דעם נאַר וואָס געשאַפענעם לידל, וואָס מאַכט אים פאַרגעסן דעם הונגער און טוט אים אַריינברענגען אין אַן אַנדער וועלט, דערזעט זיך אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף. דאָרט האָט פאַר דער מלחמה געווימלט מיט סוחרים און שפּיליטערן, וועלכע האָבן פונדאַנען

אַוועקגעפירט וועגענער מיט סחורות צו אַלע אַרומיקע שטעטלעך. דאָ אין גרויסן הויף האָבן זיי געהאַט זייערע מאַגאַזינען. דער דאָזיקער גרויסער הויף איז באַזעצט מיט שמאַיס מענטשן, וועלכע וואַרפן אָן אַ שרעק אויף די איינוווינער.

לייבעלע מיט זיין פאַרהונגערטן חוש הריח דערשמעקט גלייך עפּעס וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געזען פאַר זיינע אויגן. דאָס זענען געווען באַטעמטע ריחות פון זופּן געקאָכטע מיט פערל־גרויפּן, מיט לאָקשן און פאַסאָליעס, מיט אַן איינברענעכץ און מיט געבאַקענע פערפל. דער גאַנצער הויף איז געווען אָנגעפילט מיט ריחות פון געבראָטענע פליישן און זיסע קאָמפּאָטן. צו לייבעלעס נאָזלעכער איז דערגאַנגען דער לאַנג־פאַרגעסענער ריח פון גוט־אויסגעבאַקענע קימל־ברויטן, ווייסע זעמל, אויסגעוועלגערטע פּלעצלעך מיט מאָן, אַקוראַט אַזעלכע וואָס לייבעלעס מאַמע, שרה גיטל, האָט געפּלעגט איינקויפן ביים בעקער אין די פּרימאָרגן־שעהן. נאָר לאַנג איז לייבעלען נישט אויסגעקומען זיך צו קוויקן מיט די דאָזיקע ריחות. אַ פּאָר אייזערנע הענט האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן מאָגערן אָרעם און אַ הייזעריקלעכער קול האָט לייבעלען אַריינגעשריגן גלייך אין פּנים אַריין:

— דו כאָלערִיטשנע באַשעפעניש איינער! שוין זאָלסטו זאָגן וואָס דיין טועכץ איז דאָ אין הויף?

און נאָך איידער לייבעלע האָט באַוויזן אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט האָט מען אים ווי אַ באַלעמל אַרויפגעוואָרפן אויף אַ באַלעגאָלישן וואָגן, אין וועלכן עס האָבן זיך שוין געפונען ביי אַ צענדליק מיידלעך און יונגע פרויען פון געטאָ. די פאַרשוינען וואָס האָבן לייבעלען אַריינגעוואָרפן אין וואָגן זענען געווען נישט קיין אַנדערע ווי די גוט־באַקאַנטע אונטערוועלטניקעס פון שמאַיס כנופיה. זיי האָבן גענומען אונטעריאָגן דעם אָנטרייבער פון וואָגן:

— געפאָרן זאָל ווערן הינטישער זון!

דעם אָנטרייבערס בייטש האָט אַ קנאַק געטאָן און דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען שנעל לויפן איבערן שטיינערנעם

ברוק לאָזנדיק זיך צו די ווייטערע גאַסן. לייבעלע האָט געפּאַסט מוט און אַ פרעג געטאָן איינער פון די מיטפּאַרערינס:

— פריילין, טאָמער קענט איר מיר זאָגן וווהין מיר פאָרן?

— כ׳קען אייך צוליב טאָן און זאָגן.

— טאָ זאָגט.

— מיר פאָרן שלייסן פעדערן.

דערהערנדיק דאָס האָט לייבעלע אויפגעמאַכט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

— איר שפּאַסט נישט אַמאָל פריילין?

— איך שפּאַס נישט...

דערווייל איז דער באַלעגאָלישער וואָגן אַריינגעפאָרן אין אַ פאַרצוימטן הויף, אויף דער בראָוואַרנע גאַס. דאָרט האָבן זיך געפונען אייניקע לאַנגע געביידעס, אין וועלכע עס האָבן געשמאַכטעט אַ פּאָר הונדערט יידישע מיידלעך און יונגע פרויען, וואָס זענען מיט כוח אַוועקגעריסן געוואָרן פון די היימען.

ווי עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן איז דער הויף אויף בראָוואַרנע גאַס געווען נישט מער ווי אַן איבערגאַנגס־לאַגער פונוואַנען די מיידלעך מיט די יונגע פרויען זענען אונטער אַ שטרענגער וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון היטלער־לייט, יידישע פּאָליציסטן און געפאַנגענע יידישע זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, אַוועקגעפירט געוואָרן צום „דאָס זשאָלנעזשאָ (זעלנער־הויז) אויף דער עק קראַקאָווסקע פּזשעדמיעשצע. דאָרט האָט זיך געפונען די דייטשע אונטערנעמונג פון פעדערן־שלייסן.

נאָכדעם ווי לייבעלע פּאָעט איז אונטער אַ האָגל פון מערדערישע קלעפּ אָנגעקומען צו דער פעדערן־שלייסעריי האָט זיך פאַר אים ערשט אָנגעהויבן די אמתדיקע צרות. צוערשט איז לייבעלע אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער האַלע, ווו אַרום טישן זענען געשטאַנען שורות יונגע פרויען, צווישן זיי אויך פּוילישע אַרעסטאַנטקעס, און געשליסן פעדערן. געשטאַנען איז איבער זיי אַן אויפזעער מיטן נאָמען פּעלעק, וועלכער האָט פאַר דער

מינדסטער עבירה געשלאָגן ביז בלוט מיט אַ נאַהייקע מיט שפּיצן פון בליי. אַט דער פּעלעק איז געווען צווישן די מיידלעך באַקאַנט אַלס אַ סאַדיסט, וואָס איז מסוגל צו הרגענען מענטשן נישט טוענדיק דערביי קיין פינטל מיט אַן אויג. די פּוילישע אַרעסטאַנטקעס האָט פּעלעק נישט געוואַגט צו שלאָגן. דעם כעס האָט ער דעריבער אויסגעלאָזט אויף די שוצלאָזע יידישע מיידלעך. ער האָט זיי געהייסן אַרבעטן אָן אָפּרו בייטאָג און ביינאַכט און געשלאָגן אָן אויפהער מיט דער נאַהייקע און באַשטראָפט מיטן צונעמען די פּאַרציע שוואַרץ ברויט מיטן ביסל שוואַרצער, נישט־געצוקערטער קאַווע. פון אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט זענען די יידישע מיידלעך קראַנק געוואָרן, אָבער פּעלעק האָט נישט קוקנדיק דערויף זיי געצוווּנגען אַרבעטן קראַנקערהייט. ער האָט זיי אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז די געפּייניקטע פלעגן פאַלן אין אָנמאַכט. דעמאָלט נעמט זיי פּעלקע אַריין אין וואַש־צימער און גיסט אויף זיי קאַלט וואַסער ביז זיי קומען צו זיך און נעמען ווייטער מיט די לעצטע כוחות שלייסן די פעדערן. אַזוי האַלט אָן די דאָזיקע גיהנומדיקע שפּיל ביז די קרבנות בלייבן ליגן האַלב טויטע נישט קענענדיק זיך רירן פון אָרט. פּעלעק רופט דעמאָלט דעם דייטשן עלטסטן אויף באַראַטונג און ביידע באַשליסן אָפּצושיקן די האַלב טויטע צשלאָגענע מיידלעך צוריק אין געטאָ אַריין. דאָרט זענען זיי אויסגעשטעלט אויף ווייטערדיקע געפאַרן, צו ווערן אויפסניי געכאַפּט צו דער דאָזיקער געפערלעכער אַרבעט.

דער גרעסטער טייל פון די שלייסערינס־מיידלעך אין עלטער פון 15 ביז 17 יאָר קומען צוריק אין געטאָ פאַרפּייניקטע, אויסגעהונגערטע און ווייט פון צו זיין ביים נאָרמאַלן שכל. די צוריקגעקומענע דרייען זיך אַרום אין געטאָ ווי לעבעדיקע שאָטנס און ווי קאַנדידאַטינס זיך אַריבערצופּעקלען אויף יענער וועלט.

לייבעלע פאָעט איז געבראַכט געוואָרן אין דער פעדערן־שלייסעריי און צוגלייך מיט די אַלע יידישע מיידלעך איז ער געשטעלט געוואָרן צו דער אַרבעט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ פּולער זאַק מיט נאָכנישט־גע־

שליסענע פּעדערן. לייבעלע, וועלכער איז געווען דאַר ווי אַ שטעקן איז נאָכן אָפּאַרבעטן אַזוי אַ צען ביז 12 שעה געוואָרן אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט און לסוף האָט ער שוין נישט געקענט שטיין אויף די פיס, זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, בלייבנדיק ליגן ווי פאַרחלשט. נאָר לאַנג איז לייבעלען נישט באַשערט געווען אַזוי צו ליגן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון וואָס זיין אויסגעמאַטערטער גוף האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען פון גרויס ווייטיק. גלייך נאָך דעם דאָזיקן קלאַפּ האָט זיך אויף לייבעלען גענומען שיטן נאָך קלעפּ וואָס האָבן אים ממש צעשמעטערט. ער איז געלעגן ווי באַוווסטלאָז מיט אַ געפיל פון מענטשן אין זייערע לעצטע מינוטן, ווען דער טויט באַווייזט זיך פאַר זייערע אויגן.

נאָר לייבעלען איז ווייזט אויס באַשערט געווען ווייטער צו לעבן און צו מאַטערן זיך. באַקומענדיק פון פעלעקן די פּאַרציע וואַסער פון קראַן וואָס האָט אים, לייבעלען, צוריקגעבראַכט צום לעבן.

ווי אין אַ חלום געדענקט לייבעלע די מינוט ווען ער איז מיט נאָך אַנדערע אַוועקגעפאַלן אויף אַ געלעגער פון שטרוי, ווי אַזוי די מידע אויגן זיינע האָבן זיך גלייך געשלאָסן און אַליין איז ער פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ווי לאַנג לייבעלע איז געשלאָפן ווייסט נאָר איין פעלעק. ער האָט דעם שלאָפנדיקן לייבעלע ברוטאַל אויפגעוועקט, דערלאַנגנדיק אים אַ שמיץ מיט דער נאַהייקע גלייך אין פּנים אַריין. דאָס בלוט האָט ביי לייבעלען גענומען רינען און פאַרגאָסן די אויגן מיטן מויל.

אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג מיט פּייניקונגען און שרעק פאַרן אויפזעער פעלעק, וועלכער האָט יעדן טאָג אויסגעטראַכט ניי שיטות ווי אַזוי שלאָגן די קרבנות ביז צום לעצטן אָטעם־צוג. די געשלאָגענע זענען פון גרויסע יסורים אַראָפּ פון זינען און געוואָרן אַזוי אַרום באַפרייט פונעם גיהנום וואָס האָט געהייסן „פרייער אַרבעטס־לאַגער פאַר פּרויען".

פאַר לייבעלען האָבן זיך אָנגעהויבן שווידערלעכע טעג און נעכט. דער אַרבעטס־אויפזעער פעלעק, וועלכער איז אין פּריוואַטן לעבן געווען אַ

„ראָזבאָיניק, אויספירנדיק רציחות אויף באַשטעלונג און וועמען די היט־לער־לייט האָבן — ווען ער איז געזעסן אין תפיסה־שלאָס פאַר דערמאָרדן אַ מענטש — געמאַכט פאַר אַן אויפזעער איבער איניקע הונדערט יידישע האַלב פאַרפייניקטע מיידלעך פון געטאָ, האָט זיך פאַרלייגט אויף לייבעלעס לעבן — וואָס איז אַזוי צי אַזוי געהאַנגען אויף אַ האָר. פון נישט עסן און שלאָפן און פון פליקן די פעדערן טאָג און נאַכט, איז לייבעלע געפאַלן פון די כוחות און אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון אַ טויט־קראַנקן. ער איז געפאַלן כסדר אין חלשות און געוואָרן דערביי אויפגעמינטערט דורך פעלעקן מיט די שמיץ פון דער נאַהייקע און מיט קאַלטע שטראָמען וואַסער. די פאַר שעה פון שלאָפן אויפן פאַרפוילטן שטרוי, זענען געווען גענוג, אַז לייבעלע זאָל ווערן פאַרלייזיקט און פאַרפעדערט פון קאָפּ ביז די פיס. לייבעלע האָט געטיילט דעם גורל צוגלייך מיט די יידישע מיידלעך, וועלכע זענען געווען אויך אַזוי פאַרפעדערט און פאַרלייזיקט און אַלעמאָל געוואָרן קראַנק פון דערשעפּונג און אונטערדערנערונג.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פאַרמאַטערטע מיידלעך, וועמען פעלעק האָט געפּרוווט אויפשטעלן מיט די בלייערנע שמיץ פון זיין נאַ־הייקע, זענען אַזוי פאַרפייניקט געוואָרן, אַז זיי האָבן מער נישט געקענט שטיין אויף די פיס און זיך ליגנדיקערהייט געלאָזט שלאָגן ביז צום טויט. וועגן אַרויסראַטעווען זיך פון דאָזיקן גיהנום איז נישט געווען קיין רייד. בלויז די יעניקע מיידלעך, וועמענס עלטערן האָבן געהאַט פּראָטעקציע ביים יודנראַט אָדער זענען געווען רייך אין גאָלד און אין אַנדערע ווערט־פולע חפצים, האָבן געהאַט שאַנסן באַפרייט צו ווערן פון דער דאָזיקער פעדערן־פּליקעריי. די אַרבעט דאָרט האָט נישט גענומען קיין סוף מחמת דער ריזיקער לאַגער־מאַגאַזין איז כסדר אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייש געפּאַקטע זעק מיט פעדערן.

האָט מיט לייבעלען פּאַסירט אַזאַ מין געשיכטע: ווען ער איז אַזוי מיט די לעצטע כוחות געשטאַנען ביי דער אַרבעט האָט אים מיטאַמאָל אויסגעפעלט אָטעם. אַליין נישט־וויסנדיק ווי אַזוי איז ער ווי אַן אונטער־

געזעגטער בוים געפאַלן צום באָדן נישט אויפהויבנדיק זיך מער אַפילו נאָך די שניידיקע שמיץ פון פעלעקס בלייערנער נאַהייקע. אין פעלעקס אויגן איז לייבעלע געווען טויט ווי אַלע טויטע. און אַזוי ווי אין דער זעלבער צייט זענען אייניקע מיידלעך געשטאָרבן פון טיפוס, האָט מען לייבעלען מיט די פאַרשטאָרבענע מיידלעך אַרויסגעוואָרפן אויף דער באַלעגאַלישער פלאַטפאָרמע, וועמענס אַנטרייבער איז געווען נישט קיין אַנדערער נאָר ווי דער גוט־באַקאַנטער אברהם הויזשעבאָוו.

פאָרט ער אַזוי אברהם הויזשעבאָוו איבער די לובלינער גאַסן, וואָס זענען אין דער דאָזיקער מיטאָג־שעה כמעט ליידיק פון מענטשן. עס איז פונקט דעמאָלט געווען איינער פון די וואַרעמע פרילינג־טעג, ווען דער בעז אויף די בוימער צעבליט זיך מיט דער גאַנצער שיינקייט און טוט פאַרשפּרייטן אַרום זיך ריחות וואָס דערוועקן בענקשאַפט און זיסע טרוימען. און ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער דופט האָט דאָס אויפגעוועקט לייבעלען פונעם הינערפלעט אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן און וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס בידנע לעבן. מיטאַמאָל האָט זיך אברהם הויזשעבאָוו אויסגעדרייט כדי אַ קוק צו טאָן אויף די לינדיקע מתים און דערזען האָט ער, צו זיין גרויסער שטוינונג ווי דער "מת" לייבעלע מיטן דאַרן קערפּערל און מיט די פאַרפעדערטע בגדים קוקט אויף אים מיט אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן, אין וועלכע עס ליגט אויסגעגאָסן דער גאַנצער צער און ווייטיק. פוילט ער זיך נישט אברהם הויזשעבאָוו און נעמט אונטעריאָגן דאָס באַלעגאַלישע פערד מיט דער בייטש:

— וויאָ, גניאַדע!

אברהם הויזשעבאָווס פלאַטפאָרמע רייסט זיך אַריין דורכן "הינטערן־לאַזער" אין געטאָ אַריין. פאָרט אַדורך אין אין איילעניש די שראַקע גאַס, די רוסקע און פאַרקערעוועט צום ליימיקן וועג וואָס פירט אַהין ביז צום נייעם בית עולם. פאָרנדיק אַזוי אין דער גרעסטער יאָגעניש שטעלט זיך אברהם הויזשעבאָוו אָפּ פאַר אַ האַלב צעבראָכענער הילצערנער געביידע, וועלכע איז נישט קיין אַנדערע נאָר די געוועזענע קאָשצעפּאַלנע פון דער

לייזעראָווע. איצט דינט זי ווי אַ וואַרטע־שטוב פאַר דער ווייבערישער אָפּטיילונג פון דער חברה קדישא.

עס געדויערט נישט לאַנג און פון דער וואַרטע־שטוב קומט אַרויס די לייזעראָווע, אַן אָנגעטוענע אין דער פאַרצייטישער קרינאָלינע מיטן קאָפּ־טיכל פון וועלכער עס הענגען אַראָפּ די פרענזן.

— וואָס האָסטו געבראַכט אברהם הויזשעבאָוו — גיט אַ פרעג די לייזעראָווע און נעמט דערביי באַטראַכטן די פור מיטן טויטן „באַגאַזש".

ענטפערט איר אָפּ אברהם:

— לייזעראָווע! כ'האָב דיר געבראַכט אַ לעבעדיקן מת.

— טאַקע?

— וואָס דו הערסט.

— ווו איז ער?

— אָט איז ער.

און די לייזעראָווע גיט אַ נעם לייבעלען ווי מען נעמט אַ קינד אויף דער האַנט און טראָגט אים אַריין אין שטוב. לייבעלע, וואָס איז געקומען צו זיך אַ דאַנק דעם ביסל וואַרעמען געקעכטס וואָס די לייזעראָווע האָט אים דערלאַנגט, הויבט אָן זיך באַוועגן און לסוף זיך אויפגעשטעלט אויף די דאַרע פיס. שפּעטער, אַז די נאַכט איז נאָר וואָס צוגעפאַלן האָט אברהם הויזשעבאָוו אַריינגעפירט לייבעלען צוריק אין געטאָ אַריין, אָנזאָגנדיק אים ער זאָל זיך זען צו היטן פון שמאַיך און פון זיינע מענטשן, וואָס לויערן אויף די שוצלאָזע אָרעמע געטאָ־איינוווינער.

שמאַי אַלפּאָנס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן מער אָנגעזען ביי די דייטשע רוצחים אין לובלין. זיי האָבן אין אים געזען אַ געטרייען מיט־העלפער אין די פאַרברעכנס קעגן די יידן פון געטאָ וואָס זייער צאָל איז געשטיגן פילפאַכיק, ווייל די תליינים האָבן אַהער געבראַכט טויזנטער אַרויסגעטריבענע יידן פון אַזעלכע שטעט ווי דאַנציק, גדיניע, פּיעטריקאָוו, טוירך, וולאָצלאַוועק, טאַרנאָוו, רודניק, דעמביצע, ראָווגע, לובאַשאָוו, פּילץ, סעראָצק, פּלאָצק, פּלוינסק, סטאָצק, פּוריסאָוו, בזשעזשין, וויעלון,

גאָמבין, וואַרקע, דאָבזשין, פּרושקאָוו, סוואַלק און אַפילו יידן פון אויס־לאַנד, וואָס האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל פון די לובלינער יידן. מיטן אָנקומען פון די דאָזיקע יידן איז אין געטאָ אַנטשאַנען אַ מוראדיקע ענג־שאַפט וואָס האָט געבראַכט שרעקלעכע פאָלגן. די נאַצישע הערשער, וואָס האָבן לויט היטלערס באַשלוסן געשאַפן דאָ אין געטאָ אַ מין „יודנשטאַט״ האָבן אינגיכן גענומען זיך אָפּפּאַרטיקן פון די געטאָ־יידן. זיי האָבן אַוועק־געשיקט פּאַרטיעס יידן אין אַרבעטס־לאַגער ביי בעלזשעץ, ווו זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַרום.

שמאי אַלפּאַנס מיט זיינע מיטהעלפער איז געוואָרן אַ צושטעלער פון יידן קיין בעלזשעץ און געמאַכט האָט ער דאָס מיט דער גרעסטער אַכזריות.

ווען שמאי מיט זיינע מענטשן, וועלכע זענען געווען באַוואָפנט מיט מעסערס, מיט שפּיצרוטן און מיט אַנדערע מיני כלי זין זענען אַריינגע־קומען אין אַ שטוב פול מיט טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער איז ער מעשה קיסר אַרויסגעטראָטן דער ערשטער, נעמענדיק דורכפירן זיין אַרט סעלעקציע אָנווייזנדיק מיטן שפּיץ פון דער נאַהייקע אויפן ערשטן קרבן, פלעגט ער זאָגן:

— קעצעלע הויב זיך!

און אַז דער אָנגעוויזענער האָט זיך אַזוי גיך נישט אויפגעהויבן זענען שמאיס מענטשן גלייך אָנגעפאַלן אויף אים מיט די מיאוסע זידל־ווערטער:

— ריר זיך געבאַרעטער זון דער מאַמעס וואָרום מיר מאַכן פון דיר אַ וויסטן תל.

שמאיס מויל וואָס האָט זיך פאַרקרימט פון גרויס כעס אויף די אויסגעהונגערטע און טיף אומגליקלעכע באַשעפענישן האָט נישט אויפ־געהערט צו געבן באַפעלן. דערביי האָבן זיינע מיטהעלפער ווייטער געשיט מיט זידלערייען:

— הויב זיך דו שטיק כאַלערע!

— ליג נישט איינגעלייגט אין דרייען און שטעל אַ פּוס אַ נישט גייסטו שוין אַ גאַנג.

שמאי אַלפאָנס האָט באַפוילן און די פאַרשוינען זיינע האָבן ממש געריסן פאַסן פון די קרבנות.

— מיאוסע נפשות!

— מענדעוועשקעס!

— אַ בראַנד אין די קישקעס!

— אַ בראָך אין די ביינער!

פאַרשריגענע און באַליידיקטע ביז אין די טיפסטע טיפענישן פון דער נשמה זענען די איינוווינער פון דער דירה אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף וועגענער און אָפּגעפירט אין פאָליציייאישן אַרעסט. פונוואַנען זיי זענען נאָך טעג פון פייניקונגען פאַרשלעפּט געוואָרן אין לאַגער ביי בעלזשעץ. דאָרט זענען זיי אין אַ שטיקל צייט אַרום דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס.

די אויסגעליידיקטע דירות זענען שנעל באַזעצט געוואָרן מיט פריש־געבראַכטע יידישע קרבנות. אָפּזיצנדיק אַ חודש אָדער עפּעס מער האָבן די ניי־אָנגעקומענע געמוזט די וווינונגען פאַרלאָזן אונטער די וויסטע קללות פון שמאיס כנופיה.

אין אַ געווויסן טאָג איז שמאי אַלפאָנס מיט זיינע אונטערוועלטניקעס אַריינגעפאַלן ווי די תליינים אין אַ קליין אָרעם שטיבל און דאָרטן צו זיין גרויסע שטוינונג געטראָפן דאָס וווּנדערשיינע מיידל מרימל, דעם טשעכיווער חזנס טאָכטער וואָס ער האָט זי באַגעגנט ביי די קאָשאַרן מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער איז געפאָרן מיט זיין ראָווער איבער דער שטאָט. דערזעענדיק זי אינעם אָפּגעטראָגענעם סיצענעם קליידל מיט די צעלעכערטע שיך אויף די פיס האָט אים אַרומגענומען אַ רחמנות. אוועק־שיקנדיק פון זיך די מיטהעלפער איז ער צו איר צוגעטרעטן גאַנץ נאָענט:

—— דערקענסט מיך מרימל?

—אַוודאי דערקען איך.

— ביזט אויפגעוואַקסן אַ שיינע מויד.

דאָס מיידל האָט זיך פאַררויטלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ׳בין נישט אַזאַ שיינע ווי מען מיינט.

— זאָג איך דיר מרימל, אַז דו ביזט שיין און אַז דו טוסט לויכטן ווי ז׳י זיבן זונען.

און ווירקלעך. טראָץ דער נויט אין וועלכער זי האָט זיך געפונען האָט מרימל טאַקע געלויכטן ווי די זון. איר אַלבאַסטער פּנים מיט די גרינלעכע אויגן האָט אַרויסגעשיינט פון צווישן געדיכטע פּעך־שוואַרצע האָר און דער שלאַנקער קערפּער האָט ווי אַרויסגעקוואָלן פון דעם פּשוטן קליידל, ווייזנדיק בולט די פּאַרקיילעכטע צייטיקע יונגע בריסטן. נאָר די איינגעפאַלענע באַקן מיט די חן־גריבלעך און די בלייכע ליפּן האָבן געזאָגט עדות וועגן גרויסן דחקות אין וועלכן מרימל און אירע טאַטע מאַמע, שוועסטער און ברודער האָבן זיך געפונען.

שמאי אַלפאַנס האָט נישט־אַראָפּלאָזנדיק זיינע אויגן פון דער שיינער מרימל אַ זאָג געטאָן:

— איך, שמאי פאַרזיכער דיר, אַז פון היינט אָן וועסטו שוין מער נישט הונגערן.

און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דאָס לובלינער געטאָ געקאָכט און געברעשט פון דער בשורה אַז שמאי אַלפאַנס האָט גענומען פאַר אַ ווייב די בילד שיינע מרימל וועמען ער האָט באַקליידט און באַנייט מיט די שענסטע קליידער און אויך באַהאַנגען מיט די טייערסטע צירונגען וואָס ער האָט באַוויזן אָנצורויבן ביי די געטאָ־יידן.

דעם טשעכיווער חזן האָט שמאי גענומען אונטער זיין שוץ, באַזאָרגנדיק אים מיט אַ גוטער שטוב מיט גוטע עסנס און מיט אַ גוטע אַרבעט אין געטאָ אַליין רייט שמאי אויף זיין ראַסאָווע פערד איבער די געטאָ־גאַסן, זייענדיק באַוואָפנט מיטן באַגנעט, מיטן רעוואָלווער און מיט דער נאַהייקע. שמאיס פּנים שיינט און די שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען צעטיילט מיט אַ שריינט און געדיכט באַשמירט מיט פּאָמאַדע, גלאַנצן אַקעגן דער זון וואָס שיינט אַריין אין געטאָ.

די איינציקע וואָס ווייזט אַרויס אָן אָפענע אומצופרידנקייט איז גאָלדע

מאַלי, וואָס פירט אָן מיט שמאיס רעסטאָראַן אויף דער צירולניטשע גאַס, ווו עס סטאָלעווען זיך אויך די יעניקע היטלער־לייט וואָס האָבן מיט שמאין געמיינזאַמע געשעפטן. גאָלדע מאַלי קען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז שמאי האָט זי פאַראַטן מיט אַ צווייטע, לאָזנדיק זי אויף דער „פליישבאַנק”. זי ווייזט אַרויס איר פאַרביטערטקייט קעגן מרימל אָנרופנדיק זי הינטער די פלייצעס מיט די ערגסטע נעמען. די ווילדע יונגען טראָגן אונטער שמאין די געמיינע רייד פון גאָלדע מאַלי. שמאי פאַלט אַריין אין כעס און נישט־טראַכטנדיק קיין סך נעמט ער און פאַרטרייבט גאָלדע מאַלין פון רעסטאָראַן און דערצו נאָך טוט ער זי אַריינשמייסן אויף כוח אין דער שלייסעריי פון פעדערן. דאָרט ווערט גאָלדע איינע פון פעלעקס אַרבעטאָרערינס, וועמען ער צווינגט צו אַרבעטן טאָג און נאַכט אונטער די קלעפּ פון זיין נאַהייקע.

לויז ווערבדיק פון גאָלדען האָט שמאי זיך געפילט ווי עס וואָלט אים אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרץ. ער האָט גענומען לעבן, ווי מען זאָגט, אַ „משוגענעם טאָג” מיט זיין שיין יונג ווייבל וועלכע ער האָט ממש פאַרגעטערט. מיטדעם לעדערנעם שפּיצרוט אין איין האַנט און מיט די לייצעס אין דער צווייטער איז שמאי געריטן איבער די געטאָ־גאַסן אויף זיין פערד. די פאַרשמאַכטע יידן האָבן שמאין בעת זיינע רייטערייען אָפּגעטרעטן דעם וועג און ער האָט בשעת מעשה געקנאַקט מיטן שפּיצרוט אין דער לופט און געשמייכלט אונטער די געפלעגטע וואָנצעס פון גרויס הנאה. די שיינע מרימל, אָן אויסגעפּוצטע אין סאַמעט און אין זייד, האָט געשיינט פון נחת און געקוקט האָט זי פון אויבן אַראָפּ אויף די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע פּרויען פון געטאָ, וואָס זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און נויט.

דאָס אַרויסנעמען יידן מיט כוח פון די שטובן און זיי אונטער קלעפּ און מיאוסע רייד איבערגעבן אין די הענט פון די היטלעריסטן, איז אָנגעגאַנגען מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. שמאי און זיינע יונגען האָבן פאַרדרייט די מוחות פון די צום טויט צעשראָקענע יידן און זיי מיט גלאַטע

ריידעלעך איבערצייגט, אַז די אַוועקגענומענע געטאָ־יידן ווערן אַוועקגע־פירט דורך די דייטשן אין אַרבעטס־לאַגערן, ווו זיי לעבן אין גוטע באַ־דינגונגען, האָפנדיק בקרוב צוריק צו קומען מיט געלט אין דער טאַש און מיט צייגענישן אַזעלכע, וואָס פאַרזיכערט זיי נאָכאַמאָל צו נעמען אויף אַרבעט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זענען די אַוועקגענומענע יידן גע־בראַכט געוואָרן אַלס ערשטע קרבנות אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן פון בעלזשעץ און סאָביבאָר, ווו די היטלעריסטישע טויט־מאַשין האָט אָנגע־הויבן איר שרעקלעכע אַרבעט. לובלינער יידן האָבן זיך וועגן דעם דער־ווּסט פון אַן אַנטלאָפענעם לאַגערניק מיטן נאָמען וועוויקע. עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון בעלזשעצער גיהנום קיין לובלין און ער האָט דערציילט וועגן די גרויזאַמע טויטן וואָס די נאַציס פירן דורך איבער יידן.

און אין אַ געוויסער שטאָק־פינצטערער נאַכט אין געטאָ, זענען צוויי פון שמאיס לייט, וואָס האָבן זיך גערעכנט אַלס שמאיס הויפּט־געהילפן, באַפאַלן געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע פאַרשוינען, וועלכע האָבןביידע גוט צעשלאָגן, אונטערגעהאַקט זיי די זייטן און זיי צעבראָכן די ריפּן.

ביידע צעשלאָגענע וואָס זענען צומאַרגנס געפונען געוואָרן אין די „שאַריטקיס" (שטאָטישער שפּיטאָל) האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּייען מיט בלוט און יידן, וואָס זענען אין האַרצן געווען פון דעם צופרידן, זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז ביידנס טעג זענען געציילטע. נאָר ס'איז זיי וויזט אויס נאָך באַשערט געווען צו לעבן. מיט אייניקע וואָכן שפּעטער האָבן זיך ביידע באַוויזן אין געטאָ. אָבער זיי האָבן אויסגעזען ווי אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון קבר. דער דאָזיקער פאַל האָט באַוויזן שמאין און זיינע געהילפן, אַז יידיש לעבן איז נישט אַזוי הפקר ווי ער מיינט און אַז אין געטאָ זענען נאָך פאַראַן מענטשן גרייט צו רעאַגירן אויף זיינע שוידערלעכע, נידערטרעכטיקע מעשים.

שמאי אַלפאָנס, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם אומגעקרוינטן „קיסר" פון געטאָ האָט אָבער נישט געהאַט בדעה אויפצוגעבן זיין מיט־אַרבעט מיט די היטלער־לייט, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אי געלט,

אי כבוד. נאָכן דאָזיקן פאַל האָט ער פאַרשטאַרקט זיין נבזהדיקע טעטיקייט, צונעמענדיק אַלס הויפּט־געהילף דעם משומד זינגער־אַגענט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין פּאָליציי־קאָמענדאַנט אין געטאָ.

זינגער אַגענט האָט געהאַט הינטער זיך יידישע פּאָליציאַנטן וואָס האָבן געהאַלטן אָרדנונג אין געטאָ. מיטן דאָזיקן כוח האָט שמאי אויפּסנייי גענומען ווילדעווען, אַרויסרייסנדיק פון די אָרעמע שטובן, לויטן באַפעל פון די היטלעריסטן, גאַנצע פאַמיליעס. עס האָבן נישט געהאָלפן די וויי־געשרייען פון די אַוועקגענומענע יידן, אויף וועמענס אָרט עס זענען גלייך געקומען אַנדערע יידן פון פּוילנס ווייטע פּראָווינצן, וואָס די נאַציס האָבן איינגעשלאָסן צום דריטן רייך. פון די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך זענען פאַרטריבן געוואָרן יידן און אויך פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך געהאַט דאָרט באַזעצט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

שמאי אַלפאָנס איז איצט נאָך דער מפלה וואָס עס האָבן געליטן זיינע בעסטע געהילפן, געוואָרן נאָך מער פאַרביסענער און געמיינער כלפּי די יידן. לאַנגע שעהן איז ער איצט געזעסן מיט זיינע דייטשן אין רעסטאָראַן אויף דער צירולניטשע גאַס, געמאַכט מיט זיי טריפהנע געשעפטן און דערביי מיט זיי געגעסן און געטרונקען פון שענסטן און בעסטן. די מאכלים מיט די געטראַנקען האָט דערלאַנגט די שיינע מרימל, וועמען שמאי האָט איבער־געאַנדערשט דעם נאָמען אויף מאַרושיאַ. די באַזויפענע דייטשן האָבן קוקנדיק אויף שמאיס שיין ווייבל זי אָנגערופן „שאַף” און „שיינעם ווייבכען”. מרימל האָט זיך פון די דאָזיקע קאָמפּלימענטן גערויטלט ווי אַ יונג מיידעלע און שמאי אָנקוועלנדיק פון זיין שיין ווייבל האָט אויפגעהויבן דעם כוס אין דער הויך:

— פּראָזיט מיינע הערשאַפטן!

און צוגעגעבן האָט ער אויף פּויליש: דאַוואַיטשע פּאַנאָוויע יעשצע ראַז, דרוגי ראַז, טשעצי ראַז;

און איינמאָל זייענדיק באַטרונקען און באַזויפן האָט שמאי מיטאַמאָל דערזען נעבן זיך זיין געוועזענע מעטרעסע גאָלדע מאַלי, וועלכע האָט זיך אָקאָרשט געהאַט צוריקגעקערט פון דער פאַרשאָלטענער פעדערן־שלייסעריי. גאָדלעס האָר וואָס האָבן אַמאָל געגלאַנצט און זיך הויך געטורעמט אויפן קאָפּ ווי אַ שטיק צירונג זענען איצט געווען גראָ, אויסגעצויגן און מאַט. אַ פאַרפּעדערטע און אַ פאַרברודיקטע האָט זי געקוקט אויף שמאין מיט מוטנע אויגן, וואָס האָבן געבעטן רחמנות.

שמאי האָט זיך גלייך אויסגעניכטערט פונעם שיכרות. ער איז צוגעשטאַנען צו איר ווי אַ גזלן:

וואָס טוסטו דאָ גאָלדע מאלי? ווער האָט דיר דערלויבט אַהערצוקומען?

גאָלדע האָט זיך אַזש געבויגן אין דרייען אונטער שמאיס בייזן בליק.

זיי נישט בייז שמאי אויף דיין געטרייער גאָלדען, וואָס האָט פאַר דיר איר לעבן געאָפּפערט.

גאָלדע מאַליס הכנעהדיקע רייד האָבן נאָכמער צערייצט דעם פאַר־צאָרנטן אַלפאָנס.

זאָג גאָלדע, וועלכער רוח האָט דיך אַהער געבראַכט?

— כ׳וועל דיר זאָגן אויב דו וועסט נישט זיין בייז.

שמאי איז געוואָרן אָנגעצונדן פון גרויס כעס.

— זאָג שוין שצערווע, וואָרום איך מאַך פון דיר אַש.

גאָלדע מאַלי האָט זיך געוואָרפן צו שמאיס פיס.

— שלאָג מיך נישט! כ׳בין אַ געשלאָגענע.

— ווער האָט דיך געשלאָגן?

— פעלעק!

— פאַרוואָס האָט ער דיך געשלאָגן?

— סתם אַזוי אָן אַ פאַרוואָס.

— ווו איז ער איצטער אָט דער פעלעק?

די דייטשן האָבן אים איינגעזעצט פאַר גניבה.

— און וואָס איז מיט דער פעדערן־שלייסעריי?

— די פעדערן־שלייסעריי האָט זיך אויפגעלייזט, ווייל עס איז מער נישט געווען קיין פעדערן.

— ווי קומסטו פאַרט אַהער? — האָט שמאי געוואָלט דווקא וויסן.

— די פעדערן־שלייסעריי האָט זיך אויפגעלייזט, ווייל עס איז מער

— די דייטשן האָבן אַלע שלייסערינס צוריקגעשיקט אין געטאָ.

שמאי האָט זיך פאַרטראַכט;

וואָס זאָל איך מיר דיר מאַכן?

— מאַך מיך פאַר אַ קעכין.

די באַזויפענע דייטשן האָבן שמאין צוריק אַוועקגעזעצט צום טיש. זיי האָבן אָנגעפילט די גלעזלעך.

— צום וווּיל, יונגער הער!

גאָלדע מאַלי האָט נישט אַראָפּגענומען אירע מוטנע אויגן פון שמאין.

— מעג איך גיין אין דער קיך אַריין?

— גיי!

זאָגנדיק דאָס האָט זיך שמאי אַלפאָנס אויפסניי אַ נעם געטאָן צום טרינקען גיסנדיק אין האַלדז אַריין איין גלעזל וויין נאָכן צווייטן.

עס איז געווען אַ טיף האַרבסטיקער פאַרנאַכט. נאָך אַ שלאַקס־רעגן ווען דער מיט בליי פאַרגאָסענער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד. פונדערווייטנס, דאָרט ווו עס גייען זיך פאַנאַנדער די וועגן וואָס פירן צו די אַרומיקע דערפער האָט זיך טאָג מיט נאַכט צונויפגעפלאָכטן און פאַרוואַנדלענדיק זיך אין שטיק פינצטערניש, ליכטער, פאַרגעלבטע פון דער האַרבסטיקער נעץ האָבן אויפגעטויכט אין דער לענג און אין ברייט פון דער שטאָט לובלין.

אין דאָזיקן ערב נאַכט האָבן געקרייזט עראָפּלאַנען און זיך מיט געשווינדיקן געלויף אַראָפּגעלאָזט אויפן ברייטן אַספאַלטענעם וועג וואָס האָט געפירט צו דער עראָפּלאַנען־פאַבריק פלאַגאַ לאַשקעוויטש. וועגענער באַלאָדענע מיט געפּעק זענען מיט אַ געטראַסק געפאָרן אויף די שפּיציק שטיינערנע שאָסייען. הילכיקע טריט פון מאַרשירנדע סאָלדאַטן האָבן אין

דער בין השמשותדיקייט אָנגעוואָרפן אַ מורא. לייבעלע פּאָעט האָט אַצינד זיך געשאַרט ווי אַ היימלאָזער הונט איבער די ענגע געטאָ־געסלעך, וועלכע האָבן זיך גענומען אויסליידיקן פון מענטשן. עמיצנס אַ שווערע האַנט האָט זיך מיטאַמאָל אַ לייג געטאָן אויף לייבעלעס דאַרן אַקסל:

— דאָס ביזטו לייבעלע?

— דאָס בין איך און ווער ביזטו?

— דערקענסט שוין נישט קיין גוטן פריינט?

— אין דער פינצטער איז שווער צו דערקענען.

— דאָס בין איך דאָך אברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט דיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

לייבעלע האָט זיך גענומען פאַרענטפערן.

— ווי אַזוי קען מען דערקענען אַ מענטש, אַז מען איז אויף אַזעלכע צרות.

— וואָסערע צרות האָסטו לייבעלע?

— פרעג בעסער נישט.

— זאָג שעם זיך נישט.

האָט לייבעלע גענומען אויסרעכענען זיינע צרות:

— כ׳האָב שוין צוויי טעג נישט געגעסן, כ׳האָב נישט ווו צו שלאָפן און כ׳ווער געפרוירן פון קעלט, ווייל כ׳האָב נישט קיין וואַרעם מלבוש אויפן גוף.

— דאָס איז אַלץ, לייבעלע?

— דאָס איז נאָכנישט אַלץ.

— וואָס נאָך?

כ׳בין טויט קראַנק.

— וואָס איז דיר?

— פעלעק פון דער פעדערן־פאַבריק האָט מיך גוט צורעכט געמאַכט.

און לייבעלע האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי עס באַפאַלט אים פון צייט צו צייט די קרענק וואָס הייסט „הינער־פלעט״, ווי אַזוי עס נעמט אים

מישן אין מוח ביז ער פאַלט אַוועק אין חלשות און קען זיך לאַנג נישט אויפוועקן.

אברהם הויזשעבאָוו איז געוואָרן גערירט ביז טרערן פון לייבעלעס צרות. אַ גרויס רחמנות האָט אים אָנגעכאַפּט ווען ער האָט געקוקט אויף דעם דאַרן לייבעלע וואָס פּאָכעט ממש מיט דער נשמה.

אברהם הויזשעבאָוו האָט אַרויפגעלייגט זיין שווערע באַלעגאָלישע האַנט אויף לייבעלעס דאַרן אַקסל און אַ זאָג געטאָן:

קום מיט מיר. וועלן מיר זען עפּעס צו טאָן פאַר דיר. ער האָט לייבעלען אַוועקגעפירט צו זיך אַהיים אויפן „טשאַטיק”, ווו ער האָט צום ערשטנס אים געגעבן עסן אַ זופּ מיט אַ פּעניצל ברויט, אַ מייערל, אַ שטיקלקאַליפיאָר און אַ פּאָר יענגאָלקעס וואָס ער האָט נאָך סוכות־צייט געהאַט איינגעהאַנדלט ביי גויים פאַר גוט געלט.

אַזוי ווי אין אברהם הויזשעבאָווס ענגן שטיבל, ווו עס האָבן געוווינט דריי פאַמיליעס מיט קינדער, איז נישט געווען קיין אָרט צו שלאָפן פאַר לייבעלען, האָט ער אים אַוועקגעפירט וויטער אין אַ הויף, וואָס איז געווען באַלייגט מיט שטיבלעך אַרום און אַרום. אין איינעם אַזאַ שטיבל די גרויס פון דלת על דלת, האָט לייבעלע געפונען אַן אָנשפּאַר פאַר זיין אויסגעדאַרטן גוף, וואָס האָט זיך חדשים אויף געוואַלגערט הינטער שטיגן אין נעץ און אין קעלט.

דאָס שטיבל ווו לייבעלע פּאַעט איז אַריינגעפירט געוואָרן איז געווען אַ באַהאַלטן בית מדרשל, ווו פרומע יידן זענען זיך אין געהיים צונויפגעקומען כדי צו לערנען תורה און בעטן דעם אל עולם ער זאָל העלפן די בני ישראל, ווען היטלער וויל אָפּווישן פון דער ערד־אויבערפלאַך.

עס איז געווען בין השמשות, ווען אין דער ערב־נאַכטיקייט נעמען זיך אויסלייגן שאָטנס אויף די ווענט און ווען די אָנקומענדיקע פינצטערניש טוט איינהילן די פאַרזאַמלטע ווי מיט אַ געדיכטן טונקעלן שלייער.

די יידן, וועמענס איינגעפאַלענע בלייכע פנימער און אויגן פולע מיט שרעק זאָגן עדות וועגן יסורים, פּיין און צרות, דאַוונען אָפּ מנחה אין דער

שטיל און זעצן זיך אויס ענג אַרום דעם בעל תפילה מרדכי יעקב, וואָס טוט מיט זיי לערנען אויף אויסנווייניק אַ פרק משניות, אַ שטיקל עין יעקב און באַוווסטע שטעלן פון דער גמרא. ווען די נאַכט האָט אַלעמען פאַרהילט האָט מרדכי יעקב אָנגעהויבן דעם גמרא שיעור פון מסכתת סנהדרין, ווו עס ווערט דערציילט: שלושה שנכנסו לפרדס ולא יצאי: דהיינו, דריי, וואָס זענען אַריין אינעם פרדס און זענען נישט אַרויס צוריק. וואָס מיינט דאָס? און כדי אויפצוקלערן טיפער די זאַך ברענגט גלייך מרדכי יעקב אַ ראיה פון דער גמרא חגיגה, שטעלע עין דורשן, ווו עס ווערט געזאָגט: ארבעה נכנסו לפרדס. אחד יצא ושלושה לא יצאו. און מרדכי יעקב טייטשט גלייך אויס די דאָזיקע אַנדערשטיקע גמרא־שטעלע: דער איינער, וואָס איז יאָ אַרויס פון פרדס, איז געווען דער גרויסער תנא ר׳ עקיבא, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון רוימישן קיסר אַדריאַנוס, וועלכער, ווי אַלע גרויסע יידן־פיינט האָט געוואָלט אויסרייסן דאָס יידישקייט מיטן שורש. ר׳ עקיבא, וואָס האָט מיט נאָך תנאים צונויפגעשטעלט די תורה שבעל פה, די משנה, די תוספות, איז געווען אַ געטרייער אָנהענגער פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד, וואָס איז דורכגעפאַלן און די רוימער האָבן אים דערפאַר איינגעזעצט אין תפיסה, ווו ער איז שפּעטער פאַרפייניקט געוואָרן אויף טויט צוזאַמען מיט די עשרת הרוגי מלכות.

מרדכי יעקב וואָס האָט באותו רגע פאַרגעסן אין אַלע צרות, איז אַריין אין טראַנס פון לערנען: רבותי! — האָט ער אַ זאָג געטאָן — איר זאָלט נישט מיינען, אַז דאָס איז געווען סתם אַ פרדס ווו עס וואַקסן ציטרוסן. דאָס איז די וועלט די גרויסע מיט אַלע אירע שלעכטיקייטן, גוטקייטן און אויך מיט ברידערלעכער ליבשאַפט. מרדכי יעקב האָט פאַרגעזעצט: דער איינער וואָס איז אַריין און נישט אַרויס פון פרדס איז געווען אלישע בן אביה, גערופן (אחר) וועלכער איז, ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא אַרויס לתרבות רעה און אַ סברא, אַז די איבעריקע צוויי, וואָס זענען אויך נישט אַרויס פונעם פרדס זענען געווען בן־עזה און בן זומא.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט וואָס אַמאָל טיפער. די יידן האָבן

איינציקווייז פאַרלאָזט דאָס געהיימע בית מדרש שטיבל. מיט גרויס פאַרזיכט זענען זיי געגאַנגען אַהיים דורך די פינצטערע ליידיקע געסלעך פון „טשאַטיק”, ווו עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט די גאַנצע אָרעמקייט פון געטאָ. פון ווייט האָט זיך אַהער דערטראָגן דער רעש פון די גויאישע גאַסן, אויף וועלכע עס האָבן געשפּרייזט די היטלער־דייטשן מיט זייערע גוטע פריינט פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, לאַטישן און מאָלדאַוויער, וועלכע זענען אַהער געקומען העלפן אויסראָטן די יידן. אַהער אויפן „טשאַטיק” האָט זיך אויך דערטראָגן דער רעש פון לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן אַוודאַי געפירט קיין דייטשלאַנד דאָס יידישע אָנגעראַבעוועטע האָב און גוטס, וואָס ליגט אָנגעוואַלגערט אין גרויסע הויפנס אין די מאַגאַזינען. פון דעם פאַרמעגן געניסן אויך די פוילישע צוהעלפער, וועלכע לעבן מיט דער זיכערקייט, אַז עס וועט זיי אונטער דער דאַזיקער יידן־פיינטלעכער הערשאַפט גאָרנישט פעלן. וואָרום זיי, די היטלער־לייט, באַציִען זיך אַצינד גוט צו פּאָליאַקן.

צום „טשאַטיק” וואָס ליגט איצטער ווי פאַרשטעקט פון דער שטאָט, טוען זיך אויך דערטראָגן די געדערדערייען פון די שפּאַצירנדע שקצים און שיקסעס. אויך הערט זיך די שווערע טריט פון געקאָוועטע זעלנערישע שטיוול אַרום דעם געשלאָסענעם געטאָ. די דייטשן האָבן אויפגעפּאַסט ס'זאָל קיינער פון די קרבנות נישט אַנטלויפן. די מערדערישע שומרים ווערן באַגלייט דורך די בייזע שפּיר־הינט. זייער געבררום לאָזט זיך הערן אויפן טשאַטיק ווי אַן אָנזאָג פון אַלדאָס שלעכטס.

ווייזט אויס, אַז דאָרטן, אויף די גויאישע גאַסן גייט נאָך אָן דאָס לעבן מיט אַלע זיינע דערשיינונגען. אָט לאָזט זיך הערן אַ הירזשעריי פון פערד, איינגעשפּאַנטע אין דראָביאַנאַסטע וואָגנס, דאָס ריטשן פון אָקסן און קי, וואָס ווערן געטריבן דורכן וואָלער ברייטן וועג צום שעכט־הויז, און דער געקנאַל פון ביקסן־שיסעריי, וואָס דערטראָגט זיך אַהער פון וווייטן ווייט.

אויף צומאָרגנס, ווען די יידן פון געהיימען בית מדרשל זעצן זיך ווידער כדי צו הערן אַ גוט וואָרט נעמט מרדכי יעקב פאַרענדיקן די נעכטיקע תורה לערנענדיק אַזוי דעם פּשט: נאָך זאָלט איר וויסן זיין מיינע

ליבע יידן, אַז פונקט ווי דאָס מלכות הרשע רוים, וואָס האָט אַזוי ווי די היינטיקע רוצחים, געמאָרדעט און געפייניקט יידן, ווילנדיק ליקווידירן דאָס פאָלק ישראל — איז אונטערגעגאַנגען אַזוי וועט אויך אונטערגיין דאָס רשעותדיקע נאַציזם, וואָס איז נאָך ערגער. די אַמאָליקע רוימער האָבן בלויז געוואָלט אַוועקנעמען ביי די יידן דעם גלויבן אין גאָט, אָבער זיי די היטלער־רוצחים דאַקעגן פלאַנירן די אויסראָטונג פון כלל ישראל. מרדכי יעקב האָט גענומען באַגייסטערט רעדן וועגן גרויסן תנא ר׳ עקיבא, וועמען די רוימער האָבן געקעמט דאָס לייב מיט אייזערנע קאַמען און צום סוף אים אומגעבראַכט נישט קענענדיק אַרויפצווינגען אויף אים דעם רוימישן גלויבן. פאַרענדיקט האָט מרדכי יעקב מיטן רוף: נישט פאַרצווייפלען נאָר זיך האַלטן ווי ווייט מעגלעך אין דער אמונה וואָס ברענגט האָפענונגען אויף בעסערע צייטן.

די דאָזיקע רייד האָבן אויף אַזוי פיל גערירט די צוהערער, אַז זיי האָבן גענומען דאַנקען פיל מאָל. אַמיינסטן האָט געדאַנקט אַברהם הויזשעבאָוו, וואָס האָט די גאַנצע צייט געהערט מיט קאָפּ און איז צוגעטראָטן צו מרדכי יעקבן מיט אַ שיינענדיק פּנים:

— אַ יישר כוח אייך פאַרן גוטן רעדן.

מרדכי יעקב פון זיין זייט האָט אברהמען באַדאַנקט פאַר דער אויפ־מערקזאַמקייט וואָס ער שענקט פאַרן בית מדרשל און דרך אגב אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס דערציילסטו עפּעס אברהם? ביזט דאָך, ווי כ׳ווייס, אַ נייעס־ברענגער.

זיכער האָב איך וואָס צו דערציילן —— האָט געענטפערט אברהם און גענומען דערציילן ווי אַזוי די פאַרשאָלטענע היטלעריסטן טוען אומברענגען אין די טויטן־לאַגערן אַלע יידישע מלחמה־געפאַנגענע, ווי אַזוי די געסטאַפּאָ־ווצעס מאָרדן און פּייניקן די אַרעסטירטע יידן, ווערלנדיק ביי זיי אויספּרעסן וואָס מער געלט און גאָלדענע חפצים, וואָס איז שוין לאַנג נישט פאַראַן ביי די געטאָ־יידן. אברהם הויזשעבאָוו האָט אויך דערציילט וועגן שמאי אלפּאַנס

און זיינע חברים, וואָס האַלטן די געטאָ־יידן אין קלעם דינענדיק די היטלעריסטן.

אברהמ׳ס דערציילונגען האָבן טיף דערשיטערט די פאַרזאַמלטע וואָס האָבן נישט ווייניק צרות מיטגעמאַכט און מאַכן נאָך איצטער אַדורך אין די ביטערע טעג. כמעט יעדער פון זיי האָט אין דער דאָזיקער צייט פאַרלוירן נאָענטע משפחה־מיטגלידער. ביי איינעם האָט מען אַוועקגענומען אַ זון און מען ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. ביי אַ צווייטן איז אַוועקגעקומען אַ טאָכטער וואָס די דייטשן האָבן זי דערשאָסן, ווען זי האָט אַריינגעשמוגלט אין געטאָ אַ ביסל שפייז.

אברהם הויזשעבאָוו האָט אויך נישט פאַרגעסן צו דערציילן, אַז די היטלעריסטן בויען איצטער נעבן דערפל מיידאַן, אַ ריזיק גרויסן קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, וואָס וועט זיין מסוגל צו פאַרשלינגען אָן אַ שיער קרבנות. די צוהערער האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. זיי האָבן מיט אויגן פולע מיט צער געבליקט אין דער זייט פון מרדכי יעקבן ווי זוכנדיק ביי אים אַ טרייסט און ער האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן: לאָמיר זיך ליבע מענטשן נישט מייאש זיין און זיך ליבערשט האַלטן אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר יידן; וואָרום נישט לאַנג נאָך וועט אָנהאַלטן אָט די בייזע הערשאַפט. זייער ווייסטער סוף איז שוין פאַרויסצוזען.

דערויף האָבן די צוהערער אויסגערופן פּה אחד:

— אמן!

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן!.

מרדכי יעקב נבואות זענען אָבער דערווייל נישט מקוים געוואָרן. די היטלער לייט האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטער אַריינרייסן אין געטאָ, גערויבט און געפּלינדערט, געשלאָגן און געהרגעט מיט ווילדער סאַדיסטישער הנאה. לסוף האָבן זיי געכאַפּט יידן פון די שטובן אַרויס, אַוועקגעפירט זיי אין די אַרבעטס־לאַגערן, טראַווניק, פּאָניאַטאָוו און ליפּאָווי. דאָרט האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין איבערמענטשלעכע פּייניקונגען און זענען אויך אומגעקומען מיט די ערגסטע טויטן.

די רוצחים האָבן אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט די יידישע קינדער פון יתומים־הויז, האָבן צעשטערט די ביליקע גאַרקיך, וואָס איז אויסגעהאַלט געוואָרן דורכן יודנראַט און מערדערלעך צעשלאָגן די אָנגעשטעלטע.

די דאָזיקע רציחות, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע וואָכן, האָבן אָנגעוואָרפן אַ מוראַדיקן פחד אויף די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אין די ענגע שטיבלעך און נישט געהאַט קיין ביסל ברויט אויף צו קענען דערהאַלטן די נשמה.

דערווייל זענען פון דעם היטלעריסטישן רייך אָנגעקומען ידיעות וואָס האָבן אַרויסגערופן זאָרג און פחד. מען האָט דערציילט, אַז אין דער דייטשער הויפּט־שטאָט בערלין זענען זיך צונויפגעקומען די היטלעריסטישע גדולים און האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון היידריכן וואָס האָט גערופן צו דער טאָטאַלער יידן־אויסראָטונג. דאָס רעאַליזירן דעם פּלאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם בלוט־דורשטיקן אַדאָלף־אייכמאַן. ער האָט פאַר דעם צוועק געשאַפן אַ געהיימע אָפּטיילונג ביים רייכס זיכערהייטס הויפּט אַמט, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצוגרייטן די טויט־קאָמבינאַטן אין אוישוויץ, מיידאַנעק, כעלמנאָ און אין אַנדערע לאַגערן.

אין אָנבליק פון דאָזיקן טייוולאַנישן, אַזוי גערופענעם, „וואַנזעע־פּלאַן" איז אויף די יידן פון לובלינער געטאָ אָנגעפאַלן אַ טויט־שרעק. די דערוואַרטונג האָט ווי פּאַראַליזשירט דאָס געטאָ. יידן אויסגעמאָגערטע פון כסדרדיקן הונגער און אויסגעמוטשעטע פון פּיין און ליידן, האָבן זיך ווי די שאָטנס געשאַרט אין די ענגע געסלעך. זיי זענען ווי פאַרשטאַרטע געזעסן אין די קליינע שטיבלעך דערדריקט און פאַרצווייפלט. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט מרדכי יעקב פאַרגעזעצט צו לערנען תורה מיט די יידן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום אים און זיך אין אים געקלאַמערט, ווי עס קלאַמערן זיך קינדער אַרום אַ טאַטן. מרדכי יעקב האָט פאַר זיי געשילדערט אין העלע פאַרבן דעם גן עדן וואָס איז אָנגעגרייט פאַר יעדן איינעם ייד, וועלכער גלויבט נאָר אין בורא עולם און ווייכט נישט אָפּ פון זיינע וועגן.

כדי שמאי׳ס לייט זאָלן נישט שטערן דאָס לערנען האָט אברהם הויזשעבאָוו זיך געשטעלט ביי דער טיר ווי אַן אמתער שומר.

מרדכי יעקב האָט דערציילט דרך אַגב וווּנדערלעכע מעשיות פון באַוווּסטע רביים, פון גרויסע צדיקים, וועלכע האָבן געהאַט אַ פרייען צוטריט צום רבונו של עולם און געקענט ביי אים אָפּשרייען די ערגסטע גזירות אויף יידן. מיט אַ שיינער שפּראַך האָט ער פאַר די פאַרזאַמלטע געשילדערט חומש־געשיכטעס און אויך אויפגעקלערט שווערע שטעלן פון תלמוד און פון אַנדערע ספרים, וואָס זענען געוואָרן אָנגעשריבן דורך די גדולי הדור.

רחל זיין ווייב, וועלכע האָט שטאָלצירט מיט אַזאַ מאַן, האָט זיינע געטרייע צוהערער מכבד געווען מיט נישט־געצוקערטן טיי און פאַרבייסעכץ געמאַכטע פון בוראַקעס, וואָס אברהם הויזשעבאָוו האָט איינגעהאַנדלט מחוץ דעם געטאָ פאַר גוט געלט. די צוהערער האָבן מיט גרויס הנאה געגעסן פון כיבוד און געזאָגט דערביי, אַז שוין לאַנגע חדשים האָבן זיי אַזאַ גוטע זאַך נישט געהאַט אין מויל.

אינצווישן איז צו די יידן אין געטאָ דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער פאַרענדיקונג פונעם פאַרניכטונגס־לאַגער מיידאַנעק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון געכאַפּטע געטאָ־יידן ווי אויך מיט דער הילף פון די יידישע געפאַנגענע, וואָס די היטלעריסטן האָבן אַהערגעבראַכט פון אַלע עקן לאַנד נאָך דער מלחמה מיט פוילן.

ווייטערדיקע ידיעות וואָס זענען דערגאַנגען צו די יידן האָבן דערציילט וועגן ברענענדיקע אויוונס, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין מיידאַנעק און אין וועלכע די נאַצישע תליונים פאַרברענען די טויטע, וואָס ווערן דורך זיי אומגעבראַכט מיט אַלע מיתות משונות. די דאָזיקע ידיעות און אַלע אַנדערע גרויליקע קלאַנגען וואָס זענען אָנגעקומען אין געטאָ האָבן אין די יידישע הערצער פאַרלאָשן דעם פונק פון האָפנונג צו בלייבן לעבן. דער פאַקט וואָס אין געטאָ האָבן זיך געמערט די נאַצישע אָנפאַלן אויף יידן און דאָס וואָס פון געטאָ ווערן טאָג־טעגלעך אַוועקגעפירט צענדליקער יידן קיין

מאַידאַנעק האָט אויף אַזוי פיל פאַרשטאַרקט די פּאַנישע שרעק, אַז ײדן האָבן זיך גענומען פאַרשטעקן און אויך געבויט אין געהיים אונטערערדישע בונקערס כדי אין זײ זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די מערדער.

לײבעלע פּאָעט, װאָס האָט נישט געהאַט װוּ זיך צו באַהאַלטן האָט נישט אײנמאָל צוליב זײן מאָגערקײט און קלײנעם װוּקס זיך אַרויסגעגליטשט פון די נאַצישע הענט בעת די געיעגן אויף ײדן.

אײנמאָל אין אַ קיל־האַרבסטיקן טאָג האָט זיך לײבעלע פּאָעט פאַר־זיכטיק צוגעשאַרט צו די שטעכיקע דראָטן װאָס האָבן פאַרצוימט דעם טשאַטיקער באַרג הינטער װעלכן עס האָט זיך אָװעקגעצויגן דער שפּיציק שטײנערנער װאָליער שאָסײ, װאָס האָט געפירט דורך לענטשנע פּינטשעװ אַזש צו די קרעסן (װאָלין). שטײענדיק אַזוי געבויגן בײ די דראָטן, האָט לײבעלע געזען דורכפאָרן אויפן שאָסײ אָן אַ שיער מיליטערישע װעגענער, אָנגעפּילטע מיט כל המינים געװערן. די רעדער האָבן הילכיק געקלאַפּט איבערן שטײנערנעם ברוק און בײ לײבעלען האָט זיך אין אָנבליק פון דעם אויסגעפּאַרעמט אַזאַ מין ליד:

בראַנזענע קוגלן
אײזערנע פלעשער
האַרמאַטן־קוילן און
מיט פּולװער פולע פעסער
אויף צו פאַרטיליקן אַלץ
װאָס אויף דער ערד.

דער האַרבסטיקער טאָג האָט זיך גענומען לאַנגזאַם נויגן צום װײטן װײט. שװערע װאָלקנס אָנגעלאָדנטע מיט װינט און רעגן האָבן זיך געטראָגן איבערן הימל, פאַרדעקנדיק שטיקער רוים מיט פינצטערקײט. לײבעלע פּאָעט האָט זיך צוריק אַרײנגעשאַרט אין ענגן געפּלעכט פון די שטיבלעך,

וואָס זענען ווי אבלים געשטאַנען איינגעקאָרטשעטע אָנגעפּילט מיטן שרעק וואָס האָט זיך פֿאַרטייעט אין גאַנצן געטאָ־שטח.

דאָס געטאָ האָט געצאַנקט ווי דאָס אויסגייענדע ליכטל. די אימה פֿאַרן אומגליק וואָס עס האָבן געגרייט די היטלער־מערדער האָט איינגאַנצן פֿאַראַליזשירט דאָס געטאָ מיט אירע איבער זעכציק טויזנט יידן, וועלכע זענען געווען איינגעקוועטשט אין אַ פּאָר צענדליק פֿאַרהויקערטע געסלעך מיט הייזלעך וואָס זענען פֿון אַלטקייט געווען נוטה איינצופֿאַלן נאָך יעדן גאָס רעגן אָדער שטאַרקן ווינט. דער הונגער האָט געפּייניקט. דאָס שרעק־לעכע געפֿיל, אַז אָט אָט קומט די ליקווידאַציע, האָט אויף אַזוי פֿיל דערשלאָגן די יידן, אַז זיי האָבן פֿאַרלוירן דעם ווילן צו טאָן עפּעס פֿאַרן טעגלעכן געברויך. ביינאַכט איז דאָס געטאָ געווען איינגעהילט אין פֿינצטערניש. וואָלקנס האָבן פֿאַרדעקט דעם הימל און די האַרבסטיקע ווינטן האָבן געריסן די לופֿט מיט פּייפֿנדן געיאָמער ווי זיי וואָלטן געוויינט אויפֿן גרויסן בראָך וואָס איילט צו קומען אָט שוין אויף די אומגליקלעכע יידן.

צום אָנקומענדיקן אומגליק האָבן די היטלער־מערדער אָנגעהויבן אַ בלוטיקן פֿאָרשפּיל. זיי פֿלעגן זיך אַריינרייסן אין געטאָ ווי די ווילדע חיות און געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט די אויטאָמאַטן און עס זענען געפֿאַלן טויטע און פֿאַרוווּנדעטע. צו דעם אַלעמען האָבן זיי נאָך מיט דער הילף פֿון שמאַיס פֿאַרשוינען און זינגערס פּאָליציסטן אַרויסגעפֿירט פֿון געטאָ פֿאַרטיעס יידן, טרייבנדיק זיי אונטער שיסערייי־געקנאַל און געשווישצעריי פֿון נאַהייקעס קיין מיידאַנעק, פֿונוואַנען מען קערט זדי נישט צוריק.

אַ וויסטע קלאָג האָט זיך געטראָגן פֿון די געטאָ־שטיבלעך. טאַטעס מאַמעס און קינדער האָבן געקלאָגט אויף זייערע נאָענטסטע, וועמען די דייטשן האָבן פֿאַרשפּאַרט אין אָקאָרשט אַנטשטאַנענעם טויטן־לאַגער, וואָס שלינגט איין הונדערטער קרבנות אין איין טאָג. די יידן האָבן אין אָנבליק פֿון די דאָזיקע רציחות נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן און ווי אַזוי אויסמיידן די אַלע צרות, וואָס האָבן זיך געשיט אויף די יידישע קעפּ.

צווישן די אַלע אומגליקן האָט זיך לייבעלע פּאָעט אַ דערשראָקענער צום טויט, געשאַרט ביי די וועגט זוכנדיק ווי אַזוי אַנטרינען פון די נאַצישע נעגל. פון צייט צו צייט איז לייבעלע אַליין נישט ווּיסנדיק ווי אַזוי אַריינגעפאַלן אין אַ מין הינטערפלעט, בלייבנדיק ליגן ערגעץ הינטער אַ פלויטל אַ טיף פאַרחלשטער. קומענדיק צו זיך איז לייבעלע אַוועק צו זיין גוטן פריינט, דעם אַלטן פעלדשער שפּאַק, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין איינעם פון די האַלב־חרובע טשאַטעקער הייזלעך. דער אַלטער פעלדשער האָט באַטראַכט לייבעלען און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ: — לייבעלע, ביזט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ בייזער קרענק וואָס הייסט אויף יידיש גערעדט מוח־באַשעדיקונג.

— כ׳ווייס ווער עס האָט מיר אָנגעמאַכט די קרענק.

— ווער איז דאָס געווען?

— פעלעק, דער אויפזעער פון דער פעדערן־שליסעריי, וועלכער האָט מיך געשלאָגן איבערן קאָפּ מיט זיין בלייענער נאַהייקע. — און לייבעלע האָט פאַר זיין גוטן פריינט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, דערציילנדיק אים ווי אַזוי שמאי אַלפאָנס מיטהעלפערס האָבן אים געכאַפּט אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף און צוזאַמען מיט אַנדערע געכאַפּטע אַוועקגעפירט צו די היטלעראָווצעס ווו ער איז שיער נישט פאַרפייניקט געוואָרן.

עס איז געווען אַ שנייער ווינטער־טאָג. אַ טאָג מיט אַ לייכטנדיקער זון אין הימל און מיט ווייס־בלענדנדן שניי אויף דער ערד, וואָס איז געווען פאַרפרוירן און האָט זיך ווי געקרישלט אונטער די פיס פון די גייער. דאָס איז געווען נאָך אַ רייע בלוטיקע אַקציעס, ווען די שאָסן פון דייטשע אויטאָמאַטן האָבן פאַרהילכט די לופט און דאָס בלוט פון די דערשאָסענע יידן האָט רויט געמאַכט די שטיינער פון די ענגע געטאָ־געסלעך. אַ זעלטע־נער טאָג איז עס געווען. אָן שיסעריען און זוכענישן מצד די געסטאַפּאָ־לייט אין די פאַרחושכטע שטיבלעך און אָן די פלאַקאַטן אויף די גאַסן־סלופּעס, וועגט און מויערן. דאָס זענען געווען באַקאַנטמאַכונגען אויף

וועלכע עס זענען אָנגעזאָגט געוואָרן אויף דייטש און אויף פּויליש נייע גזירות פאַר די האַלב־פאַרפייניקטע יידן.

האָבן זיך אין דעם דאָזיקן זעלטענעם ווינטער־טאָג אַרויסגעלאָזט אויף דער פרישער לופט באַהאַלטענע מענער, פרויען און קינדער, מיטן ציל איינצוהאַנדלען, ווען עס וועט זיך לאָזן, אַ ציבעלע, אַ מייערל, אַ פּאָר קרויט־בלעטער, אַ מעסטעלע אַרבעס, אַ קאַרטאָפל און אויך, אויב עס וועט צושפּילן דאָס מזל, אַ שטיקל פאַרדאַרט ברויט.

לייבעלע פּאָעט האָט אויך אין דעם דאָזיקן טאָג זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין באַהעלטעניש. גייט ער אַזוי איבער דער לובאַרטאָווסקע גאַס, דרייט זיך אַריין אין דער רוסקע גאַס, פון דאָרטן אין דער יידן־גאַס, וואָס איז פאַרפולט מיט פאַרבייגייער. מיטאַמאָל ווערט די גאַס אויפגעציטערט פון בהלהדיקע געשרייען:

— יידן אַנטלויפט!

— געסטאַפּאָ קומט!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש דורך הויפן, איבער פאַרקאַנעס און דורך מויערן־לעכער. לייבעלע פּאָעט איז מיט אַלע כוחות אַריבער־געשפּרונגען אַ פאַרקאַן, איז דורך דער פאַרקאַקטער בראַם אַריין אין שמאָלן ענגן געסל, ווו עס האָט זיך געפונען די שול פון שאול וואַהל. פון דאָרטן איז ער אַריבער אויף דער קראַוויעצקע. פון דער קראַוויעצקע איז ער צוריקגעלאָפן אין איין אָטעם צוליב די שאָסן וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אויף דער דאָזיקער גאַס און איז אַריינגעקראָכן דורך אַ מויער־לאָך אין אַ הויף, ווו עס האָט זיך געהאַט געפונען די יידישע באָד מיט דער וויבערישער מקוה. דער הויף איז געווען באַלייגט מיט האַלצערנע קעמערלעך, אָנגעפילטע מיט צעבראָכענע מעבל־שטיקער, שטולן, בענק, קאָמאָדעס, צענומענע בעטן און שענק. דאָס אַלץ האָט געהערט צום יידן־ראַט. לייבעלע האָט זיך מיט זיין קליינעם דאַרן גוף פאַרשטופּט צווישן אַ שטויס צעבראָכענעם מעבל און אָפּכאָפּנדיק דעם אָטעם נאָכן האַסטיקן אַנטלויפן איז ער עפּעס משונה מאָדנע איינגעשלאָפן. לייבעלען האָט זיך געחלומט ווי ער פאַלט אַראָפּ פון

אַ הויכן באַרג אין אַ טיפן טאָל. דער טאָל עפנט זיך און ער, לייבעלע, זינקט אין אַן אומענדלעכן פינצטערן תהום. זינקענדיק אַזוי אינעם תהום זעט ער ווי מונדירטע דייטשן מיט טויטן־קעפּ אויף די היטלען שטעלן אַן אויף אים אויטאָמאַטישע געווערן, גלאַנצנדיקע ביקסן וואָס שיסן מיט פייער. די קוילן פליִען פאַרביי אים מיט אַ סווישצעריי און ער אַליין פאַלט און פאַלט אַלץ טיפער און טיפער... אין אייניקע טעג אַרום האָט אברהם הויזשעבאָוו, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער גרויסער מצווה פון ברענגען מתים צו קבר ישראל, אַרויפגענומען לייבעלעס גוף אויף זיין פלאַטפאָרמע און פאַרנדיק צום נייעם יידישן בית עלמין דורכן זאַמדיקן וועג איז ער אָפּגעטראָטן ביי דער לייזעראָווע אין דער קאָשציפאַלנע כדי דאָרט אויסצוטרינקען אַ ביסל פון דעם היימישן סאַמאַגאָן, וואָס די גויים רופן עס אַן „בימבער״ און וואָס האָט זיך מעשה פּלא אויפגעהאַלטן אין אַ פלעשל ביי דער לייזעראָווע. פונקט האָבן זיך ביי דער לייזעראָווע געפונען די יידישע באַגרעבער, וועלכע האָבן איידער וואָס ווען באַקוקט דעם טויטן לייבעלע.

— זעט נאָר דאָס דרויבעלע — האָבן די באַגרעבער אַ זאָג געטאָן.

— האָט נישט אַפילו אויף זיך קיין לויטל פליש. סאַמע הויט און ביינער.

אברהם הויזשעבאָוו האָט זיך אַריינגעמישט אין די רייד פון די באַגרעבער.

— זייט וויסן יידן, אַז אָט דאָס דאַרינקע מענטשל וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם בורא עולם די נשמה איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ פּאָעט.

דאָס הייסט אַ לידל־שרייבער. — האָבן די באַגרעבער געגעבן צו פאַרשטיין.

— אַזוי הייסט עס טאַקע.

— און ווו זענען זיינע לידער ?

— ער האָט זיי מן הסתם באַהאַלטן ערגעץ אויפן טשאַטיק.

די לייזעראָווע האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט. — אברהם — האָט זי

אַ רוף געטאָן. איז דאָס נישט אַמאָל דער זעלבער לייבעלע וואָס דעמאָלסט?
— דאָס איז ער טאַקע.

די זון אין הימל האָט זיך גענומען זעצן און פאַרגיין ווי אַ רויטע פייערדיקע קויל אויף מזרח זייט דאָרט ווו עס האָבן נאָך נישט געטראָטן די נאַצישע באַנעגלטע שטיוול.

דער טויט פון קדושים

והייתם לי קדושים, כי קדוש אני אלוהיכם

אין דעם אייז־קאַלטן נאָוועמבער־טאָג, האָט אַ מאַסע פון איבער צוואַנציק טויזנט יידן געשפּרייזט צום טויט דורך די פאַרשנייטע לובלינער גאַסן, פאַרביי צעיושעטע און אונטערגעהעצטע גויים, וואָס פון זייערע אויגן האָט ממש געשפּריצט די ווילדע שנאה לגבי דער אומגליקלעכער, צום טויט פאַרמשפּעטער יידישער עדה, מיט וועלכער די זעלבע גויים האָבן אַ סך יאָרן געלעבט אונטער איין דאַך.

שוין אין די פרימאָרגן־שעהן איז דער גרעסטער טייל יידן פון געטאָ אַרויסגענומען געוואָרן פון די שטובן מיט דער הילף פון באַוואָפנטע עס־עס־לייט און זייערע געהילפן די אוקראַינער, ליטווינער, לעטן, עסטאָניער און פאָליאַקן. זיי האָבן די יידן אַרומגערינגלט ווי אַ מויער און געטריבן צוערשט אין דער מהרש״ל שול, וואָס האָט געדינט די מערדער ווי אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט.

שפּעטער ווען צו די דאָזיקע יידן זענען צוגעקומען ווייטערדיקע טויזנטער יידן האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש צום טויט. דער מאַרש האָט געפירט דורך די גאַסן שעראָקע, רוסקע און קאַלינאָוושטשיזנע. דאָס איז דער ברייטער וואַליער וועג, וועלכער ציט זיך אַוועק איבער דער לובלינער פאַרשטאָט וואָליע צום שעכט־הויז און ווייטער צום קרעמפּיצער וועלדל, ווו עס זענען שוין געווען אָנגעגרייט פאַר זיי מאַסן־קברים. וואָליער גויים, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צום דאָזיקן טויטן־מאַרש האָבן שפּעטער דערציילט, אַז דער ברייטער וועג איז געווען פאַרזייט מיט הונדערטער

הרוגים און פאַרגאָסן מיטן בלוט פון די פילע פאַרוווּנדעטע, וועלכע האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות מיטגעשלעפּט בכדי אומצוקומען אינאיינעם מיט די נאָענטע.

נישטאָ דער מענטש וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו שילדערן די שרעק־לעכע האַרצרייסנדע סצענעס וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דאָזיקן גאַנג צום טויט. ווען אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט פאַרברעכן, מיט ווילדע אויסגעשרייען פון די אָן אַ שיער שומרים, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטישע מאַשין־ביקסן:

— זשידזי נאַ פּאָלו!

נישטאָ דער מענטש וואָס זאָל קענען שילדערן די בייזע פּנימער פון די אַלע גויים און גוייעס, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט מיט באַהאַלטענער פרייד פון הינטער זייערע פענצטער, ווי יידן, מיט וועמען זיי האָבן צוזאַמען געלעבט אַזוי פיל יאָרן ווערן געטריבן צום אומקום מיט דער גרעסטער אכזריות, ווי זיי ווערן אין גאַנג דערשאָסן סתם אַזוי, כדי דער עפעקט פון די פּאַטאָ־בילדער, וואָס ווערן געמאַכט דורך די נאָכפאָרנדיקע עס־עס־אָפיצירן זאָל זיין גרעסער.

— בייזע ווינטן בלאָזן. דער הימל איז איין שטיק צעגאָסענער בליי. אָט וועט עס נעמען פאַלן אויף דער איינגעפרירטער ערד אַ דינער שניי, וועט זיך אַוודאַי אַריינרייסן צו די געפּלאָגטע עדה יידן דורך זייערע צעריסענע קליידער, קילן די ברענענדיקע לייבער און פּילייכט אויך שטילן דעם ברענענדיקן דורשט פאַרן גרויזאַמען טויט.

שפּרייזט די עדה אין טויט־שרעק אונטער הילכיקע ביקסן־שאָסן און פרעכן געלעכטער. דאָס לאַכן אַזוי די מערדער פון די אומבאַהאָלפענע טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס און קינדער, וועלכע קלאַמערן זיך אין זייערע נאָענטע מיט פאַרציטערטן אַנגסטיקן פּחד, וויסנדיק אַז דער סוף איז נאָענט. איז נאָך דאָס ווייניק נעמען די היטלעריסטן אָנרייצן זייערע וואָלפס־הינט אויף די שפּאַנענדיקע יידן, וואָס קאַרטשען זיך אין דרייען אונטער בייזן הינטישן געברום. די פיר־פיסיקע חיות צערייצטע און בלוט־דורשטיקע

ווי זייערע האָרן, בייסן זיך איין אין פלייש פון די קרבנות און פריש בלוט נעמט רינען צו דער אַזוי אויך פאַרבלוטיקטער קאַלטער ערד.

מיטאַמאָל האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס, בשעתן דאָזיקן לעצטן גאַנג פון די לובלינער יידן. איינער פון די עס־עס אָפיצירן מיט אַ פּנים פון אַ תליון בעת דער עקזעקוציע האָט פּלוצלונג אָנגעשטעלט זיין רוצחישן בליק אויפן הויך־שלאַנקן ייד מיטן בכבודיקן אויסזען, וואָס איז טראָץ די אַלע אומענטשלעכע יסורים, געגאַנגען צווישן דער מאַסע אָן אויסגעגלייכטער און אַ שטאָלצער גלייך ווי ער וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון טויט, וואָס איז לעולם בלויז אַן איבערגאַנג צו אַ העכערער און שענערער וועלט. ווייזט אויס, אַז אָט דער ייד מיטן הויכן לומדישן שטערן און מיט די קלוגע אויגן, פּעך־שוואַרצע ברעמען, איז דעם מערדער ווייט נישט געפעלן. ער האָט מיט זיין רייט־שטעקעלע אָנגעוויזן אויפן קרבן און אַ זאָג געטאָן באַפעלעריש:

— קאָם קאָם יודע!

אַז דער קרבן האָט זיך געשטעלט פאַרן רוצח האָט יענער אַ ריטשע געטאָן פון רציחה:

— קרייץ דאָנערוועטער נאָך איין מאָל!

און מיטן רייט־שטעקעלע האָט ער אים גענומען שלאָגן איבערן פּנים, איבער די פּלייצעס און ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. דערנאָך זעענדיק, אַז דער געשלאָגענער לאָזט נישט אַרויס קיין איין וויי־געשריי האָט ער אים גענומען קאָפּן מיט די שטיוול אין בויך אַזוי לאַנג ביז דער קרבן איז געפאַלן באַוווסטלאָז אויף דער ערד.

ווען ער האָט זיך עטוואָס אויפגעמונטערט האָט ער זיך דערזען שטיין אויף אַ פלאַכן קוילן־וואָגן אַן איינגעריסטער מיט סאַזשע און מיט אַ בעזעם אין דער האַנט צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו דער קעלנע. דער וואָגן, אויף וועלכן עס איז געזעסן דער קוילן־פירער איז געפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, אונטער אַ ווילדן געלעכטער פון די צוקוקער אויף די טראָטואַרן,

ווען דאָס קאָמישע אויסזען פון דעם צעשלאָגענעם אומגליקלעכן ייד האָט פאַרשאַרפט אַ ווילדע הנאה.

דער וואָגן מיטן קרבן, איז לויטן באַפעל, פאַרפאָרן צום ברייטן ליידיקן פלאַץ ביי דער הויפט־גאַס קראַקאָווסקע פּשעדמיעשציע, דאָרטן ווו עס געפינט זיך דער היסטאָרישער „וניע״ דענקמאָל, וואָס איז בשעתו אויפגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון פריינטשאַפטס־אָפּמאַך צווישן פוילן און ליטע. דער דאָזיקער אָפּמאַך איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען פוילן האָט פאַרנומען ווילנע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אונטער אַ שמירה פון פוילישע און אוקראַינישע געהילפס־פּאָליציאַנטן איז דער ייד אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטער אַ פאַרדאַרטן בוים און שוין אין מינוטן אַרום איז דער „וניע״־פלאַץ געוואָרן פול מיט אַ בלוט־דורשטיקן המון, וואָס האָט זיך מיט אומבאַשרייבלעכער הנאה געשטופּט נאָענטער צום אַריינגעריסטן ייד, מיטן בעזעם אין דער האַנט, כדי אים בעסער אָנצוקוקן און שפייען אים אין פנים מיט רציחה און מיט געשרייען:

— זשידאָווסקאַ כאָראַ!

דאָס נייעס וועגן איינגעריסמן ייד מיטן בעזעם אין דער האַנט האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. עס האָבן אָהער גענומען שטראָמען גויים פון די לובלינער פאָרשטעט בראַנאָוויץ, טשעכיוו, וואָליע, פון הינטער די קאַשאַרן און פון אַנדערע ווייטערע מקומות. דער „וניע״־פלאַץ האָט גענומען ווימלען ווי אויף אַ יאַריד מיט פויערים און פויערטעס, וואָס זענען צופעליק געקומען אין שטאָט, מיט היצלעס וואָס פאַרנעמען זיך מיט פערד, מיט קיילער־שקצים, מיט מולערעס און ועל כולם מיט די ווערמאַכט־סאָלדאַטן, עס־עס־לייט, געסטאַפּאָווצעס און פוילישע גראַנאַט־פּאָליציסטן, וואָס זענען אָהער געקומען האַלטן אָרדנונג.

די דאָזיקע מענטשן־מאַסע איז ווי אַ ווילדער שבט פאַרבייגעגאַנגען דעם קרבן דראָענדיק אים מיט די פויסטן:

— שמיערץ זשידאָווי!

די גויאישע רציחה האָט געבושעוועט און זיך פאַרוואַנדלט אין אייך שטיק האַס צו דעם צום טויט־פאַרמאַטערטן ייד.

דער ווילדער פעבל האָט נישט אויפגעהערט צו פייניקן דעם קרבן וואַרפנדיק אויף אים האַרטע שניי־גרודעס און שלאָגנדיק אים מיט בייטשלעך און רייט־שטעקעלעך איבערן צעבלוטיקטן פנים שרייענדיק דערביי:

— זשיד ניעדאָוויאַרעק!

— ביילים!

— זשידזי כאַלאַמידזשע!

דער ביז איבער ברעגן אָנגעפילטער „אוניע״־פלאַץ האָט נישט גערוט קיין מינוט. גויים זענען געקומען און געגאַנגען. די דייטשע סאָלדאַטן האָבן אויסגענוצט דעם דאָזיקן פאַל און גענומען ראָמאַנסירן מיט די פוילישע שיקסעס, שענקענדיק זיי טעוועלעך שאָקאָלאַד. גאַסן־פאַרקויפער האָבן גענומען אויסשרייען זייערע סחורות. חזיר־ניסלעך, געטריקנטע באַניקערן, ווורשטלעך געפילטע מיט קאַשע און היימישן בראַנפן „בימבער״ אויף צו דערוואַרעמען די קישקעס. קליינע שקצימלעך האָבן זיך דאָ באַוואָרפן מיט שניי־באַלעמס און אַ געקראַקערײ פון שוואַרצע קראָען האָט זיך געטראָגן אין דער לופט ווי אַ פאַרשפיל צום בייזן, שווידערלעכן ספעקטאַקל. דער קרבן איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, זייענדיק אַרומגערינגלט דורך דעם דאָזיקן המון צווישן וועלכע עס האָט זיך נישט געפונען קיין איין מענטש וואָס זאָל אַרויסווייזן אַ פּיצל רחמנות־געפיל. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע אכזרותדיקע געזינדל, וואָס פרייען זיך אַזוי אויפן יידנס ביטערן גורל זענען אַהערגעקומען פון אַמאָליקן פוילישן אורוואַלד, ווו זיי האָבן אַלס געצנדינער געוווינט אין היילן און אין די אויסגעהוילטע בוימער־שטאַמען. דערווייל האָט דער אייז־קאַלטער טאָג גענומען גיין צו ענדע. די זון האָט זיך מיטאַמאָל באַהאַלטן אונטער אַ וואָלקן. אַ בייזע קעלט איז אָנגעלאָפן, האָט זיך דורכגעריסן דורך די הייזער־מויערן, איז אַריינגעדרונגען אין די ביינער פון די מענטשן אויפן „אוניע״־פלאַץ, וואָס האָבן נאָך אַלץ געצישעט מיט שלאַנגען־שנאה צום קרבן, נישט וועלנדיק פון אים אָפּטרעטן. עס האָבן

נישט אויפגעהערט די ווילדע אויסגעשרייען און דער האָגל פון קלעפּ וואָס איז נאָך אַלץ געפאַלן אויפן געפּייניקטן, וועלכער האָט שוין גאָרנישט געפילט. זייענדיק אַרײַנגעפאַלן אין טיפער האַלוצינאַציע און באַדעקט איבערן גאַנצן לײַב מיטן קאַלטן שווייס. האָט ער זיך דערזען מיטאַמאָל אין זײַן שיינעם מאַלערישן שטעטל וואָס בײַ דער ווייסל. נעבן אירע גרינע ברעגעס האָט זיך געפונען דאָס ווייס־געקאַלכטע הײַזל פון טאַטע מאַמע מיט זײַנע שוועסטער און ברידער וואָס זענען אין פאַרגלײַך צו אים שלמה׳לע, שויז געווען דערוואַקסן און זיך געקליבן צו אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן. אָט זעט ער זיך זיצן אויף דער חדר־באַנק מיט נאָך ייִנגלעך אין זײַן עלטער. דער רבי מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט דרימלט אײַן בײַ דער אָפענער גמראָ און אַלע חדר־ייִנגלעך לאָזן זיך לויפן צום ברייטן טײַך, וואָס שטראָמט אַוועק העט ווייט אַזש קיין דאַנציק און פאַלט אַרײַן אין באַלטישן ים.

אָט זעט ער זיך שוין אַלס ישיבה־בחור וואָס זיצט און לערנט תורה מיט גרויס התמדה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ עלוי ווי ער איז. טאַטע־מאַמע ווילן אים זען אַלס אַ רב און ער אַליין וויל נישט נעמען אויף זיך די אחריות צו זײַן אַ מרא דאַתרא און האָבן צו זאָגן איבער אַן עדה ייִדן. טאַקע דעריבער האָט שלמה׳לע פּרי חתונה מיט זײַן אויסדערוויילטער כלה דבורה. מיט איר הילף נעמט ער האַנדלען און ווערט מיט דער צייט אַן אָנגעזעענער סוחר.

נאָר עס איז נישט באַשערט געווען צו פירן אַ שטיל גליקלעך לעבן.

די מלחמה האָט אַלץ צעשטערט. זײַן דבורה׳לע איז אומגעקומען צוגלײַך מיט זײַנע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער. ער אַליין איז דורך אַ צופאַל פאַרבליבן דערוויל ביים לעבן און לעצטנס זיך אויפגעהאַלטן בײַ אַ קרוב אין לובלינער געטאָ. פיל פּיין און יסורים איז שלמה׳לע דורכגעגאַנגען אין דעם געטאָ. נישט אײנמאָל איז זײַן לעבן געהאָנגען אויף אַ האָר און נישט אײנמאָל האָט ער אַליין געבעטן אויף זיך דעם טויט.

די נאַכט פאַלט צו. די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן אויף דער קראַקאָווסקער פּזשעדמיעשציע צינדן זיך אָן מיט אַ העלן ליכט. די טראָטואַרן פילן זיך

אָן מיט שפּאַצירנדיקע. פון דער באַלויכטענער שיינער צוקערניע „וואַר־שאַוויאַנקאַ" רייסן זיך אַרויס אין דער גאַס מוזיק־קלאַנגען. דאָס שפּילט אַזוי דער גויאישער אָרקעסטער אויפן אָרט פון פריערדיקן יידישן אָרקעסטער, וועמענס מוזיקער טיילן איצט דעם גורל פון אַלע צום טויט־געפירטע לובלינער יידן.

די היטלעריסטן האָבן צו דער גרויסער הנאה פון די פּאָליאַקן געלאָזט באַלייכטן דעם „אוניה"־פּלאַץ מיט אַ ריזיקן רעפלעקטאָר וואָס גיט די מעגלעכקייט צו זען דעם קרבן, ווי ער צאַפּלט אין די גסיסה־קראַמפּן און זיינע לעצטע כוחות האַלטן ביים אויסגיין. דער בעזעם שטעקט נאָך אַלץ אין זיין האַנט און דאָס פאַריסטע פּנים איז באַדעקט מיט פאַרפרוירענע בלוט־טראָפּנס. ווידער פאַלט ער אַריין אין האַלוצינאַציעס. ער גייט איבער וועגן וואָס האָבן נישט קיין סוף. מיד פונעם גיין וויל ער זיך אַוועקזעצן און קען נישט ווארום אַלץ מיט וואָס ער וויל קומען אין באַרירונג צעפּאַלט זיך אין שטויב, צעגייט זיך ווי דער ווינט אין פעלד און ווי דער נעפּל אין די בערג. דערנאָך דערזעט ער זיך אויף אַ גרויסןליידיקן פּלאַץ, ווו פונדער־ווייטנס שטייען זיינע טאַטע־מאַמע און רופן אים:

— שלמהלע קום אַהער!

ער וויל גיין און קען נישט. עמיצנס אַ געהיימע האַנט לאָזט אים נישט שטעלן קיין טריט און אָט זעט ער ווי טאַטע־מאַמע דערווייטערן זיך און ווערן ווי צוויי קליינע פונקטן. דער געפּייניקטער פילט ווי די לעצטע כוחות זיינע גייען אויס און אַז ער נעמט זינקען אין עפּעס אַ ליידיקייט. ער איז געווען טויט.

אייז־קאַלטע שטורעם־ווינטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער שטאָט, ברענגענדיק שניי־זאַווערוכעס, וואָס האָבן פאַרשיט די שאָסייען מיט די גאַסן און גערימען מיט רוגזה די בלעכערנע דעכער, די לאָדנס פון די פענצטער. די פיל־קעפּיקע צום אומקום געטריבענע עדה יידן האָט דערווייל געשפּאַנט איבערן ברייטן וואָליער וועג אַרומגערינגלט פוןביידע זייטן ווי מיט אַ וואַנט דורך באַוואָפנטע שומרים, וואָס האָבן אומאויפהערלעך

געשאָסן צו די יידן און פאַרזייט דעם וועג מיט הרוגים. צווישן די וועכטער, אַן ערב רב פון אוקראַיִנישע באַנדעראָווצעס, פּאָליאַקן, ליטווי־נער, וואָס האָבן געשווירן טריי צו דינען היטלערן אין זיין טייוולאָנישן פּלאַן אומצוברענגען אַלע יידן. גייט דאָס אַן איצטער אַ בלוטיק געיעג וועך עס וועט אין משך פון דער צייט באַווייזן צו הרגענען מער יידן. עס גייט אויך אַן אַ בייזער געפעכט צווישן די וועכטער און זייערע שפּיר־הינט וואָס שטייען נישט אָפּ פון די צוויי־פיסיקע און צערייסן אויף טויט נישט איין קרבן. דער ברייטער וועג, דורך וועלכן יידישע יוגנטלעכע זענען אין די שבתים פון חודש מאַי געגאַנגען אויף מאַיוווקע צו די וואָליער באַבלימלטע פעלדער, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליגאָן, ווו די מערדער לערנען זיך טרעפן אין ציל שיסנדיק אין דער גייענדיקער מאַסע. דאָרטן ביים שעכט־הויז, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַן עקסטרע אָפּטיילונג פאַר יידישער שחיטה, האָבן שוין היטלער תליינים געהאַט אויפגעלאָדן אין ספּעציעלע וואַגאָנען די ערשטע פאַרטיעס יידן פון דער עדה, וואָס האָט — ווי מען איז זיך משער — געציילט קרוב פיר און צוואַנציק טויזנט נפשות. די דאָזיקע פּאַרטיע איז געשיקט געוואָרן אויף אומקום צום בעלזשעצער טויטן־לאַגער. פאַר דער רעשט יידן, וועמענס צאָל גרייכט נאָך אין די טויזנטער, גרייטן די נאַציס אַ שוידערלעכע מאַסן־הריגה אין קרעמפּיצער וועלדל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פונעם דאָרף קרעמפּיץ.

דערווייל דערנענטערט זיך די צום טויט געפירטע יידישע עדה צום אַלטן יידישן בית עלמין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן צוריק דורך די ערשטע יידן וואָס האָבן אַהער איינגעוואַנדערט פון די לענדער, ווו עס האָט געבושעוועט האַס און ווי עס האָבן נישט אויפ־געהערט די בלוטיקע רדיפות אויף יידן.

דער אַלטער יידישער בית עלמין, וואָס האָט זיך אין משך פון אייניקע דורות אויסגעברייטערט אויף אַ העכער בערגל, איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער ציגלנער מויער. דאָרט זענען געקומען צו קבורה הונדערטער

יידן אויסגעמאָרדעטע דורך כמעלניצקיס באַנדעס. דאָ אויפֿן הייליקן אָרט געפינען זיך די קברים פון יידן דערמאָרדעטע בעת די קריסטלעכע שילער געיעגן, בעת די גלחישע פּראָצעסיעס און בעת די אַלע פּאָגראָמען וואָס פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אויף יידן אין פינצטערן מיטלאַלטער. אינמיטן הייליקן אָרט געפינען זיך די קברים פון די באַרימטע לובלינער רביים און רבנים. ר׳ שלמה לוריאַ (דער מהרש״ל) ר׳ מאיר בן גדליהו (מהר״ם) ר׳ יעקב פּאָליאַק, „דער אייזערנער קאָפּ״ פון וועמענס מצבה מען האָט, לויטן מנהג, באַדאַרפט שטיין אָפּגערוקט פיר איילן. פון לובלינער חוזה ר׳ שלום שכנא און מצבות פון פרנסים, וואָס האָבן זיך אין יענע צייטן באַרימט געמאַכט מיט זייערע שתדלנות פאַר יידן. אום תשעה־באב זענען יידן אַהערגעקומען זאָגן תהילים אויסצובעטן אַ רפואה שלמה פאַר קראַנקע און פרנסה פאַר די געזונטע. חדר־ייִנגלעך זענען דאָ אַרומגעלאָפן פראַנק און פריי, האָבן זיך אַרומגעשפּילט, געריסן אומצייטיקע יענגאַלקעס פון די בוימער און זויערע אַגרעסן פון די קזשאַקעס. איצט ליגט דער בית עולם איינגעהילט אין שניי און די אַלטע, מיט מאָך באַדעקטע מצבות שוואַרצלען זיך פון ווייסן שניי אַרויס, ווי זיי וואָלטן אַראָפּקוקן פון די בערגלעך צו די צום טויט־געטריבענע יידן מיט אויגן פול צער און צו באַוויינען דעם יידישן חורבן.

ווי פל וואָלטן איצטער אָט די דאָזיקע מאַרטירער געגעבן, ווען זיי קענען זיך אַזוי אַוועקלייגן פאַר די קברים פון די צדיקים און וויינען און בעטן דערביי דעם אל עולם ער זאָל, אָט שוין, אָפּטאָן דאָס שלעכטס פון די געפייניקטע. וויפל וואָלטן זיי אויך געגעבן, ווען זיי קענען זיך אויסציען אויף דער דאָזיקער הייליקער ערד און באַדיי שטאַרבן, אַבי נישט מיטצומאַכן אָט דעם טויטן־מאַרש.

דערפאַר טאַקע קען מאָטל „תחמוד״, וואָס גייט איצטער צום טויט, צוזאַמען מיט זיינע גוטע פריינט לייבל גרין און האַמפּל „טשוואָק״ נישט אויסהאַלטן דעם גרויסן ווייטיק און צעזינגט זיך מיט זיין ווייכער מעלאָדישער שטימע:

— אלי, אלי למה עזבתנו!

מאָטל תחמוד׳ס טרויריק געזאַנג צערייצט די באַוואָפנטע שומרים, וועלכע רייסן זיך אַריין מיט ווילדן געאייל און נעמען שיסן אויף מאָטלען מיט די אויטאָמאַטישע ביקסן, אַוועקלייגנדיק אים אַ טויטן אויפן אָרט. און ממש אין דער זעלבער מינוט, פּאַסט לייבל גרין און זיין געטרייער געהילף האַמפּל אַ באַשלוס נקמה צו נעמען פאַרן טויט פון זייער בעסטן פריינט. בליץ־שנעל וואַרפן זיך ביידע אויפן מערדערישן שיסער רייסן פון אים אַרויס די אויטאָמאַטישע ביקס און איידער עס באַוויזן די אַנדערע שומרים קומען צו זייער חבר צוהילף, האָט שוין לייבל גרין אַריינגעיאָגט אין דעם רוצח אַ סעריע קוילן. ער איז אָבער אַליין גלייך דערשאָסן געוואָרן אויף טויט. די אַנגעלאָפענע רוצחים האָבן דעריבער געעפנט אַ מערדעריש פייער, אומברענגענדיק דערביי ביי אַ צענדליק יידן, צווישן זיי לייבל׳ס געטרייען חבר האַמפּל טשוואַק.

ווידער שפּרייזט די עדה אונטערן ביקסן געקנאַל און אונטער די ווילדע אויסגעשרייען:

— בעי זשידאַ!

דער ברייטער וועג פירט איצט דורך דער ברייטער וואָליע, גערופן „סלאָמיאַני־רינעק״. פון ביידע זייטן גאַס, וואָס פירט אַריין צו דער צווייטער וואָליע קומען צולויפן נייגעריקע גויים, גויעס, שקצים און שיקסעס, וואָס ווייזן אַרויס זייער האַס צו די יידן. לאַנג איז עס, ווען אָט די גויים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך גאַרבער, שוסטער, קאַשע־מאַכער און בהמות־טרייבער, האָבן געצויגן זייער חיונה פון יידן, אַרבעטנדיק אין די דריי יידישע גאַרבערייען, וואָס געפינען זיך איצטער אין די נאַצישע הענט. יידישע שפּייז־קרעמער פון דער וואָליע האָבן אַלעמאָל אָפּגעקויפט די קאַשע פון די קאַשע־מאַכער און יידישע קצבים, וואָס האָבן צוגעשטעלט כשר פלייש פאַר די יידן, האָבן געהאַלטן גויאישע בהמות־טרייבער. גויאישע שוסטער האָבן גענומען אַרבעט ביי די יידישע שיך־סוחרים. איצט

שטייען זיי דאָ ווי די צעררייצטע חיות, וואָס דערשמעקן בלוט און הערן נישט אויף צו העצען די רוצחים מיט זייערע אויסגעשרייען:

— בי זאבי זשידאַ!

— קרעוו זשידאָווסקאַ ניעך שיען לעיע!

און זיי, די שומרים, לאָזן זיך נישט בעטן און נעמען שיסן פון די אויטאָמאַטישע ביקסן גלייך אין דער יידישער מאַסע. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אויך אויף דער צווייטער וואָליע, וואָס געפינט זיך נאָענטער צום שעכט־הויז, דעם צייטווייליקן איבערגאַנגס־פּונקט, פונוואַנען יידן ווערן געשיקט צום אומקום אינעם נישט־ווייטן קרעמפּיצער וועלדל, וואָס די מערדער האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ טויטן־יאָמער־טאָל.

די צווייטע וואָליע איז ברייטער פון דער ערשטער. אינמיטן דער גאַס מיט אירע נידעריקע הייזלעך, געפינט זיך דער מאַרק־פּלאַץ אויף וועלכן עס פלעגן פאַרקומען יעדן דאָנערשטיק ירידים. דראָביאַנאַסטע וועגענער, אָנגעפּילטע מיט עופות, מיט פלאַקס און מיט אַלערליי פּרוכטן פלעגן פאַרפאָרן אַהער אויפן מאַרק פון אַלע אַרומיקע דערפער און די אויפקויפער פון אָט דער דאָרפישער פּראָדוקציע זענען געווען יידן. איצט שטייט דאָ אויפן מאַרק אַן אָנגעלאָפענער צווילדעוועטער המון, וואָס הערט נישט אויף צו שרייען:

— זשידי כאַלאַמידי!

— וואַשאַ אָסטאַטניאַ גאָדזשינאַ וויבילאַ!

דער אייז־קאַלטער נאָוועמבער טאָג האַלט אָן מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט. די צייט גייט לאַנגזאַם איר וועג און אַזוי רוקן זיך אויך פאַמעלעך אָן אויפן הימל וואָלקנס, וואָס פאַרשטעלן די שיין מיט אַ טריבער בלייכקייט.

די וואָליער גויים, האָבן נאָכן פאַרטרייבן די יידן פון געטאָ, זיך באַזעצט אין זייערע שטובן און צוגענומען פאַר זיך די פאַרבליבענע מעבל־שטיקער מיטן גאַנצן איבריקן יידישן האָב און גוטס. די דאָזיקע גויים באַנוגענען זיך נישט מיט העצערישע אויסגעשרייען. זיי וואַרפן האַרטע שניי־גרודעס אויף די יידן, דראָען מיט שטעקנס און אייזערנע דרענגער:

— זשידאם קולאַ וו׳לעב!

די מערדער פאַלן אַריין פון די דאָזיקע דערמונטערונגס־געשרייען אין אַ ווילדער פוריע. ווי צערייצטע חיות רייסן זיי זיך אויפסניי אַריין אין דער פאַרמאַטערטער יידישער מאַסע און שלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן אויף רעכטס און אויף לינקס ריטשענדיק מיט בייזער רציחה:

— הוראַ נאַ זשידאַ!

דעמאָלט האָט אברהם הויזשעבאָוו, וועלכער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די מתפללים פון געהיימען בית מדרשל, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מרדכי יעקב, נישט אויסגעהאַלטן, טוענדיק אַ געשריי ווי שמשון הגיבור בשעתו: „תמות נפשי עם פלישתים״ האָט ער זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אַ וואָרף געטאָן אויפן ערשטן בעסטן רוצח און גענומען אים זעצן מיט די פויסטן איבערן קאָפּ.

— נאַדיר מערדער איינער!

אברהם הויזשעבאָוו האָט דעם מערדער דערלאַנגט איין טויט־קלאַפּ נאָכן צווייטן און דאָס איז געווען זיין לעצטע גבורה־טאַט. וואָרום אין דעם מאָמענט ווען דער מערדער איז געפאַלן אַ טויטער איז אברהם שוין געווען דורכגעלעכערט דורך צאָליקע קוילן, וואָס האָבן אויסגעלאָשן זיין לעבן.

די מיט פיין און יסורים אָנגעפילטע יידישע מאַסע גייט ווייטער איבער דעם וואָליער ברוק און שטעלט זיך נישט אָפּ ביים שעכט־הויז. די היטלער־לייט, וואָס פאָרן נאָךדעם גאַנצן וועג אין אויטאָס און פאָטאָגראַפירן די אַלע בלוטיקע סצענעס, טרייבן איצט די האַלב לעבעדיקע יידן צום קרעמפיצער וועלדל. דאָרטן צווישן סאָסנע־בוימער און צווישן אומ־געוואָרפענע מיט מאָך־באַלייגטע בוימער־שטאַמען וואַרטן שוין אויף די יידן טיפע גריבער, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן דורך פויערים פון דאָרף קרעמפיץ און פון אַנדערע נאָענטע דערפער.

שפרייזן איצט די יידן אין טויטער שטילקייט צום יאָמער־טאָל. צווישן זיי שפרייזט מרדכי יעקב, דער תורה־לערנער, האָבנדיק נאָענט צו זיך זיינע געטרייע צוהערער און ועל כולם די נאָענטע פאַמיליע. זיין ווייב

רחל און די אויסגעגעבענע טעכטער חנה, חייה און חוה. זיי אַלע האַלטן זיך אַרום מרדכי יעקבן ווי שאָף אַרום פּאַסטעך און ער, פילנדיק, אַז זיינע נאָענטע זוכן צו געפינען ביי אים אַ טרייסט אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, גייט איצט אָן אויסגעגלייכטער און אַ רואיק שטאָלצער. מרדכי יעקב׳ס בליק איז געווענדעט צו דער גאַנצער יידישער עדה, צו וועמען ער לאָזט הערן דאָס לעצטע טרייסט־וואָרט:

„גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע".

עס רייסן די ווינטן וואָס לויפן אָן אַהער פון די ווייטע וועגן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ־איבערדרייען, אַוועקטרייבן דאָס בייזע בלוטיקע שפּיל, וואָס גייט זיך אָפּשפּילן אָט דאָ ביים קרעמפּיצער וועלדל וואָס שוואַרצט פונדערווייטנס ווי אַ ריזיק אויסגעשפּרייטע שוואַרצע טוך. דער טויט האָט זיך דאָ צווישן די בוימער, וואָס זענען איצט אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסן צודעק, פאַרטייעט. ער לויערט אין שטומער דערוואַרטונג אויף די קרבנות, וואָס דערנענטערן זיך שוין צום וואַלדיקן ראַנד. די טיפע גריבער גיבן אַ שווים אויף פאַר די אויגן פון דער פיל־קעפּייקער עדה, וואָס נאָך איידער זי באַווייזט זיך רעכט אומצוקוקן גיבן זיך אַ צעקנאַל די מאַשינען־געווערן און די קוילן־וואַרפער, וואָס זענען פאַרשטעקט צווישן די בוימער.

מיטאַמאָל גיט דער וואַלד אַ הילך אויף מיט ווילדע אויסגעשרייען, מיט אַ געקנאַקעריי פון בייטשן און נאַהייקעס באַגלייט מיט בייזער הינטישער געבילעריי. אַלץ מישט זיך אויס אין איין געוואַלדיקן געברום. די תליונים טרייבן צו די קרבנות האַרט צו די גריבער מיט דער הילף פון די שפּיר־הינט און מיט די קלעפּ, וואָס פאַלן ווי אַ האָגל אויף די קעפּ פון די אומגליקלעכע.

דער וואַלד ציטערט אויף פון אימהדיקן געיאָמער און האַרצרייסנדע געוויינען פון מאַמעס און קינדער. עס קנאַלן אין דער לופט די אומאויפהערלעכע שאָסן וואָס לעשן אויס טויזנטער לעבנס אין קורצע מינוטן. יידיש בלוט צעשפּריצט זיך, מאַכט רויט דעם וויס־שנייאיקן אַרום, צעגיסט זיך אין שמאָלע שטראַמלעך, בלייבנדיק שטעקן צווישן אָנגעוואָרפענעם מאָך.

עס פרײט זיך דער נאַצישער מולך און די פון היטלער־געטרײע אוקראַינער, פּאָליאַקן און ליטווינער, װעלכע הערן נישט אויף צו טרײבן די קרבנות צום טויט אַרונטער רײסענדיק פון זײ פריִער די קלײדער, די שיך און אַלץ װאָס זײ האָבן אויף זיך אין זײערע לעצטע מינוטן.

און דערבײ לאַכן די היטלער־סאָלדאַטן װען זײ שיסן אויף די יידן פון די מאַשין־געװערן און עס לאַכן מיט די געסטאַפּאָ־אָפיצירן, װאָס פאַראײביקן די דאָזיקע בלוטיקע סצענעס, מיט זײערע פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. נאָר דער װוּנט איז דער אײנציקער װאָס טוט זיך מיטרײסן מיט דער דאָזיקער מאַסן־הריגה. ער צערױשט זיך מיטאַמאָל מיט בײזן געפּײף פון װעלכן עס צעװיגן זיך מיט האַסט די שלאַנקע סאָסנע בוימער און פון זײערע קרוינען נעמט פאַלן דער שנײ מיטשלעפנדיק מיט זיך פאַר־טריקנטע צווייגן.

דער סוף־נאָוועמבער־טאָג נעמט פאַרגײן און פאַרציט זיך מיט פאַר־נאַכטיק דינעם הײטל. די בלוטיקע מלאכה איז אָפּגעטאָן געוואָרן. קײן אײנציקער פון די איבער צוואַנציק טויזנט יידישע נפשות איז נישט פאַרבליבן בײם לעבן. עס הערט אויף דאָס אומאויפהערלעכע געשטעפּערײ פון די קוילן־וואַרפערס און מאַשין־געווערן. די טיפע גריבער זענען אָנגעפילט מיט די טויטע גופים און פאַרשטומט זענען געוואָרן אויף אײביק די יאָמערלעכע קלאָגנדיקע געשרײען פון דער אויסגעמאָרדעטער עדה. און אַז די נאַכט איז נאָר צוגעפאַלן, אויסבעטנדיק זיך דאָ אַ געלעגער פון טונקעלע טעפּיכער זענען די מערדער אַװעק.

און אַ טיפע שווײגנדע שטילקײט האָט זיך פאַרשפּרײט איבערן גאַנצן. אַרום. געשװײגן האָט דער װאַלד און אַלץ װאָס איז אין אים.

אין אַ צײט אַרום, װען די גרױליקע מלחמה האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט מיט דער מפּלה פון די מערדער, האָבן קרעמפּיצער פּויערים, װאָס זענען געקומען אין שטאָט אַרײן, דערצײלט װעגן דעם דאָזיקן מאַסן־מאָרד, װאָס זײנע פּרטים זענען דערגאַנגען צו זײערע אויערן. צו זײ, די פּויערים פון דאָרף קרעמפּיץ און צו די פּויערים פון די אַנדערע אַרומיקע דערפער,

היידעץ, ווולקע און שווידניק, זענען דערגאַנגען די מוראדיקע געוויינען און די שוידערלעכע געוואַלטן פון די יידן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן. צו די פויערים האָט זיך אויך דערטראָגן דער כסדרדיקער געקנאַל פונעם מאַשין־געווער, די ביקסן־שאָסן און דאָס בייזע געבילערײ פון די הינט. דריי טעג דורכאַנאַנד האָט זיך די ערד אויף די מאַסן־קברים געהויבן, גלייך ווי עס וואָלטן נאָך געווען מי יודע וויפל לעבעדיקע צווישן די הרוגים.

אָנגעלאָפן זענען דעמאָלסט טעג, וואָס מען האָט שוין נישט געזען זייט לאַנגע יאָרן. שניי־שטורעמס האָבן געבושעוועט און דער הימל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געשטעקט אונטער אַ בלייענעם צודעק. דער פראָסט האָט נישט אָפּגעלאָזט. די ערד איז געוואָרן פאַרפרוירן און האַרט ווי אַ שטיין. די בהמות אין די שטאַלן האָבן טרויעריק געמעקעט. די פערד האָבן אויפגעהערט הירזשען און פון דער שטאַרקער קעלט זענען טאָג־טעגלעך פאַרפרוירן געוואָרן הינער, גענדז, קאַטשקעס. פאַר די פויערים איז געקומען אַ שווערע צייט.

פון איין זאַך האָבן די קרעמפּיצער פויערים נישט דערציילט. נאָך דער שוידערלעכער הריגה אין קרעמפּיצער וועלדל האָבן זיך אינעם נישט־ווייטן שווידניקער וואַלד געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי אַ צענדליק יידן פון לובלין און אומגעגנט. זיי האָבן פאַר זיך אויסגעבויט אַ מין בונקער הינטער אַ גרויסן פאַרצווייגטן בוים, וועמענס וואָרצלען האָבן געדינט אַלס אַ באַשיצונג קעגן איינפאַלן פון דער ערד.

די דאָזיקע יידן האָבן געלעבט אין די ערגסטע באַדינגונגען. זיי האָבן נישט געהאַט גענוג פּלאַץ אין בונקער כדי צו קענען שלאָפן ווי געהעריק. זיי האָבן זיך נישט געקענט האַלטן ריין און תמיד האָט זיי אויסגעפעלט דאָס שטיקל ברויט צו קענען דערהאַלטן דאָס חיות. די מורא געכאַפּט צו ווערן דורך די היטלעריסטן און אויך דורך דער פיינטלעכער אַרומיקער באַפעלקערונג איז געווען גרויס. נאָך גרעסער איז ביי זיי געוואָרן די שרעק, ווען אין שווידניקער וואַלד, וואָס איז געווען גענוג גרויס, האָט זיך באַזעצט אַ גרופּע „אַקאָווצעס“, וואָס זענען געווען באַוואָפנט מיט געווער און האָבן

ווי אַלע געהיימע „א.ק״ פאַרמאַציעס אין פוילן, געהאַסט יידן נישט ווייניקער ווי די נאַציס. די דאָזיקע קעמפער, וואָס האָבן געשטרעבט צו באַפרייען פוילן פון די נאַצישע אָקופּאַנטן, האָבן נישט איין יידישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אומגעבראַכט אין די וועלדער. אין געוויסע פאַלן האָבן זיי זיך נישט געשעמט צוצושטיין צו די דייטשע הענקערס כדי איינאיינעם אויסראָטן די לעצטע יידישע רעשטלעך, וועלכע האָבן געזוכט אַנטרינונג אין די ווייטע און טיפע פוילישע וועלדער. די יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שווידניקער וואַלד האָבן געלעבט אין איין שרעק, זעענדיק חוץ דעם פאַר זיך דעם שונא וואָס הייסט הונגער, פאַר וועמען עס איז שווער זיך אויס־צובאַהאַלטן.

און אַז עס איז געוואָרן באו מים עד נפש, האָבן צוויי יידן ריזיקירט אַרויסגיין ביינאַכט פון בונקער און זענען געקומען אין דאָרף קרעמפּיץ, ווו זיי האָבן נעבן איינער פון די דאָרפישע כאַטעס געפונען אַ פאַרפרוירענע הון וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין מיסט. די אויסגעהונגערטע יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער מציאה און אַלץ וואָלט געווען אַדורך בשלום, ווען נישט דער כאַטע־אייגנטימער מיטן נאָמען איגנאַצי, וואָס איז אַרויס צופעליק פון דער שטוב און דערזען די יידן.

איגנאַצי וואָס איז געווען איינער פון די הונדערטער גויים, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס פרייד צוגעקוקט צום בלוטיקן ספּעקטאַקל אויפן ברייטן וואַליער וועג האָט זיך נישט געפוילט אָנצוטאָן זיין ווינטער־בורקע און נאָכצוגיין ביידע יידן ביזן שווידניקער וואַלד, ווו ער האָט שפּעטער מיט נאָך אייניקע פּויערים געזוכט און געגנישטערט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן אַנטדעקט דאָס באַהעלטעניש און שוין צומאָרגנס האָבן די אָקאָווצעס אַרויסגעשלעפּט די יידן און זיי דערשאָסן אויפן אָרט.

נאָך האָבן די פּויערים פון קרעמפּיץ נישט דערציילט, אַז זיי האָבן אַפּנים פילנדיק זיך מיטשולדיק פאַר דער דאָזיקער בלוטיקער אַקציע אויסגעמיטן צו קומען אין וועלדל אַריין, פונוואַנען זיי האָבן תמיד געשלעפּט האָלץ אויף צו הייצן די כאַטעס. ערשט ווען דער פרילינג האָט זיך גענומען

דערנענטערן און ווען אַלץ אַרום האָט גענומען אויפוואַכן צו אַ ניי לעבן און די פאַרפרוירענע ערד האָט גענומען אויפטייען זענען זיי דעמאָלס געקומען אין וועלדל און דערזען, אַז דאָס אָרט אַרום די מאַסן־קברים איז אינגאַנצן באַדעקט מיט פרישן גראָז און אַז פון דאָזיקן גראָז וואַקסן אַרויס ווייסע נעלקן און אַנדערע מיני בלימעלעך און אַרום לאָזט זיך הערן דאָס טרילערן און געשווישצעריי פון די פויגל, וואָס זענען אָנגעפלויגן אַהער.

און אין איינעם אַ פאַרוואָלקנטן טאָג פון דעם זעלבן יאָר האָבן די היטלער־מערדער געטריבן צום אומקום אַ צווייטע גרויסע גרופּע יידן פון לובלינער געטאָ. דאָס זענען צום גרעסטן טייל געווען יונגע און מיטליאָריקע לייט, וועלכע ס׳איז געלונגען זיך אויפצוהאַלטן נאָך אַ שטיקל צייט אין דעם געטאָ. אויך די דאָזיקע יידן־גרופּע, וואָס האָט געציילט איניקע טויזנט, איז דורך די רוצחים געיאָגט געוואָרן אונטער אַ שיסעריי און מיט די בייזע וועלף־הינט, וואָס האָבן פון די אומגליקלעכע געריסן שטיקער פלייש.

די דאָזיקע האַלב־פאַרפייניקטע מענטשן וואָס האָבן זייט לאַנגע שעהען נישט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל און קיין טראָפּן וואַסער אויף צו שטילן דעם דורשט, זענען געטריבן געוואָרן דורך די געטאָ־גאַסן שעראָקע, קראַקאָווסקע, דורכן יאַטקע־געסל, וואָס ליגט הינטערן שלאָס־באַרג. און אונטערן בראַנד פייער איז די געפּלאָגטע יידן־עדה אָנגעקומען אין גרויסן הויף פון יאַנקל „שמאַטשיאַזש״.

דער הויף האָט זיך געפונען אויפן שמאָלן וועג פּונקט אַקעגנאיבער דעם טויער פון אַלטן יידישן בית עולם און אויך ביי דער ברייטער וואָליער לאָנקע, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן ביז קראָזעס וואַסער־מיל. ביים ראַנד פון אָט דער לאָנקע, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיט יאַנקל שמיאַטשאַזשעס הויף און ווו עס האָט זיך געפונען אַ ברייטער ראָוו, זענען געשטאַנען אָנגעגרייט די דייטשן מיט זייערע געווערן, וואַרטנדיק בלויז אויפן באַפעל צו שיסן. געווען איז נאָכמיטאָק־צייט. דער הימל האָט טריב אַראָפּגעקוקט צו דער ערד, ווי זייענדיק פול מיט פאָרווורפן הלמאי זי, די ערד דערלאָזט

צו אַזעלכע שוידערלעכקייטן. און מיטאַמאָל האָט די לופט אויפגעציטערט פון די מוראַדיקע געשרייען:

— שנעל! ראוס!

ווי אַ סטאַצע בייזע וועלף, וואָס וואַרפן זיך אויפן רויב כדי עס צו פאַרצוקן, האָבן די בייזע היטלער־מערדער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שוצלאָזע יידן נעמענדיק זיי טרייבן צום ראָוו אויפן אומקום.

גלייך האָבן די מאַשין־געווערן גענומען שפייען מיט פייער און זייען טויט און פאַרניכטונג צווישן דער פאַרצווייפלטער יידישער מאַסע. פון די געדיכטע אומאויפהערלעכע זאַלפן זענען מענטשן געפאַלן אין ראָוו ווי אונטערגעשניטענע זאַנגען.

אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן איז געוואָרן פאַרענדיקט דאָס דאָזיקע גרויליקע שטיקל אַרבעט, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פון נאָך עטלעכע טויזנט אומשולדיקע יידן.

און דאַן, ווען אַ טויט שטילקייט האָט אַרומגענומען דאָס דאָזיקע מיט שוידער אָנגעפילטן אָרט האָבן זיך פון צווייטן דער מאַסע הרוגים אַרויס־געגראַבלט צוויי לובלינער יונגעלייט, וואָס זענען ווי דורך אַ נס בישט אומגעבראַכט געוואָרן. ביידע זענען געווען לייכט פאַרווונדעט. דאָס זענען געווען יצחק און ישראליק, חברים פון איין חדר, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם גאַנצן ביז־איצטיקן גהינום, האַלטנדיק זיך מיט אַלע כוחות ביים לעבן. ביידע זענען געווען פון קאָפּ ביז די פיס פאַרגאָסן מיט בלוט. ביים שמאָלן, לאַנגן טייכל, וואָס איז געפלאָסן דערנעבן, האָבן זיי זיך אַרומגעוואַשן און דורך אומוועגן צוריק אַריין אין חרובן געטאָ, ווו עס האָט זיך נאָך געהאַט געפונען אַ יידישע אַרבעטער־אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אָפּרוימען די שטיינער פון די איינגעלייגטע הייזער.

מיידאַן טאַטאַרסקי

דאָס דערפל מיידאַן טאַטאַרסקי, אין וועמענס שכנות עס האָט זיך געפונען דער טויטן־לאַגער מיידאַנעק און ווו עס זענען אומגעקומען יידן פון לובלינער געטאָ און פון דער אַרומיקער סביבה, איז געווען באַקאַנט אַלס אַ נעסט פון פאַרברעכערישע עלעמענטן. אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער לובלינער פאָרשטאָט פאַקסאַלנע ביכאָווסקע (גערופן אויף יידיש זאַמד) פון איין זייט און מיט קראָזעס מיל פון דער צווייטער זייט, האָבן זיך אויפגעהאַלטן גויאישע שלעגער, מעסער־שטעכער און אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט בלויז פון גניבה און גזילה.

דאָס דאָזיקע מיאוסע הינטערשטאָטישע ווינקל, מיט אירע ליימענע כאַטקעס און האַלב־חרובע ציגלנע הייזקעס שטאַמט נאָך פון יענער צייט, ווען דער בלוט־דורשטיקער אַטאַמאַן כמעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן און מיט די פאַרבינדעטע שותפים, די טאָטערס, האָט פאַרפלייצט פוילן, אָנמאַכנדיק אַ וויסטן חורבן צווישן דער באַפעלקערונג און אין באַזונדער צווישן יידן, וואָס זענען אין די טויזנטער געפאַלן פון דער קאָזאַקיש־טאָטערישער שווערד.

אַ סך טאָטערן זענען דעמאָלסט פאַרבליבן אין פוילן און געוואָרן געטרייע אונטערטאַנען פון די פוילישע פירשטן, וואָס האָבן אין 1651 באַוויזן פאַריאָגן די קאָזאַקן צוריק אין די ווייטע אוקראַאינישע סטעפּעס אָזש קיין סיטש וואָס ביים יאָהאַרליך. קומט אויס אַזוי אַרום, אַז די איינוווינער פון מיידאַן־טאַטאַרסקי שטאַמען פון די פאַרפוילישטע טאָטערס, וואָס זייער יחוס ציט זיך ביז צו דעם קרימער כאַן.

איך דערמאָן מיך אַז זייענדיק נאָך אַ ייִנגל בין איך איינמאָל דורכגעפאָרן

מיידאַן־טאַטאַרסקי מיט אַ צוויי־רעדערדיק וועגעלע און שוין ביי דער ערשטער כאַטע בין איך צוזאַמען מיטן אַנטרייבער באַפאַלן געוואָרן דורך אַ כאַפּטע שקצים, וואָס האָבן אונדז גענומען באַוואַרפן מיט שטיינער. די שטיינער זענען געפאַלן אַרום אונדז ווי אַ האָגל און דערביי האָבן די טאַטעס זייערע אונטערגעהעצט מיט ווילדע געשרייען:

— פּאָקאָזשצע כלאָפּצי! דאָס זאָל האָבן געהייסן: ווייזט זיי וואָס איר קענט.

ווען נישט דער אַנטרייבער, וואָס האָט אַ יאָג געטאָן דאָס פערד און זיך אַרויסגעריסן פונעם שטיינער־געהאָגל וואָלטן מיר נישט געווען אַרויס לעבעדיקע פון מיידאַן־טאַטאַרסקי.

און נאָך געדענק איך, ווען אין די הייסע זומער־טעג בשעת די יידישע יינגלעך פון דער וואָליע האָבן זיך געבאָדן אין דער ביזטשיצע, זענען פון יענער זייט טייך אַנגעלאָפן די שקצים פון מיידאַן־טאַטאַרסקי און גענומען וואַרפן מיט שטיינער. די בהלה צווישן די יידישע יינגלעך איז געווען גרויס און נישט איינער איז געוואָרן פאַרווונדעט...

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין לובלין האָבן די גויים פון מיידאַן־טאַטאַרסקי זיך געשטעלט די ערשטע צו זייער דינסט נעמענדיק אָנטייל אין די אַקציעס קעגן יידן. דערפאַר האָבן די היטלעריסטן זיי אָפּגעדינט דורך צוטיילן זיי דירות פון די יידן, וואָס זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין ענגן געטאָ. ווען די נאַציס האָבן צעשטערט דאָס געטאָ, אַריבערפירנדיק די רעשטלעך פון לובלינער יידן קיין מיידאַן־טאַטאַרסקי, וועלכן זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ טויטן־לאַגער, זענען די וועכטער אַרום דער פיר־פאַכיקער דראָטענער פאַרצוימונג געווען רעקרוטירט פון די פריִערדיקע איינוווינער פון מיידאַן־טאַטרסקי.

דאָס זענען געווען די יעניקע, וואָס האָבן געהאָלפן די היטלעריסטן אומברענגען טויזנטער יידן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין מיידאַן־טאַטאַרסקי פון דער אַרומיקער סביבה. דאָס האָבן זיי טאָג איין טאָג אויס געטריבן די יידן צום אומקום אויף די פעלדער אַרום מיידאַן־טאַטאַרסקי.

און ווען דער גרויסער שכנותדיקער טויטן־לאַגער מיידאַנעק מיט זיין קרעמאַטאָריום און גאַז־אויוון האָט אָנגעהויבן זיין פאַרניכטונגס־אַרבעט, זענען די דאָזיקע גויים געווען פון די יעניקע, וואָס האָבן געהאָלפן ביים איבערפירן די צום טויט־באַשטימטע יידן פון מיידאַן־טאַטאַרסקי קיין מיידאַנעק.

מיטן צעשטערן דאָס לובלינער געטאָ איז מיידאַן־טאַטאַרסקי געוואָרן איינער פון די פילע פאַרניכטונגס־פּלעצער וואָס די נאַציס האָבן געהאַט אויפגעשטעלט אין גענעראַל גוווערנעמענט, ווען מושל איז געווען דער רוצח פראַנק, וואָס האָט געהאַט זיין זיץ־אָרט אין קראָקע.

אין מיידאַן־טאַטאַרסקי, ווו עס זענען טעגלעך אומגעבראַכט געוואָרן פאַרטיעס יידן, געבראַכטע פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָבן זיך איצט געפונען שמאי אַלפאָנס מיט זיינע געהילפן, דער יודנראַט מיטן ד״ר מאַרק אַלטען בראש, די יידישע פּאָליציסטן מיטן קאָמענדאַנט דעם משומד זינגער אַגענט און אויך די אַלע פּראָטעקציאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין געטאָ. אַלע אָן אויסנאַם זענען דאָ אין מיידאַן־טאַטאַרסקי געווען אויסגעשטעלט אויפן חסד פון דייטשן לאַגער־עלצטן דיטריך, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך דעם הויפּט־תליון הימלער.

איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג, ווען פון טויטן־לאַגער מיידאַנעק האָט מיטאַמאָל אויפגעשטאַרצט צום בלויען הימל אַ הויכער ציגלנער קוימען, פון וועלכן עס האָט גענומען זעצן אַ געדיכטער רויך, איז אַקוראַט אָנגעקומען קיין מיידאַן־טאַטאַרסקי אַ גרופּע יידן און צווישן זיי נישט קיין אַנדערער נאָר מאַקס דער פרויען־פאַרפירער, וועמען שמאַי אַלפאָנס האָט גלייך פאַרבעטן צו זיך, אויף אַ מין „אינטימען״ געשפּרעך:

— מאַקס! — האָט שמאי אויפגעשטעלט אויפן גוטן פּריינט זיינעם אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן — ווי קומסטו אַהער אין דאָזיקן לעבעדיקן קבר?

האָט זיך מאַקס אויף דער דאָזיקער פראַגע צעהעשעט ווי אַ קליין קינד.

— פרעג נישט גוטער ברודער. כ׳בין נאַריש אַריינגעפאַלן צו די יידן־מערדער אין די הענט אַריין.

— ווי אַזוי ביזטו אַריינגעפאַלן, מאַקס ?

— אָט אַזוי :

און מאַקס וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בר מינן האָט גענומען דערציילן די פאָלגנדע געשיכטע : די מלחמה האָט אים מיט בראָנטשען פאַרכאַפּט אין דער שטאָט קאַליש, ווו זיי זענען געווען צו גאַסט ביי זיינעם אַ גוטן פריינט, וואָס האָט ווי ער מאַקס, זיך געהאַט פאַרנומען מיט נקבות. אַזוי ווי די היטלעריסטן, וואָס האָבן צוערשט באַמבאַרדירט קאַליש, האָבן זיך שנעל גערוקט צו דער שטאָט, האָבןביידע מיט נאָך פליטים זיך געלאָזט צופוס אין וועג אַריין גייענדיק איבער פעלדער און וועלדער קיין „זאַפּאַדנע אוקראַינע״ צו די רוסן. נאָכן אָפּגיין אַ שיינע פּאָר טעג זענען ביידע אָנגעקומען קיין לעמבערג, ווו ער, מאַקס, האָט גלייך אָפּגעזוכט אַ פּאָר גוטע באַקאַנטע נעמענדיק מאַכן מיט זיי גוטע געשעפטן. איינמאָל אינמיטן דער נאַכט האָבן די רוסישע מיליציאָנערן אַרויסגעשלעפּט מאַקסן פון וואַרעמען בעט אַרויס און אָוועקגעפירט אים גלייך צו דער ענקאַוועדע. דאָרטן האָט מען אים אַ נעם געטאָן צום צימבל :

— ווילסט פאָרן קיין רוסלאַנד אָדער צוריק קיין פּוילן ?

דערויף האָט מאַקס אַרויסגענומען זיין פּאַספּאָרט פון דרום־אַמעריקאַנישן לאַנד און געענטפערט :

— דאָ אַהער קיין דרום־אַמעריקע וויל איך צוריקפאָרן.

דערהערט אַזאַ ענטפער האָבן די רוסן אַ נעם געטאָן מאַקסן אונטערן אָרעם און אים אָוועקגעפירט גלייך צום לעמבערגער וואָקזאַל, ווו מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ עשאַלאָן, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון לעמבערג קיין טיף רוסלאַנד און ווייטער קיין סיביר צו די טייגעס. אויפן וועג איז מאַקסן געלונגען צו אַנטלויפן פונעם עשאַלאָן און זיך מיט גרויס שוועריקייטן דערשלעפּן צוריק קיין לעמבערג, ווו ער האָט אָבער זיין בראָנטשען מער נישט געטראָפן. איז אים מאַקסן איינגעפאַלן אַ געדאַנק. נישט אַנדערש נאָר, אַז זי בראָנטשע, איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, ווו זי האָפט זיך צו פילן בעסער ווי דאָ צווישן די רוסן. נישט לאַנג קלערנדיק האָט מאַקס זיך

צוריק אַריבערגעפּעקלט קיין פּוילן צו די דייטשן און געגומען זוכן בראָנטשען ווי נאָך אַן אָרט. אַזוי איז פאַרגאַנגען די צייט מיטן זוכן און אַזוי איז ער אויך דורך די היטלער־לייט פאַרשלעפּט געוואָרן אַהער קיין מיידאַן־טאַטאַרסקי. דאָס האַרץ פּלאַצט אים שיער נישט פון גרויס חרטה, וואָס ער איז צוריקגעקומען קיין פּוילן כדי אומצוקומען מיט אַזאַ טויט.

געענדיקט דאָס דערציילן האָט מאַקס טיף אָפּגעזיפצט און אַ פרעג געטאָן שמאַין:

— גיב עפּעס אַן עצה, גוטער ברודער, ווי אַזוי דערהאַלטן דאָס לעבן. דערויף האָט אים שמאַי אָפּגעענטפערט:

— מאַקס מיין פריינט! כ׳בין אַליין אויף געהאַקטע צרות.

— דו זאָלסט אַזוי רעדן, שמאַי?

— כ׳בין שוין נישט דער זעלבער שמאַי וואָס געווען.

— וואָס איז די מעשה, שמאַי?

— די מעשה איז די, וואָס אין געטאָ בין איך געווען אַ קיסר און דאָ בין איך דער זעלבער קאַנדידאַט אויף אומצוקומען ווי אַלע.

מאַקס האָט פאַרבראָכן מיט די הענט.

— הייסט עס אַז מיר זענען פאַרלוירן?

— נאָך ווי אַזוי!

— וועל איך שוין בראָנטשען נישט זען פאַר די אויגן?

— אין בראָנטשען מעגסטו שוין פאַרגעסן.

מאַקס האָט זיך גענומען קלאַפּן מיט די הענט אין קאָפּ פון גרויס פאַרצווייפלונג.

— כ׳בין ווערט דאָס ערגסטע. כ׳האָב מיר דאָס אַליין אָנגעמאַכט.

מאַקס האָט געיאָמערט און שמאַי האָט אים געטרייסט:

— האַרך אויס מאַקס! כ׳קען דיר צוזאָגן דאָס איינע. כל זמן איך וועל לעבן וועסטו אויך לעבן.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?

האָט אים שמאַי איינגערוימט אַ סוד אין אויער. — כ׳האָב — זאָגט ער־

געגעבן דעם לאַגער־אויפזעער אַ טשעמאָדאַנטשיקל מיט גאָלד, ער זאָל מיך מיט מײן פאַמיליע לאָזן בײם לעבן.

— גלויבסט אַז דאָס וועט העלפן ?

— כ׳קען דיר גאָרנישט זאָגן — האָט שמאי טרויעריק געענטפערט און איז אַוועק אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך אין מײדאַן־טאַטאַרסקי.

עס זענען אַוועק טעג פול מיט פּחדים פאַרן מאָרגן וואָס קען זיך פאַרענדיקן מיט יסורימדיקע טויטן און מיט שוידערלעכקײטן וואָס קומען פאָר נאָר אין אַזאַ גהינום ווי עס איז דער נײ־אויפגעשטעלטער ריזיקער טויטן־לאַגער מײדאַנעק. פון זײן הויכן קוימען שפּאַרט טאָג און נאַכט אַ געדיכטער שטיקענדער רויך, וואָס טראָגט זיך אַריבער קײן מײדאַן־טאַטאַרסקי צוזאַמען מיטן איבלריקן ריח ווי פון געסמאַליעטן פלײש. קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו די פאַרשפּאַרטע ײדן פון מײדאַן־טאַטאַרסקי, אַז דאָרטן אין אָקעגנאיבערדיקן מײדאַנעק האָט אָנגעהויבן ברענען דער אויף דער גיך אויפגעשטעלטער קרעמאַטאָריום מיט זײנע קאָלך־אויוונס, וואָס פאַרצערט טאָג־טעגלעך הונדערטער טויטע קערפּערס פון ײדן וואָס ווערן פריער פאַרגזט אין דער נײ־אויפגעבויטער גאַז־קאַמער, וועלכע איז למראות עין אַ קאַמפּיעל (באָד) אויף צו וואַשן זיך בײם אָנקומען אין לאַגער. פון די דאָזיקע שמועות האָט אַ מוראַדיקער פּחד אַרומגענומען די רעשטלעך ײדן פון לובלינער געטאָ.

און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן: מיטאַמאָל איז מײדאַן טאַטאַרסקי געוואָרן דאָס וואָס ער איז פריער נישט געווען אַ פּאָר טויזנט ײדן פון לובלינער געטאָ און פון די אַנדערע קאַנטן, וועלכע האָבן זיך פריער געהאַט פרײ באַוועגט אויפן לאַגער־שטח, זענען איצט געווען געצוווּנגען צו זיצן שעהען לאַנג אין די האַלב חרובע פּויערישע כאַטקעס און וואַרטן אויף דער דערלויבעניש פון די היטלעריסטישע אויפפּאַסער אַרויסצוגײן אַ ביסל אויף דער פרײער לופט און דערבײ זיך קענען אויך אַרומקוקן וועגן אַ ביסן ברויט.

יעדן דריטן טאָג האָט זיך דאָ אין מײדאַן־טאַטאַרסקי געביטן די וואַך און יעדער עלטסטער איבערן לאַגער האָט אַרויסגעגעבן אַלץ ערגערע

פּאַראָרדנונגען. צום סוף איז געקומען אַ פּאַראָרדענונג וואָס האָט געלויטעט: יעדער איינער וואָס וועט געטראָפן ווערן מחוץ דער כאַטע אין דער נישט־באַשטימטער שעה וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

דאָס אָפּטע בייטן זיך פון די אויפזעער האָט שווער געטראָפן דעם געוועזענעם „קיסר" פון געטאָ, שמאי אַלפּאַנס, וואָס זיין טשעמאָדאַנטשיקל מיט גאָלד איז ווי פאַרכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיטן היטלעראָוויעץ דיטריך, אויף וועמען ער — שמאי האָט געלייגט האָפענונגען צו בלייבן לעבן און אַרויסבאַקומען זיך מיט דער פאַמיליע פון דאָזיקן קלעם, וואָס הייסט מיידאַן־טאַטאַרסקי. די פאַרבליבענע רעשטלעך פון דער לובלינער עדה האָבן דערפילט בפועל ממש, אַז דער סוף דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט און אַז די שעהן פון לעבן זענען געציילטע. די בראָך איז געוועזן גרויס און נאָך גרעסער איז זי געוואָרן, ווען עס האָבן זיך די היטלעריסטישע רוצחים אַריינגעריסן מיטאַמאָל אין לאַגער און גענומען שיסן מיט די אויטאָמאַטן אויף יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. ווען די צום טויט־איבערגעשראָקענע יידן האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די דראָטן אום זיך כאָטש אַ ווײַלע צו קענען זיך באַפרייען פון דער אומבאַשרייבלעכער פּאַניק, האָבן די גוים, די געוועזענע איינוווינער פון מיידאַן־טאַטאַרסקי, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אַלס וועכטער, געעפנט אַ פייער אויף די אַנטלויפנדע און אומגעבראַכט דערביי צענדליקער יידן.

אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן דאָס לעצטע הייפל לובלינער יידן. זיי זענען אין דער דאָזיקער שרעקלעכער בהלה פאַרשלעפּט געוואָרן אין דערנעבנדיקן מיידאַנעק און געוואָרן דאָרט אומגעבראַכט מיט די גרויליקסטע טויטן.

און שוין האָט דער הויפּט־תליון פון מיידאַנעק, גלאָבאָטשניק, געקענט זיך באַרימען אין אַ בריוו צום גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק אין קראָקע, אַז לובלין איז געוואָרן „יידן־ריין" און אַז פון געטאָ איז נישט געבליבן קיין זכר אַפילו, וואָס זאָל דערמאָנען, אַז דאָ האָבן געלעבט יידן אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

זעקס יידן זענען זיי געווען

אין איינער אַ שטורעמדיקער נאַכט, ווען אַ שלאַקס־רעגן מיט דונערן און בליצן האָט געפּלייצט אַן אויפהער פון הימל און פאַרוואַנדלט די ערד אין אַ ליימיקער בלאָטע, האָבן זיך זעקס יידישע יונגעלייט אַרויסגעגנבעט פון מיידאַן־טאַטאַרסקי, לאָזנדיק זיך גיין דורך קראָזעס פעלדער צו דער וואָליע. זיי זענען אַריבערגעשווומען די ביסטזשיצע, וואָס האָט זיך צוליב די רעגנס געהאַט צעגאָסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

דאָס שלעכטע וועטער האָט צוגעדינט די יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון דאָזיקן לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען בשכנות מיטן טויטן־לאַגער מיידאַנעק, ווו עס האָבן טאָג און נאַכט געברענט די קרעמאַטאָריע־אויוונס.

די זעקס יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן באַוויזן אַרויסצורייסן זיך פון פאַרצוימטן מיידאַן טאַטאַרסקי, זענען געווען וואָליער און געהייסן האָבן זיי מיט די נעמען און צונעמען — פאַלקע לילקעלעס, יאָסל שייטעלעס, אולקע אַרישעס, שלמה לייבעלעס, די ברידער יאַנקל און לאָזער האַלער. אַלע זענען זיי געווען פעסט־געבויטע ברייט־פּלייציקע יונגעלייט. בסוד סודות האָבן זיי זיך צונויפגערעדט און באַשלאָסן צוזאַמען זיך אַרויסרייסן פון דעם דאָזיקן גהינום.

זייער פּלאַן איז געווען אויסצובאַהאַלטן זיך אין אַ גרוב, וועלכער האָט זיך געפונען הינטערן פונדאַמענט פון דער וואָליער שול, וואָס די היטלער־לייט האָבן צעשטערט און פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה. די דאָזיקע גרוב, צו וועלכער די אַנטלאָפענע זענען בשלום אָנגעקומען, האָט זיך געפונען אויף אַ בערגל נישט ווייט פון טייך און איז איצטער צוליבן אומאויפהער־לעכן רעגן געווען נאַס און בלאָטיק. מידע פונעם אָנגעשטרענגטן לויפן

האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער ערד און איינגעשלאָפן אויף לאַנגע שעהען אין דער פינצטערער גרוב, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן הינ־טער דער שול־חורבה אויף אַ פּאָר צענדליק מעטער. אין דער צווייטער נאַכט, ווען די וואַליער גויים זענען געווען פאַרזונקען אין טיפן נאַכ־טיקן שלאָף, האָבן זיך די חברה אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע האָבן זיי אָפּגעריסן ברעטער פונעם דערבייאיקן פּלויט, וואָס האָט פריִער געהערט צום גאַרבער שמואל שטיל. די ברעטער האָבן זיי געלייגט אויף דער ערד כדי זיך באַשיצן פון דער פייכטקייט. פון די שצינעס (לאַנגע שמאָלע בלעטער) וואָס זענען געוואַקסן ביים טייך האָבן זיי זיך אויסגעבעט געלעגערס. אולקע אַרישעס איז אַוועק צו טאַדעקן אין דער בעקעריי און צוריק געקומען פון דאָרטן מיט עטלעכע ברויטן, וואָס די אויסגעהונגערטע חברה האָט ממש פאַרשלונגען. טאַדעקס בעקעריי האָט געהערט צו אולקעס פאָטער הערש אַרישעס, ווען די היטלער־רוצחים האָבן אומגעבראַכט אין קרעמפּיצער וואַלד. טאַדעק האָט אין דער בעקעריי געאַרבעט אַלס שיבער און נאָכדעם, אַז דער מייסטער מיט זיין פאַמיליע זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ איז ער געוואָרן דער באַלעבאָס איבער דער בעקעריי און איבער די שטובן מיטן הויף וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום קריסטלעכן בית עולם.

געווען איז טאַדעק נישט קיין שלעכטער שגץ און צו יידן האָט ער זיך באַצויגן זייער גוט. ער האָט געהאַט חברים יידישע בעקער־יונגען און זיך געליבט אין דער שטיל מיט דער שמש׳טעס אייניקל מינדל, מיט וועלכער ער האָט אין געהיים שפּאַצירט איבער די ווייטערע סטעזשקעס וואָס אַרום לובלין.

ווען אַלע וואַליער יידן מיט מינדלען בתוכם, זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ, האָט טאַדעק אויס בענקעניש נאָך זיין געליבט מיידל, זיך נישט איינמאָל אַריינגעגנבעט אין געטאָ, מיטברענגענדיק מיט זיך דאָס בעסטע וואָס קען נאָר זיין, ברויט, אויף צו דערהאַלטן די נשמה. ווען אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציעס, האָט טאַדעק דאָס מיידל אַרויסגע־

גנבעט, געבראַכט צו זיך און זי אויסבאַהאַלטן אין איינער פון די הויף־קאַמערן. אַ סך טעג און נעכט איז מינדל געווען אויסבאַהאַלטן פון די גויאישע אויגן און געהאַפט האָט זי איבערצולעבן דאָס שלעכטע און ווערן צוריק אַ פרייע ווי געווען. דער גורל האָט אָבער אַנדערשט געוואָלט. וואָליער גוים, וועלכע האָבן אַלע זייערע יאָרן פיינט געהאַט יידן, זענען געפאַלן אויף די שפורן פון דער אויסבאַהאַלטענער. טאַדעק וועלנדיק ראַטעווען מינדלס לעבן, האָט זי אַוועקגעפירט אין וואָליער קלויסטער צום גלח. צוערשט האָט דער גלח זי אָפּגעשמדט און נאָכהער געגעבן ביידן דעם שלוב אויסרופנדיק זיי אַלס פרומע קאַטאָליקן.

דער דאָזיקער אַקט האָט פאַרמאַכט די מיילער פון די וואָליער גוים, וועלכע האָבן די נייע קריסטין גענומען באַטראַכטן ווי אַן אייגענע, פאַרשווייגנדיק איר יידישן אָפּשטאַם און נישט פאַראַטן זי פאַר די היטלעריסטישע רוצחים. צוליב נאָך איין סיבה האָבן זיי נישט אויסגעגעבן מינדלען צו די דייטשן. טאַדעק האָט זיך גערעכנט אַלס דער איינציקער בעקער אין דער געגנט, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַקן ווייס ברויט און דערצו זעמל וואָס האָבן גוט געשמעקט די וואָליער גוים און וואָס זענען אין דער מלחמה־צייט געווען אַ יקר המציאות.

דער דריטער פרילינג זייט דעם מלחמה־אויסברוך איז געקומען מיט זיין גאַנצער פראַכט. דער הימל, וואָס איז געווען טיילווייז פאַרוואָלקנט האָט זיך אויסגעלייטערט. די זון האָט געשיינט, די בוימער האָבן זיך צעבליט און פון דער ערד האָט אויפגעשפראָצט אַ ים פון גרינס און פון רויטע און געלע בלימעלעך, וואָס האָבן פאַרשפרייט אַרום ריחות פון ווייץ און צערייבענעם צימרינג. די בלאָטעס אויפן וואָליער מאַרק־פּלאַץ האָבן אויסגעטריקנט און די ביסטזשיצע, וואָס האָט זיך געהאַט ברייט צעגאָסן, איז צוריק אַריין אין איר קאַריטע און שטיל געפלאָסן מאַכנדיק זיך אַ פרייען וועג דורך די כלערליי פאַרצוימונגען וואָס זענען אָנגעטראָגן געוואָרן בעת די שטורם־ווינטן און אומאויפהערלעכע שלאָקס־רעגנס.

דער פרילינג האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין פינצטערן גרוב צו די

זעקס באַהאַלטענע יידישע יונגעלייט, וועמען דער ביטערער גורל האָט באַרויבט די פרייהייט און די רעכט צו געניסן פון די מילדע פרילינגס־טעג. ווען זיי זענען אַזוי געלעגן איינגעקאָרטשעט אויף דער פייכטער ערד, האָט זיך צו זייערע אויערן דערטראָגן דאָס זשומען פון די פליִענדע בינען, דאָס פלאַטערן פון די זומער־פייגעלעך און דאָס שטילע פליסנדע גערויש פונעם טייך, וועמענס וואַסערן הויבן אָן שטראָמען ביי קראָזעס מיל און ווייטער דורך פעלדער און וועלדער, אַריינפאַלנדיק מיט אימפעט אין דעם גרעסערן טייך וויעפּזש.

דאָס אָרט, וואָס די וואָליער יידן האָבן גערופן „הינטער דער שול״ און וואָס איז געווען באַרגיק און באַוואַקסן מיט גראָז און ווילדע פעלד־בלימעלעך איז געוואָרן אויפגעלעבט. די אויסבאַהאַלטענע האָבן מיט פּחד זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די וואָליער שקצים טוען זיך פּליעשקען אין טייך, וואַרפן שטיינער צום אַקעגנאיבערדיקן ברעג, לאָזן זיך קאַליערן באַרג אַראָפּ און אויך אויף טשעקאַוועס אַריינקוקן אין פאַרטונקלטן גרוב, ווו עס ליגן אויסבאַהאַלטענע די לעצטע זעקס יידן פון דער איבער פופציק טויזנט־קעפּיקער לובלינער עדה.

די באַהאַלטענע קוקן אַרויס דורך די שמאָלע שפּאַלטן פון גרוב און זעען באַקאַנטע גויעס ווי זיי זיצן ביים טייך מיט פולע באַליעס גרעט און שווענקען זיי אין טייך־וואַסער. די פאַרביקע האַלקעס זענען ביי זיי פאַר־שאַרצט ביז איבער די קני און אַליין טוען זיי זיך בשעתן וואַשן די וועש אַרומשפּילן ווי די קליינע שקצימלעך, זיך באַוואַרפנדיק מיט שטיינדלעך און באַשפּריצנדיק זיך מיט וואַסער. זיי איז איצט גוט ווי די וועלט. פון די היטלעריסטן האָבן זיי באַקומען אַלס מתנה די דירות פון די וואָליער יידן מיטן מעבל און מיט די פּאָר צענדליק געשעפטן פון שניט, שפּייז, אייזנוואַרג און אַנדערע געוועלבלעך ווי קאָנדיטאָרייען, ביר־שיינקן און וועשערייען.

פאַרנאַכט, ווען די זון גייט אונטער, קומען אַהער דערוואַקסענע שקצים מיט שיקסעס און עס קומט אויך דער לאָמער פּאַוועל, וואָס האָט אַוועק־געוואָרפן דאָס שוסטעריי און טוט אויסאַרבעטן בגניבה היימישן בראָנפן

וואָס מען רופט „בימבער". ער אַליין איז אַ גרויסער שיכור. ער קומט אַהער אונטער דער שול־חורבה כדי צו קענען זיך געהעריק אָנשיכורן, נישט זייענדיק דערביי אויסגעשטעלט אויף די שפּיקעס (גראַנאַט־פּאָליציי) וואָס דינען געטריי די נאַציס און וועלכע דרייען זיך אַרום אויף דער וואָליע זוכענדיק באַהאַלטענע יידן.

איינמאָל האָט דער לאָמער פּאַוועל זיך שטיל אַריינגעגנבעט אין גרוב און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן האָט ער אין איינעם פון די ווינקלען פאַרשטעקט עטלעכע פלעשער בימבער. געווען איז דאָס אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע זעקס יידישע יונגעליים זענען שוין געהאַט געווען טיף פאַרשטעקט אין די לעכער, איינגעהילט אין אַ שלאָף מיט די קאָשמאַרע חלומות. צום גליק האָט זיי דער לאָמער נישט באַמערקט און איז ערשט אין עטלעכע טעג אַרום געקומען נעמען די טרפהנע סחורה, וואָס האָט אין זיינע אויגן געהאַט דעם גרעסטן ווערט. צוליב דעם דאָזיקן פאַל איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די פאַרזיכטיקייט ביי די אויסבאַהאַלטענע אויף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן זיך נישט געטרויט אַרויסצוגיין פון גרוב אַפילו אין דער נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז געווען פאַרשטומט און עס איז נישט געווען צו זען קיין מענטש פאַר די אויגן. די שרעק, אַז דער לאָמער פּאַוועל קען זיך מיטאַמאָל באַווייזן אין גרוב איז געווען אַן אומזיסטע. אַ רייע נעכט זענען נאָך דעם פאַל פאַרביי און דער לאָמער פּאַוועל האָט זיך נישט באַוויזן. דערווייל איז דער פרילינג פאַרביי און אויף זיין אָרט איז געקומען דער הייסער זומער, וואָס האָט די אויסבאַהאַלטענע פאַרשאַפט נישט ווייניק זאָרגן. די זאָרגן זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס אָרט אַרום איז בייטאָג געוואָרן פול מיט גויים און גויעס, וואָס זענען אַהערגעקומען מיט כאַלאַסטרעס קינדער און מיט די קוישלעך עסנס כדי זיך באָדן און פליעסקען אין קילן וואַסער. דאָס דאָזיקע יונגוואַרג, וואָס האָט נישט גערוט קיין איין מינוט, האָט געקענט לייכט אַריינקריכן אין גרוב און אַנטדעקן די אויסבאַהאַלטענע יידן. די געפאַר אַנטדעקט צו ווערן איז אויך געווען בעת אולקע אַרישעס פלעגט אַרויס פון גרוב אין די נעכט כדי צו ברענגען דאָס ברויט פון טאַדעקס בעקעריי.

ווען אולקע האָט זיך אַזוי געשאַרט אַהין און צוריק דורכן ברייטן וואָליער מאַרק־פּלאַץ האָט אים געקענט באַגעגענען נישט איין גויִשער נאַצי־אָנהענגער, וועלכער וואָלט זיכער גלייך צו וויסן געטאָן די דייטשן, אַז אויף דער וואָליע באַהאַלטן זיך אויס יידן. דעריבער איז די אַנגסט געווען גרויס יעדעס מאָל, ווען אולקע פלעגט אַוועקגיין נאָכן ברויט און ערשט ווען ער האָט זיך בשלום צוריקגעקערט איז דער גרויסער פחד פאַרביי ביז צו דער צייט, ווען דאָס ברויט האָט זיך אויסגעלאָזט און אולקע איז אויפסניי אַוועק צו טאַדעקן.

דער זומער איז געווען אין פולן ברען. אַ שפע פון זון־שטראַלן האָט זיך געגאָסן צו דער ערד און אַ ביסל ליכט האָט זיך אויך אַריינגעריסן אין גרוב, אויסלייגנדיק זיך אויף דער פייכטער ערד ווי פאַסן גאָלד. די שיין פון די שטראַלן האָט אָנגעפילט די הערצער פון די יידן מיט האָפנונג. די זעקס אומגליקלעכע יידישע יונגעלייט, האָבן קוקנדיק אויף די גאָלדיקע זון־שטראַלן, גענומען גלויבן אַז אַ נס קען געשען און זיי וועלן בלייבן לעבן אויף גאָטס וועלט.

דערווייל האָט זיך ביי זיי דאָס לעבן געפירט אויף אַזאַ אופן: בייטאָג זענען זיי געלעגן איינגעקאָרטשעטע אין די ווייטסטע ווינקלען פון גרוב און געציטערט נישט באַמערקט צו ווערן דורך אַן אומגעוווּנטשענעם גאַסט, וועלכן עס קען זיך אַמאָל פאַרגלוסטן אַ קוק צו טאָן אין דאָזיקן גרוב, פון וועלכן עס יאָגט מיט קילער ערדישער פייכקייט. ביינאַכט, ווען אַלץ אַרום טוט זיך איינהילן אין אַ שטיל־שווייגעניש און עס טוט זיך בלויז הערן דאָס וואַסער־געריוש פון דעם טייך, שאַרן זיי זיך צו צו דער גרוב־עפנונג און נעמען איינאָטעמען אין זיך די וואַרעמע נאַכט־לופט. טיילמאָל טרעפט, אַז אַלע זעקס לאָזן זיך הענדום פענדום אַרויס פון גרוב. אין דער גרעסטער איילעניש באָדן זיי זיך אויס אין טייך און שווענקען פון זיך אַראָפּ די פאַרדומפּענע גרוב־פייכטקייט. עס טרעפט אויך, אַז זיי שווימען אַריבער דעם טייך און רייסן אָן פולע הויפנס זאַנגען פון קראַזיס תבואה־פעלדער. די תבואה־קערנער דינען זיי אַלס שפייז און דאָס

שטרוי שפּרײטן זײ אױס אױף די געלעגערס עס זאָל זײן בעסער צום ליגן.

דער לאָמער פּאַװעל, װאָס האָט געהאַט פאַרשטעקט אין גרוב די פלעשער „בימבער״ האָט אױף אײנמאָל באַקומען אַ קונה אױף זײ. דאָס איז געװען דער פּױער מאַרצינאַק פון נאָענטן דאָרף װילקי. אױפן באַפעל פון דער דײטשער מאַכט איז ער געקומען אַהער אױף דער װאָליע מיט זײן קאַרע פערדל צו דער שאַצונג און געװען פול מיט דאגות פאַרן פערדלס צוקונפט, טאָמער װעלן די דײטשע מומחים עס אָנערקענען אַלס טױגבאַר פאַר דער מלחמה, װאָס די דײטשן פירן אינעם אומענדלעכן רוסלאַנד. צו זײן מזל האָבן זײ אים דאָס פערדל נישט אַװעקגענומען צוליב עפּעס אַ פּגם און מאַרצינאַק האָט פאַר גרױס שמחה באַשלאָסן מאַכן אַ כוסה. אַזױ װי מיט בראָנפן איז נישט געװען לײכט צוליבן טײערן פּרײז, איז מאַרצינאַק געװען העכסט צופרידן אײנצוגײן אױף אַ געשעפטל מיטן לאָמען פּאַװעל, װאָס האָט פאַרגעלײגט אָפּצוקױפן זײנע פלעשער בימבער פאַר ביליק געלט.

געװען איז עס דאָנערשטיק, װען די פּױערים פון די אַרומיקע דערפער פאָרן זיך צונױף אױפן ברײטן פּלאַץ. דאָרטן קומט פאָר דער װעכנטלעכער יאַריד, אױף װעלכן עס װערט פאַרקױפט און געקױפט חזירים, פערד, בהמות, געפליגל למיניהם און אױך מעל, קאַשע און אַנדערע דאָרפישע שפּײז־אַרטיקלען. בײדע האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ װעג צװישן דע מענגע דאָרפישע פורן און געקומען הינטער דער צעשטערטער שול. דער לאָמער פּאַװעל האָט פון דער באַהעלטעניש אַרױסגענומען די פאַרשטעקטע משקה צו װעלכער מאַרצינאַק, װאָס איז געװען אַ פאַרברענטער בראָנפן־טרינקער, האָט זיך צוגעכאַפּט מיט בײדע הענט, אױסטרינקענדיק מיט אײנמאָל אַ האַלבע פלאַש בימבער. װי גרױס איז אָבער געװען די איבעראַשונג פון לאָמען פּאַװעל, װען מאַרצינאַק האָט זיך מיטאַמאָל װילד צעשריגן פון גרױסע יסורים, אָנכאַפּנדיק זיך דערבײ בײם בױך:

— ראַטױיטשע! ראַטױיטשע!

אױף מאַרצינאַקס געשרײען זענען גלײך געקומען צולױפן גױים און

גויעס, וועלכע האָבן זיך געבאָדן אין טייך און נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן עפּעס צו טאָן איז שוין מאַרצינאַק געלעגן אַ טויטער אויף דער ערד און אַרום אָפּענעם מויל האָט ער געהאַט אַ ווייסע שוים.

פון דער וואָליער האַלע, וואָס האָט געדינט אַלס אַ פּאָליציי־סטאַציע, זענען באַלד אָנגעקומען די „שפּיקעס" (זשאַנדאַרמען) און האָבן דאָס ערשטע אַ נעם געטאָן דעם לאָמען פּאַוועל אויף אַ פאַרהער:

— ווו האָסטו גענומען דעם בימבער?

— כ'האָב אים אַליין געמאַכט.

— פון וואָסערע מאַטעריאַלן?

— פון ריינעם עסיק און ברען־ספּירט.

די שפּיקעס האָבן דעם לאָמען פּאַוועל גענומען דערלאַנגען קלעפּ אויף קלעפּ.

— דו לייגסט הינטישער זון דער מאַמעס!

דעמאָלט האָט זיך דער לאָמער פּאַוועל מודה געווען, אַז ער האָט צוגעמישט נישט מער ווי אַ פּאָר גלעזלעך „וואַלעריאַן" עס זאָל אַרויס־קומען שטאַרקער בימבער.

דערהערט אַזוינס האָבן די שפּיקעס אויפסניי גענומען באַלייגן מיט קלעפּ דעם לאָמען פּאַוועל:

— אַ סך פלאַשן אַזעלכע האָסטו פאַבריצירט?

— נישט מער ווי צען.

— ווו זענען זיי?

— אָט דאָ! — האָט דער לאָמער פּאַוועל אָנגעוויזן אויף דער גרוב, הינטער דער צעשטערטער שול, ווו עס זענען איצט געווען אויסבאַהאַלטן די לעצטע זעקס לובלינער יידן.

עס האָט נישט פיל געדויערט און אַלע זעקס זענען אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון חושכדיקן גרוב. אַלע זענען זיי געווען ווילד באַוואַקסן מיט רויט־צעצונדענע אויגן פון ווייניק ליכט און מיט פאַרצערטע געזיכטער פון נישט עסן צו דער זעט. די שפּיקעס, באַוואָפנטע

מיט רעוואָלווערן און צעקאָכטע פון כעס און רציחה האָבן די אומגליקלעכע יידן גענומען שלאָגן מיט די הענטלעך פון די רעוואָלווערן, זיי געקאָפּעט מיט די באַנגעלטע שטיוול און געצוווּנגען צו גיין פאָרויס אונטער די דונערדיקע אויסגעשרייען:

— מאַרש זשידזי!

די גוים און גויעס האָבן אונטערגעהעצט די שפּיקעס:

— דאַוואַטש אים פּאָ גלאָוויע. (דערלאַנג זיי איבער די קעפּ).

נישט מער ווי איינקע הונדערט מעטער האָט געציילט דער וועג צו דער האַלע צו וועלכער די יידן זענען געטריבן געוואָרן מיט דער גרעסטער אַכזריות. געווען איז דאָס אַ וועג דורכצוגיין ווי דורך אַ בראַנד־פייער, ווען פוןביידע זייטן וועג זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען די היצלעס און געשמיסן די דורכגייענדע יידן מיט די לאַנגע בייטשן, ריט־שענדיק דערביי ווי די ווילדע חיות:

— ביטש, זאַביטש זשידווו!

די שמיץ פון די בייטשן זענען שווער געפאַלן אויף די קעפּ און אויף די אַקסלען פון די מיט בלוט פאַרגאָסענע יידן, פון וועמענס מיילער עס האָט זיך אַרויסגעריסן דער אייביק יידישער אויסגעשריי:

— שמע ישראל!

און אָט אַזוי צעשמיסענע און צעשלאָגענע זענען די זעקס יידישע מאַרטירער געוואָרפן געוואָרן צו די פיס פון דער היטלעריסטישער שאַ־צונגס־קאָמיסיע, וואָס איז געזעסן אַרום אַ טיש ביי דער האַלע און געשאַצט די פּויערישע פערד. די דייטשן האָבן אָנקוקנדיק די זעקס פאַרבלוטיקטע אויפגעשטעלט מויל און אויערן:

— וואָס איז לאָס?

דאָ האָט זיך אונטערגערוקט איינער פון די שפּיקעס:

— דאָס זינד יודען הער עלטסטער!

— אַך זאָ — האָבן די היטלער־לייט אָנגעשפּיזט ביייזע אויגן אויף די

ליגנדע יידן, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט פון יסורים. די שפּיקעס זענען צוגעשטאַנען צו די דייטשן:

— וואָס מאַכן מיט די אַרעסטירטע?

— ליקווידירן.

— אויפן אָרט?

— אויפן אָרט.

מער האָבן די שפּיקעס נישט באַדאַרפט. ווי די וועלף האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קרבנות און גענומען זיי שלעפּן צום מיטן מאַרק־פּלאַץ, וואָס איז געווען אָפּגעליידיקט פון די פערד און וואָגנס. צוערשט האָבן זיי די אומגליקלעכע געבונדן צו איינאַנדער מיט שטריק און נאָכדעם גענומען צו זייער גרויסער הנאה, רייצן די אַרומשטייענדע פּויערים צו מאָרד:

— קטאָ נאַ אָכאָטניקאָ? — (ווער וויל זיך שטעלן פרייוויליק). עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָבן זיך פון צווישן די פּאַרזאַמלטע צו־געשטעלט אַ צענדליק גויאישע היצלעס:

— יאַ, פּאַניע, — דאָס הייסט איך בין גרייט צו דערשלאָגן די דאָזיקע זשידעס אויף טויט.

און דער בלוטיקער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גאַנצער שוידערלעכקייט. אַלע „פרייוויליקע" מערדער האָבן זיך אַ שטעל געטאָן אין גרייטקייט:

— יעסטעשמי גאָטאָווי, פּאַניע!

און גלייך האָבן זיך אָט די פּויערישע מערדער געוואָרפן אויף די זעקס יידישע יונגעלייט און גענומען זיי באַלייגן מיט די קלאָניצעס, מיט אייזערנע דרענגער און ווידלעס. די קלעפּ זענען געפאַלן ווי שווערע האַמערס אויף די אויסגעמוטשעטע און פון פריִער צעשלאָגענע גופים. די יונגע לעבנס האָבן זיך דאָ צווישן צעיושעטן המון שנעל אויסגעלאָשן אויף אייביק. און אַז עס האָבן נאָר אויפגעהערט די ווילדע אויסגעשרייען פון די אַרומיקע, וואָס האָבן געהעצט די שלעגער צו ווייטערדיקע קלעפּ, און אַז עס האָט זיך אויך

געהאַט אָפּגעשטעלט דער בלוטיקער ספּעקטאַקל. איז אויף דער ערד געבליבן ליגן אַ פֿאַרבלוטיקטע פֿאַרמלאָזע מאַסע, וואָס האָט ערשט מיט מינוטן פֿריִער נאָך געהאַט געאָטעמט מיט לעבן. די פֿויערים זענען זיך צעפֿאָרן. דער ברייטער וואָליער מאַרק איז געוואָרן ליידיק און דער טאָג אַ צעהיצטער פֿון דער זוניקייט, האָט זיך גענומען אָפּקילן און זיך גענטערן צו דער פֿאַרנאַכטיקייט, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָנקומען אָט שוין.

דער לאָמער פֿאַוועל איז געזעסן אין אַרעסט־צימער. וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער האַלע. אַרום אים זענען געשטאַנען די „שפּיקעס", וועלכע האָבן אים דערלאַנגט קלעפּ פֿון וועלכע ער איז געפֿאַלן אין חלשות. נאָכן אָפּמינטערן אים מיט קאַלט וואַסער האָט ער אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. די שפּיקעס האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט געהאָלפֿן די זעקס יידן זיך אויסבאַהאַלטן און אַז ער האָט גורם געווען דעם טויט פֿונעם פֿויער מאַרצינאַק. פֿאַר דיביידע חטאים האָבן אים די שפּיקעס געשלאָגן אַזוי לאַנג ביז ער איז געבליבן ליגן אַ האַלב־טויטער נישט קענענדיק רירן מיט אָן אבר. ערשט דעמאָלט האָבן זיי דעם לאָמען פֿאַוועל איבערגעפֿירט אין קרימינאַל אויפֿן שלאָס־באַרג, איבערגעבנדיק אים דאָרטן אין די הענט פֿון דער געסטאַפּאָ.

דער לאָמער פֿאַוועל האָט געהאַט גרויס מזל דערמיט, וואָס די דאָק־טוירים האָבן נאָכן פֿאַלמעסן דעם מת פֿעסטגעשטעלט, אַז נישט דער בימבער האָט אים אַוועקגעלייגט נאָר אַ האַרץ־אַטאַק וועלכן ער האָט פֿלוצלונג באַקומען נאָכן אויסטרינקען אַ האַלבע פֿלאַש מיט איינמאַל. דעם לאָמען פֿאַוועל איז אויך געלונגען איבערצוצייגן די עלטסטע פֿון קרימינאַל, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבן וויסן, אַז אינעם גרוב, וואָס ציט זיך אַוועק אויף אַ שיינע פֿאַר מעטער, באַהאַלטן זיך אויס יידן. כּדי די עלטסטע זאָלן גלויבן אין זיינע רייד האָט זיך דער לאָמער פֿאַוועל געקלאַפּט מיט די הענט אין האַרצן און דערביי נישט אויפֿגעהערט זיך צו צלמען און צו קניִען פֿאַר דער מאַטקע באָסקע.

צוריקגעקומען פֿון קרימינאַל איז דער לאָמער פֿאַוועל ערשט אין

האַרבסט, ווען פון די קאַשטאַנען־בוימער זענען געפאַלן געלע בלעטער און ווען די קילע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן אָן אויפהער, אַנזאָגנדיק שנייען און זאַוויערוכעס. דער לאָמער פאַוועל איז געווען נישט צו דערקענען. דאָס פּנים איז געווען געל און איינגעפאַלן, די פּלייצעס איינגעהויקערט און געהוסט האָט ער ווי אַ זדעכלאַק, ווי איינער וואָס האַלט אָט, אָט צו גיין פון דער וועלט. פון צייט צו צייט פלעגט פאַוועל אַוועקגיין צום טייך, וואָס האָט האַסטיק געשטראָמט, געטריבן פון די שאַרפע האַרבסט־ווינטן. ער פלעגט אויך צוגיין צום גרוב און לאַנג קוקן אויף די שוואַרצע לעכער, פון וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן פאַרדומפּענע ריחות. עס האָט אים ווייזט אויס געפּייניקט דאָס געוויסן. ער האָט זיך אַוודאי געפילט ווי איינער וואָס האָט געהאַט אַ חלק אינעם מוראדיקן אומקום פון די זעקס יידישע וואָליער יונגעלייט, וועמען ער האָט געקענט און איז געווען באַפריינדעט מיט זייערע עלטערן, וועלכע האָבן אים נישט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן אין דער נויט.

דערפאַר וועט אים אַפילו נישט איינפאַלן אויסצוגעבן דעם יונגן בהמות־טרייבער, משה קראַנאַזש. ער ווייסט, אַז משה באַהאַלט זיך אויס ביי די מאַלייס, וועלכע וווינען ביי דער וואָליער בריק און זענען באַוווּסט אַלס מעסער־שטעכער און אַוואַנטורניקעס. ער וועט אויך נישט אויסגעבן זרח דעם גאַרבערס זונדל, וועמען די גויאישע גאַרבער באַהאַלטן אויס אויף איינעם פון די בוידעמער אין בריקמאַנס גאַרבעריי, וואָס די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען גלייך נאָכן אָקופּירן פּוילן. דער לאָמער פאַוועל ווייסט אויך וועגן דער שמש'טעס איניקל מינדל, וועמען טאַדעק דער בעקער טוט אויסבאַהאַלטן און וועלכע ווערט געזוכט דורך די שפּיקעס טראַצדעם וואָס זי האָט זיך אָפּגעשמדט אין וואָליער קלויסטער. פאַוועל האַלט זיך דעריבער פונדערווייטנס פון די וואָליער גויים, וואָס חנפנען זיך צו די היטלער־דייטשן און זענען גרייט בלויז פאַר אַ קילאָ זאַלץ אויסצוגעבן יידן. אין דער וואָליער שענק, וואָס געהערט צו וולאַדעק פּעטראַשינסקי, זיצט דער לאָמער פאַוועל מיט נאָך גויים און זיי טרינקען בראָנפן פון די פלעשער, פאַרבייסנדיק מיט ביליקן וורשט. פאַוועל קלאַפּט זיך אין האַרצן מיט די

פאַרדריקטע פויסטן, און דערציילט צום וויפלטן מאָל פאַר די מיט־טרינקער ווי אַזוי ער האָט איבערגעקליגלט אין קרימינאַל די עלטסטע, אַרויסקו־מענדיק פון דאָרטן נאָכן אָפּזיצן בלויז דריי חדשים. די צוהערער גיסן אים אָן איין כוסה נאָך דער צווייטער, דער לאָמער פאַוועל טרינקט זיי אויס מיט איין זופּ און צעכליפּעט זיך פון באַזויפנקייט. די מיט־טרינקער טראָגן אים אונטער די גאַנצע פלאַש מיט בראָנפן און ער זופּט פון איר אַזוי לאַנג ביז ער פאַלט אַוועק נישט ווויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט אים. אויפכאַפּן פון שיכרות טוט ער זיך ערשט אין שעהן אַרום ליגנדיק אויף דער גאַס אַ באַדעקטער מיטן נאַר וואָס אָנגעפאַלענעם שניי, וואָס צעגייט און פאַרוואַנדלט זיך אין קאַלוזשעס וואַסער.

אין אויסגעלאָשענעם גהינום מיידאַנעק

זומער ניינצן פינף און פערציק. אין אייניקע חדשים נאָך דער שווי־דערלעכער היטלער־מלחמה בין איך געקומען קיין לובלין כדי זיך מתיחד זיין מיטן זכר פון מיינע אומגעקומענע טאַטע מאַמע, שוועסטערן און אַנדערע נאָענטע משפחה מיטגלידער. כ׳בין אויך אַהערגעקומען אויף צו אייביקן דעם אָנדענק פון דער פאַרשניטענער יידישער עדה מיט וועלכער איך האָב אין די אַלע יאָרן טאָג־טעגלעך געשפּרייזט מיט האָפנונגען אויף אַ בעסער לעבן אין אַ בעסערער וועלט.

עס איז נאָך געווען גראָער פרימאָרגן, די זון איז נאָך נישט געהאַט אויפגעגאַנגען און די מענטשן זענען נאָך געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, האָבן נאָך געחלומט חלומות שלעכטע און גוטע, טרויעריקע און פריילעכע, אויף דער שוועל פונעם נייעם טאָג. אַזאַ טאָג קען ברענגען זונענשיין, רעגן, היץ און קעלט אָדער גאָר פאַרוואָלקנטע הימלען מיט דונערן און בליצן.

עס איז געווען שלום אויף דער וועלט. די עראָפּלאַנען האָבן נישט געוואָרפן קיין באָמבעס, די האַרמאַטן האָבן נישט געקראַכט און אויף די גאַסן, איבער וועלכע איך האָב איצט געשפּאַנט האָט געהערשט אַ פּאַסטאָ־ראַלע שטילקייט, וואָס האָט האַרמאָניזירט מיט דער פרימאָרגנדיקער ליידיקייט, אין וועלכער עס וועט זיך אָט באַלד אַריינרייסן דער לעבנס־רעש. און אָט האָט זיך פון צווישן דער פרימאָרגנדיקער גראָקייט אַרויס־גערוקט דער טאָג אַ באַצירטער מיט דער זון, וואָס האָט גענומען פאַרגיסן דעם אַרום מיט אַ ים פון שטראַלן אָנגעזאַפּטע מיט גלי און בליציקער ליכטיקייט. די גאַסן זענען מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט מענטשן און וואָגנס,

מיט פרייד און געלעכטער, מיט מיזאַמער אַרבעט, געאָרעמט מיטן גערויש פון מאַשינען און מיטן גאַנצן גערודער פון דעם נייעם טאָג.

דעם וועג קיין לובלין מיט דער באַן, האָב איך דורכגעמאַכט אין דער נאַכט פול מיט פּחד פאַר די פּוילישע אַקאָווצעס, זין און אייניקלעך פון די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס, וועלכע קענען נישט אויסוואָרצלען ביי זיך די שנאה צו די ווינציק לעבן־געבליבענע יידן, וועמען זיי וואַרפן אונטער די רעדער פון די באַנען. זיי מאָרדן אויך יידן אין זייערע שטובן, אויף די גאַסן און ווו עס לאָזט זיך נאָר דערהרגענען דעם, וועמען זיי האַסן און ווילן נישט זען אינעם באַפרייטן פּוילן.

איצט בין איך אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, די איינציקע יידישע גאַס, וואָס די היטלער־לייט האָבן געלאָזט און וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ צענטער פאַר האַנדל און מלאכה. אַלע הייזער זענען באַזעצט מיט גויים, וועלכע קוקן אויף די צוריקגעקומענע יידן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אויף דער גאַס, מיט אָפענער שנאה. די גויים קענען אַוודאי נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס זענען נאָך פאַרבליבן יידן נאָך אַזאַ אויסראָטונג און אַז אָט די דאָזיקע על פּי נס לעבן־געבליבענע יידן האָבן זיך באַוויזן אויפסניי אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס, ווו עס האָט אַמאָל געשפּרודלט מיט יידיש לעבן.

איך באַגעגן דאָ אויף דער גאַס דעם געוועזענעם בהמות־טרייבער משה קראַנאַזש, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי די מאַליס. איך האָב אויך געטראָפן זרח דעם גאַרבערס זונדל, וואָס איז געווען אויסבאַהאַלטן אויף איינעם פון די בוידעמער אין בריקמאַנס גאַרבעריי, וועלכע איז איצט נאָך דער מלחמה אַריבער אין די הענט פון די נייע פּוילישע באַלעבאַטים. זיי, די דאָזיקע הערשער, האָבן דאָ אין לובלין געהאַט אויפגעשטעלט מיט טעג צוריק די צייטווייליקע רעגירונג. די פאַר צענדליק יידן, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט צוריקגעקערט פון די באַהעלטענישן אין די וועלדער און פון די סיבירער טייגעס, דרייען זיך דאָ אַרום ווי אויף פרעמדער ערד. בייטאָג האַנדלען זיי אַ ביסל אונטער מיט געניצטע בגדים, טרייבן מעקלערישע

געשעפטן מיט הייזער וואָס האָבן געהערט צו יידן און ווערן פאַרקויפט פאַר גראָשנס צו די גויים און ביינאַכט גייט מען שלאָפן אין „פרץ־הויז" אויפן טשאַטיק, וואָס דינט איצט אַלס אַן אכסניה פאַר די רעשטלעך יידן.

אין פרץ־הויז, וואָס איז פאַר די מלחמה־יאָרן געוואָרן אויפגעבויט דורכן „בונד" און וואָס איז מעשה פלא נישט צעשטערט געוואָרן דורך די נאַציס, האָב איך אויף איינער פון די פּאָליצעס אין ביבליאָטעק־צימער דערזען אַ הויפן צעשיטע פּאַפּירלעך, פאַרשריבענע מיט אַ בלייפעדער און אונטערגעשריבן דורך לייבעלע דעם פּאָעט. דאָס זענען געווען לייבעלעס אויסגעדיכטעטע לידער, געשריבן מיט אַ קוים לעזבאַרער שריפט און מיט נישט ווייניק גרייזן. וואָלט לייבעלע פּאָעט געווען איבערגעלעבט די דאָזיקע שוידערלעכע מלחמה, וואָלט פון אים זיכער געווען אַרויסגעקומען אַ ציי־טיקער רייפער דיכטער פון וועמענס לידער עס וואָלט זיך געטראָגן דער וויי פון די אומגעקומענע לובלינער יידן. לייבעלעס פאַרשריבענע פּאַפּיר־לעך, וואָס זענען ווייזט אויס צופעליק געפונען געוואָרן אויפן טשאַטיק, האָבן זיך צוליב זייער נישט־לעזבאַרער און כמעט קינדערישן כתב, אַרומ־געוואַלגערט סתם אַזוי אויף דער פּאָליצע אָן אַ תיקון און אויך אָן די לייענער, וואָס זאָלן זיך פאַרטיפן אינעם געשריפטס און לאָזן דערביי אַ טרער, ווי עס האָט געטאָן דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

צומאָרגנס נאָך מיין קומען קיין לובלין האָב איך זיך געלאָזט גיין מיטן וועג וואָס האָט געפירט צו איינעם פון די שרעקלעכסטע טויט־לאַגערן — צום מיידאַנעק. דער וועג האָט געפירט פאַרביי די גאַסן: זאַמויסקע, פּאַקסאַלנע, איבער דער פאַרשטאָט בראָנאָוויץ, פונוואַנען עס האָט זיך אַוועקגעצויגן אַן אַספאַלטענער שאָסיי קיין מיידאַנעק — דעם ריזיק גרויסן גהינום, וואָס האָט אין זיינע ברענענדיקע אויוונס פאַר־שלונגען קרוב צוויי מיליאָן יידישע לעבנס, צווישן זיי גרייז־גראָע זקנים, זויג־קינדער, טראָגנדע פרויען און אויך יונגע פּאָרלעך וואָס האָבן אָקאָרשט חתונה געהאַט.

דער טויער, דורך וועלכן עס זענען אַריינגעטריבן געוואָרן די מיליאָנען

קרבנות, איז איצט געווען אויפגעפּראַלט און דורך דער פרייער עפנונג האָבן אָן אויפהער געשטראָמט מענטשן. זיי האָבן געאײַלט אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע בייזע וווּנדער אין געשטאַלט פון קרעמאַטאָריע־אויוונס, פון אַ טײַוולאָנישע באָד, ווו די קרבנות זענען פאַרגאַזט געוואָרן און פון מאַגאַ־זינען, אָפּגעפּולטע מיט קליידונג, שיך ברילן, אָפּגעשניטענע האָר פון אַלע פאַרבן, ווי אויך מיט קינדער־שפּילצייגן, טשעמאָדאַנען, טאַשן און אַנדערע מיני חפצים. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעהויפט אין קופּעס וואָס האָבן זיך געהויבן ביזן סופית און ווי שטומע עדות דערמאָנט, אַז זיי זענען געווען דאָס אייגנטום פון אומשולדיקע מענטשן, וועמען די נאַציס האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד־אייבערפלאַך.

איצט נאָך דער היטלער־תקופה וואָס האָט זיך געגרייט צו דער „טויזנט־יאָריקער הערשאַפט" שטייט דער אויסגעלאָשענער גהינום מײַדאַ־נעק אַ פאַרשטומטער און גרויזאַמער מיטן אַש פון קאַצעטלער, וועלכע זענען ביז צו דער פאַרברענונג דורכגעגאַנגען אַ ים פון פּיין און יסורים. די פויערים פון דער געגנט מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן נאָך דער מלחמה האָבן מיר דערציילט די שוידערלעכע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן טויטן־לאַגער. מײַדאַנעק מיט זײַנע הונדערטער באַראַקן, ווו מענטשן האָבן געשמאַכטעט און אויסגעגאַנגען, און וואָס האָט זיך געצויגן ווייט אַוועק ביז צו דער עראָפּלאַנען־פאַבריק פלאַגאַ־לאַשקעוויטש, וואָס די דייטשע פליִער האָבן חרוב געמאַכט בעת זייערע ערשטע אָנפאַלן אויף לובלין.

דער דאָזיקער לאַגער איז געווען פול מיט היטלעריסטישע אויפזעער, וועלכע האָבן אויסגעפירט טאָג־טעגלעך די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס. די רוצחים האָבן זיך געלערנט שיסן אין ציל אויף לעבעדיקע קאַצעטלער, וואָס זענען אין אַ ספּעציעלער שיס־האַלע געוואָרן צוגעבונדן צו די ציל־ברעטער. די תּליינים האָבן אויף די קרבנות אויפגעהאָנגען די טרעף־צייכנס פונקט דאָרט ווו עס האָט זיך געפונען דאָס האַרץ. די מערדער האָבן אויך אַוועקגעשטעלט אויפן קרויט־פעלד פון לאַגער פאַרמאַטערטע

קאַצעטלער אַלס סטראַשידלעס כדי אָוועקצוטרייבן די פויגלען. לעבעדיקע מענטשן זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די געמויערטע באַסיינען אום צו זען ווי לאַנג זיי וועלן אויסהאַלטן אונטערן וואַסער. דערביי זענען די מערדער געשטאַנען אַרום מיט די רעוואָלווערן גרייט צום שיסן אין פאַל ווען דער קרבן וועט פאַרזוכן אַרויסצובאַקומען זיך פונעם באַסיין.

אין מײַדאַנעק האָבן אויך געזייעט טויט און פאַרניכטונג פינף „בלאָנדע בעסטיעס". דאָס זענען געווען פינף אויפזעערינס איבער די יידישע קאַצעט־לערינס. די דאָזיקע דײַטשקעס האָבן טאָג טעגלעך פאַרן פרישטיק געמוזט פאַרשמייסן אויף טויט אייניקע פרויען וואָס זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די באַראַקן כדי צו שטילן זייערע סאַדיסטישע אינסטינקטן. די פינף „בעסטיעס" וואָס זענען אַהער געשיקט געוואָרן דורך דער נאַצי־פּאַרטיי, זענען געווען אָנגעטאָן אין רייט־הויזן און לאַקירטע שטיוול. זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט גומענע נאַהייקעס צו שמייסן און רעוואָלווערן צום שיסן. זיי האָבן געטריבן און געיאָגט די קאַצעטלערינס צו דער אַרבעט אויפן פעלד, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט קילריבן, קרויט און אַנדערע גרינצייגן. די „בעסטיעס" האָבן סתם אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס געשאָסן אויף די גייענדע פרויען און חוץ דעם געשמיסן מיט די נאַהייקעס אַזוי לאַנג ביז דער קרבן איז געפאַלן טויט. די אַרבעט אויפן פעלד איז געווען אַ שווערע און נאָך שווערער איז געווען דער הונגער. ווען קיינער האָט נישט געזען פלעגן די פרויען גנבענען אַ קילריב אָדער אַ מייערל פון דער ערד אַרויס און עס אויפעסן כהרף עין. נישט שטענדיק איז אָבער געלונגען אַזאַ גניבה און נישט איינמאָל האָט דאָס שאַרפע אויג פון דער אופיזעערין מיטאַמאָל געגומען בייז בליצן און גלייך נאָכדעם האָט די קויל פונעם אָנגעשטעלטן רעוואָלווער דורכגעלעכערט דאָס האַרץ פון דער אומגליק־לעכער קאַצעטלערין.

דער טויט האָט געבושעוועט אין מײַדאַנעק. עס איז נישט געווען קיין אָנטרינונג פאַר אים. רויטע פלאַמען און רויך־וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס און דער ווינט האָט זיי געטריבן ווייט אַוועק

צום חרובן געטאָ, וואָס איז איצט געוואָרן אַ וויסט ליידיקער פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז נישט צו זען קיין לעבעדיקע נשמה.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די רוסן זענען אַריין קיין לובלין, האָבן זיי אין מיידאַנעק געטראָפן בלויז צוויי יידישע פרויען און פינף קינדער, וואָס די היטלער־מערדער האָבן נישט באַוויזן אַרויסצופירן. די זיבן לעבנ־געבליבענע שקעלעטן זענען געפונען געוואָרן אין איינעם פון די קעלערן, וואָס האָט געדינט די נאַציס אַלס טאָרטור־קאַמער. זייערע טיף־איינגעפאַלענע און דערשראָקענע אויגן האָבן עדות געזאָגט וועגן איבערמענטשלעכן פּיין און יסורים.

די ערגסטע פאַרברעכער וואָס דאָס דריטע רייך האָט פאַרמאָגט זענען געשיקט געוואָרן אין די קאַצעטן, כדי דאָרטן צו זייען טויט און פאַרניכטונג. די נאַציס האָבן פון זייערע תפיסות אַרויסגענומען די געמיינסטע סאַדיסטן, די געפערלעכסטע דעגענעראַטן און זיי געלערנט די תורה פון מאַסן מאָרדן. דער גאַנצער גרויסער שטח פון מיידאַנעק איז נאָך עד היום פאַרפולט מיט די ביינער פון די אומגעקומענע און די ערד פון דאָזיקן לאַגער איז אויסגעמישט מיטן אַש פון די פאַברענטע יידן, וואָס די היטלעריסטן האָבן אַהערגעבראַכט פון אַלע זייערע אָקופּירטע געביטן.

מיידאַנעק האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריזיקן טורמע־פּלאַץ, אײַנגאַנצן אַ פאַרצוימטער מיט עלעקטריזירטע דראָטן. אין יעדער אָפּגעצוימטן ווינקל האָט זיך געפונען אַ באַראַק מיט קאַצעטלער, איבער וועמענס לעבן האָט געהאַט צו זאָגן דער „קאַפּאָ" און זיינע געהילפן. יעדער באַראַק איז געווען פאַרצוימט מיט די דאָפּלטע דראָטן און בלויז אַ שמאָל טירל האָט געפירט צום צווייטן פאַרצוימטן באַראַק, וואָס האָט געהאַט אַ ווייטערדיק טירל צו די ווייטערדיקע באַראַקן. אומעטום האָבן זיך געפונען באַוואָפנטע וועכטער אויף הויכע טורעמלעך און גרייטע צו שיסן אויף יעדן איינעם, וואָס וועט וואָגן זיך צו דערנענטערן צו די דראָטן.

דער אַרבעטס־טאָג אין מיידאַנעק האָט זיך אָנגעהויבן ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און ווען אַלץ אַרום האָט געגליווערט מיט דער

פּיינפולער נאַכטיקייט וואָס וועט אָט באַלד צעשווימען און פריי לאָזן דעם וועג פאַרן גראָען פרימאָרגן. דעמאָלט פלעגן די דייטשן אַרויסטרייבן די קאַצעטלער פון די באַראַקן צום אַפּעל אונטער אַ האָגל פון קלעפּ אויס־געמישט מיט די ווילדע אויסגעשרייען פון די בלאָק־עלטסטע און זייערע אויבער־האַרן די עס־עס־לייט.

נאָכן אויסטרינקען פון בלעכל די אומגעצוקערטע ציקאָריע זענען די קאַצעטלער געטריבן געוואָרן צוריק אין די באַראַקן און שוין אין געציילטע מינוטן געיאָגט געוואָרן צו די שווערע אַרבעטען אויפן לאַגער שטח, ווו זיי האָבן געשלעפּט שווערע שטיינער מוזנדיק דערביי לויפן שנעל. דער וואָס איז אָפּגעשטאַנען איז דערשלאָגן געוואָרן אויף טויט דורך די „קאַפּאָס". נאָכן אָפּאַרבעטן אַזוי ביז אין דער נאַכט אַריין, זענען די קאַצעטלער אַוועק צוריק אין די באַראַקן מיטשלעפּנדיק מיט זיך די טויטע.

דער טויט אין מיידאַנעק האָט געלויערט פון אַלע פינצטערע ווינקלען. דער מלאך המוות אין געשטאַלט פון די קאַפּאָס, בלאָק־עלטסטע און לאַגער־פירער האָט געשניטן לעבנס אויף רעכטס און אויף לינקס. די שפּיאָנירנדע אויגן פון די קאַפּאָס און בלאָק־פירערס האָבן דערטאַפּט די קרבנות בעת זיי האָבן געשאַרט זיך אין דער נאַכט צו די קלאָזעטן אָדער בעת זיי האָבן זיך געגראַבלט אין מיסט ביי דער לאַגער־קיך מיט דער האָפנונג צו געפינען דאָרטן קאַרטאָפל־שאָלעכץ כדי צו שטילן דעם שרקלעכן הונגער וואָס האָט געפּייניקט ביז וואַנזין.

דער טויט האָט אויף די קאַצעטלער געלויערט אויך בעתן שלאָף אין די באַראַקן. ברוטאַלע הענט האָבן צעטרייסלט זייער רו מיט אַ פעסטן קלאַפּ אין קאָפּ. נישט ווויסנדיק וואָס מיט אים טוט זיך, איז דער קרבן אַוועקגעלשפּעט געוואָרן צום ווייטסטן ווינקל ווו ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ שטילן אופן דורך דערשטיקונג. צומאָרגנס בעתן אַפּעל האָט דער בלאָק־עלטסטער צווויסן געגעבן דעם עס־עסישן לאַגער־עלטסטן,

אַז אַזוי פיל און אַזוי פיל קאַצעטלער זענען אין דער נאַכט אַוועקגעשטאָרבן אָן אַ שום סיבה. דער עס־עס־מאַן האָט דאָס אויסגעהערט און לפנים געמומען שרייען אויפֿן בלאָק־עלטסטן, וואָס פּאַסט נישט אויף געהעריק אויף זיינע מענטשן. אַלס שטראָף האָט ער אים געהייסן אָט שוין באַלד צונויפֿנעמען די טויטע און זיי גלייך אַוועקפירן צו די אויוונס.

אַזעלכע פּרימאָרגן־סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג אויף די צענדליקע אַפּעל־פּלעצער. מענטשן וואָס האָבן מיט ניסים זיך געראַטעוועט פון דעם דאָזיקן גהינום האָבן מיר שפּעטער דערציילט, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטש אין מיידאַנעק איז געווען זייער קורץ. שוואַכע האָבן לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. געזונטע דאַקעגן האָבן נאָכן איבערלעבן אַ געוויסע צייט געמומען אויסגיין פון הונגער און שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט. זיי האָבן געשלעפּט שווערע שטיינער און געמוזט דערביי לויפן גאַלאָפּ אונטער די טויט־קלעפּ פון די אויפזעער. דער טויט האָט אויך נישט אויסגעמיטן נאָך דער אַרבעט, ווען נאָכן אָפּשטיין אַ גוטע פּאָר שעה אויפן אַפּעל האָבן די קאַצעטלער געמוזט וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויפן קאַרגן ביסל עסן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ וואַסערדיקער זופּ.

בכדי צו קענען לעבן אין מיידאַנעק האָט מען געמוזט האָבן גרויס פּראָטעקציע ביי די לאַגער־פירער, וועלכע האָבן אַזאַ איינעם אַריינגעגעבן אין דער לאַגער־קיך אַלס קאַרטאָפל־שיילער אָדער אין די וואַרשטאַטן, ווו די פּאַכלייט האָבן באַקומען אַ ביסל מער עסן און געטראָגן בעסערע לאַגער־קליידער.

איינער פון די קאַרטאָפל־שיילער איז געווען דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער ד״ר יצחק שיפּער, וואָס איז אַהער קיין מיידאַנעק געבראַכט געוואָרן נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זיינע גוטע פריינט, וועלכע האָבן דאָ אין טויטן־לאַגער זיך געהאַט איינגעשאַפּט פּראָטעקציע, האָבן דעם ד״ר שיפּער געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז די היטלער־מערדער האָבן אין איין שיינעם העלן טאָג אומגעבראַכט

אַלע לאַגער־יידן, צווישן זיי דעם טייל פון די העלדישע געטאָ־קעמפער, וועלכע זענען מעשה פלא געבראַכט געוואָרן קיין מיידאַנעק פון פּאַרניכ־טונגס־לאַגער טרעמבלינקע.

אין די העלדישקייטן פון אייניקע יידישע קאַצעטלער איז אויך גע־קומען צום אויסדרוק דער מוט. וועגן איינער אַזאַ העלדישקייט האָט מיר דערציילט דער לובלינער גוי מאַרציק, וועלכער איז דעמאָלט געווען איינער פון די קאַרטאָפּל־צושטעלער פאַרן לאַגער און האָט אַזוי אַרום געקענט זיך צוקוקן צום דאָרטיקן לעבן.

אין אַ געוויסן גראָען האַרבסטיקן טאָג איז מאַרציק פאַרפאָרן קיין מיידאַנעק מיט אַ פור קאַרטאָפּל. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איי־ניקע יידישע קאַצעטלער אונטער דער אויפזיכט פון אַן עס־עס־מאַן האָבן גענומען אויסלאָדן די זעק קאַרטאָפּל אַריינוואַרפנדיק זיי אין דער טיפער קאַרטאָפּל־גרוב. די גרוב האָט זיך געפונען פונקט נעבן פרויען־לאַגער, ווו עס האָבן געשמאַכטעט אַ פּאָר טויזנט יידישע מיידלעך אונטער דער אויפ־זיכט פון די פינף באַקאַנטע בעסטיעס. פלוצעם האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך: איינער פון די וואָס האָבן אויסגעלאָדן די זעק האָט דערזען מיטאַמאָל צווישן די שורות אָנקומענדע קאַצעטלערינס זיין שוועסטער חאַנטשע, ווענען ער האָט זיך שוין נישט געריכט צו זען צווישן די לעבעדיקע. ברודער און שוועסטער זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און באַגאָסן איינע דעם אַנדערן מיט טרערן.

— שוועסטער מיינע!

— ברודער מיינער!

נאָר דאָ האָט זיך גלייך אַריינגעמישט דער עס־עס־שומר, וואָס האָט ביידע איינגעקלאַמערטע אין זיך שוועסטער און ברודער גענומען באַלייגן מיט קלעפּ פון זיין ביקסן־קאָלבע, שרייענדיק דערביי מיט באַנומענע קולות:

— פאַרפלוכטע דרעקיקע יודן שווייַנען!

דער היטלעריסטישער שומר האָט זיך ווייט נישט געקענט באַרואיקן.

ער האָט זיך נישט געקענט שענקען אַזאַ זאַך, אַזאַ אומדערהערטע יידישע חוצפּה און ער האָט נישט אויפגעהערט שרייען און פלוכן:

— קרייץ דאָנערוועטער; יודן־שייס!

דער כעס האָט אין אים געקאָכט און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן אייזערנעם דראָנג און אים אַריינגעשטופּט אין ברודערס האַנט:

— שלאָג! האָט ער אָנגעוויזן אויף דער שוועסטער.

דעמאָלט האָט דער ברודער נישט לאַנג טראַכטנדיק זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן מערדער און גענומען אים שלאָגן מיטן אייזערנעם דראָנג איבערן קאָפּ און איבער די פּלייצעס צוגעבנדיק דערביי:

— דאָס האָסטו דיר פאַר אַלע דיינע מערדערייען איבער יידן!

גלייך זענען געקומען צולויפן פון אַלע זייטן עס־עס־מענער און קאַפּאָס און האָבן דעם ברודער מיט דער שוועסטער דערשלאָגן אויפן אָרט מיט זייערע רימענע פּייטשן און ביקסן־קאָלבן מיט וועלכע זיי האָבן טאָג־טעגלעך דערשלאָגן אויף טויט צענדליקער אַנדערע יידישע קאַצעטלער.

אַ צווייטער ענלעכער פאַל האָט פּאַסירט ביי פאָלגנדע אומשטענדן: איינער פון די עס־עס־רוצחים, מיט אַ נאַהייקע אין איין האַנט און מיט אַ רעוואָלווער אין דער צווייטער, האָט זיך פאַרגנבעט צום אָרט ווו עס האָבן אונטער אַ האָגל פון קלעפּ געאַרבעט אַ פּאָר צענדליק פאַרפּייניקטע יידן שלעפּנדיק וועגעלעך מיט זאַמד און שווערע שטיינער, וואָס זענען גענוצט געוואָרן ביים לייגן אַ פונדאַמענט פאַר נאָך אַ לאַגער־בלאָק. דער עס־עס־מאַן איז מיטאַמאָל אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, גענומען פאָכן מיטן רעוואָלווער און דערביי געשלאָגן מיט דער נאַהייקע איבער די איינגע־בויגענע רוקנס פון די יידן. ער האָט ווילד געשריגן:

— דרעקישע יודן־שווינען!

איך וועל אייך ווייזן ווי אַזוי צו אַרבעטן אין אַ קאַ־על.

דערביי האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטן בעסטן קאַצעטלער און גענומען באַלאָדענען זיין וועגעלע מיט די שווערסטע שטיינער. דאָס וועגעלע איז געוואָרן אַזוי שווער, אַז דער אומגליקלעכער האָט נישט געקענט

שטעלן קיין טריט. דער דייטש האָט אים גענומען שלאָגן און טרייבן מיטן הענטל פונעם רעוואָלווער:

—שלעפּ, דרעק־יודע!

— כ׳קען נישט הער הויפּטמאַן — האָט דער קרבן געקרעכצט אונטער דער שווערער משא.

— שלעפּ! — האָט די שטים פונעם עס־עס־מאַן געדונערט און ער האָט נישט אויפגעהערט דערביי באַלייגן מיט קלעפּ דעם קרבן.

דעמאָלסט, ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דער קאַצעטלער זאָל פאַלן אונטער דער שווערער משא, האָט איינער פון דער גרופּע מיטן נאָמען הערצקע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל ביי לובלין, זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ ריס אָפּ פון אָרט און איידער וואָס ווען איז ער מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ צוגעלאָפן צום היטלעראָוויעץ, אים געוואָרפן אויף דער ערד און אַרויסרייסנדיק דעם רעוואָלווער פון זיין האַנט געגומען אַרייניאָגן אין אים אַלע קוילן.

די שאָסן האָבן אָנגעטריבן עס־עס־מענער פון אַלע זייטן. זיי האָבן גלייך געעפנט אַ פייער אויפן העלדישן הערצקע, וועלכער איז געפאַלן אַ דורכגעלעכערטער דורך די קוילן און נאָך באַוויזן אויסצושרייען: שמע ישראל!

גרויס איז דער ווייטיק בעתן אויסהערן די דאָזיקע פּרטים און ביים אָנקוקן דעם אויסגעלאָשענעם גהינום. אַ טיף דערשיטערטער פאַרלאָז איך דאָס שרעקלעכע אָרט און לאָז מיך גיין מיטן וועג וואָס פירט צו דער וואָליע. עס איז ערשט האַלבער טאָג. די ליכטיקייט פאַרבלענדט די אויגן און די זומערדיקע הייסקייט נעמט אַרום דעם קערפּער ווי מיט אָנגעגליטע רייפן. דער וועג צו דער וואָליע פירט דורך מיידאַן־טאַטאַרסקי, ווו עס האָבן ערשט נישט לאַנג נאָך געשמאַכטעט אונטערן בלוטיקן נאַצישן טעראָר איבער צען טויזנט לובלינער יידן, די לעצטע פון דער דאָזיקער גרויסער בליִענדיקער יידישער קהלה. נאָכן אָפּזיין אַ קורצע צייט דאָ אינעם לאַגער זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן מיט די שרעקלעכסטע טויטן. איצט שטייען

דאָ די פאַרעיפּושטע דאָרפישע הייזלעך אויסגעליידיקטע, אָן טירן און פענצטער און אָן וועלכן עס איז סימן פון לעבן.

ווייטער אַוועק פון מיידאַן־טאַטאַרסקי ציִען זיך רחבותדיקע פעלדער וואָס גרייכן ביז די אַרומיקע לובלינער דערפער: היידיף, ווולקע און קרעמפיץ. דורכן קרעמפּיצער וואַלד, ווו עס געפינען זיך די יידישע מאַסן־קברים, האָבן געשפרייזט אַמאָל יידישע דאָרפס־גייער, בהמות־טרייבער און סתם יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן געאיילט אַנצוקומען וואָס גיכער קיין לענטשנע, קיין פינטשעוו און צו די ווייטערע שטעטלעך, וואָס זענען געלעגן נאָענט צום וואָלינער טראַקט. איצט נאָכן גרויסן חורבן וועט מער קיין יידישע פוס נישט טרעטן איבער דער דאָזיקער געגנט, וואָס פאַר־כאַפּט דאָס אויג מיט איר שיינקייט אין יעדן ווינקל.

דער טאָג איז אין פולן ברען. אַלץ וואָס ליגט דאָ פאַרזייט און פאַר־פלאַנצט אין דער ערד טוט געדייען און אויפשפּראָצן אַקעגן דער זון. איך שפּרייז אַ באַגאָסענער מיטן טאָג־שיין פאַרביי קראָזעס תבואה־פעלד, ווו מיר וואָליער חדר־יינגלעך, האָבן נאָכן אַריבערשווימען די ביסטזשיצע געריסן זאַנגען, זיי אָפּגעבראָטן אויפן פייער און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אָט גיי איך אַדורך דעם גראָפּס וועלדל, קום אַרויס אויף דער וואָליער ברוק, ווו נישט ווייט שטעקט דאָס הייזל פון די ברידער מאַליי, די שטאַרקע שלעגער פאַר וועלכע לובלין האָט געציטערט און וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט אויסצובאַהאַלטן דעם בהמות־טרייבער משה קראָ־נאַזש, איינשטעלנדיק זייער אייגן לעבן. אָט בין איך אויפן וואָליער מאַרק־פלאַץ, ווו דער גויאישער פּעבל האָט אינעם יאַריד־טאָג בעסטיאַליש אומ־געבראַכט די זעקס וואָליער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געהאַט אויסבאַ־האַלטן אין גרוב, הינטערן חרובן בית המדרש.

איצט שטיי איך דאָ פאַר דער גרוב און קוק אויף די קופּעס אָנגע־וואָרפענע ברוך־שטיינער, אויף די פאַרבליבענע שטיקער וועגט, פאַר־בליבענע פון דעם מקום קדוש. אַרום מיר שטייען וואָליער גוים און קוקן מיך אָן פאַרחידושט מיט זייערע פאַרגאַפטע אויגן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— ווי אַזוי ביזטו מרדכי יעקב׳ס זון געבליבן לעבן נאָך אַזאַ וויסטער מלחמה ?

און אָט איז טאַדעקס בעקעריי, וואָס האָט געהאַט געהערט צו הערש אַרישעס. מינדל דער שמשטעס איניקל, וועלכע איז איצטער בבחינת אַ גויע, האָט טאַדעקן אין דער צווישנצייט געבוירן פיר קינדער און עס וועט נאָך אַוודאי צוקומען נאָך. טאַדעק, וואָס האָט ריזיקירט מיטן לעבן כדי צו ראַטעווען פון טויט זיין געליבטע, איז שטאָלץ מיט זיינע קינדער און לאָזט נישט מען זאָל אויף זיי רעדן אַ שלעכט וואָרט.

אָט זענען די אַלע יידישע שטובן, אין וועלכע עס וווינען איצטער גויים. נישטאָ ביי מיר דער כוח אָנצוקוקן דעם גוי, וועלכער וווינט אַצינד אין די שטובן פון מיינע אומגעבראַכטע טאַטע, מאַמע, שוועסטער און אַלע אַנדערע קרובים, וואָס האָבן געוווינט מיט אונדז אַ טיר צו אַ טיר. איך אַנטלויף פון דער וואָליע ווי געיאָגט פון בייזן קאָשמאַר. איך אייל פאַרביי דעם אַלטן פאַרצייטישן יידישן בית עולם, פון וועמענס בערגלעך עס קוקן אַראָפּ פאַרגרינטע מאָכישע מצבות.

שווער איז איינאָטעמען די לופט אין דער היימשטאָט, וועלכע איז אָנגעזאַפּט מיטן יידישן פאַרגאָסענעם בלוט. נאָך שווערער איז צו גיין צו די אַלע פּלעצער, ווו די פיס האָבן געטרעטן פאַר דער מלחמה און די ערטער ווו עס האָט אַמאָל געקלונגען דאָס פריילעכע יידישע געלעכטער, טוט איצט לאַכן דער גוי. אויף זיין פּנים באַווייזט זיך דער פאַלשער שמייכל, ווען ער באַגעגנט די איינצלנע ביים לעבן־פאַרבליבענע לובלינער יידן. ער ציט פאַר זיי דעם קאַשקעט מיטן „פּראָשען פּאַנאַ״! און עס גייט אַוועק אַ באַגריסונג מיט האַנט־דרוקן, וואָס ווערן באַגלייט מיט געקינסטלטע טרייסט־ווערטער. דער גוי הערט נישט אויף זיך ווענדן צום לעבן־געבלי־בענעם יידן מיטן „פּראָשען פּאַנאַ״ און ביים אַוועקגיין פאַרגעסט ער נישט ווידער צו הויבן דעם היטל :

— דאָ ווידזעניאַ פּאַניע שאַנאָווני״ !

און שפּעטער מיט אַ שעה זיצט דער זעלבער גוי מיט נאָך גויים אין

דער צוקערניע אויף דער קראַקאָווסקיע פּזשעדמיעסטשע און שיט פּעך און שוועבל אויף יידן:

— די זשידעס, — גיט ער אַוודאי אַ זאָג, — האָבן זיך צוריק באַוויזן אין אונדזער שטאָט.

— מען קען זיי נישט פּטור ווערן — העלפט אים אונטער אַ צווייטער, און שלוקט מיט פאַרגעניגן די טיי וואָס די קעלנערקע האָט אים דערלאַנגט.

פאַר די לובלינער פּאָליאַקן זענען די יידישע היימקערער ווי אַ דאָרן אין אויג. דערציילט מען טאַקע, אַז אין די וועלדער אַרום לובליןווימלט מיט „אַקאָוּוצעס". דאָס זענען לעולם די זינדלעך פון די פאַר־מלחמהדיקע ענדעקעס, וואָס האָבן אָנגעטאָן יידן אַזוי פיל צרות מיט זייערע אַנטיסע־מיטישע אַרויסטרעטונגען. די אַקאָוּוצעס, וועלכע האָסן די יידן מיט דער זעלבער שנאה ווי זייערע טאַטעס, הרגענען אַוועק ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט די יידישע צוריקקערער, וואַרפן זיי פון די באַנען און לויערן אויף זיי אויף די וועגן. עס האָט אויף זיי — די אייביקע יידן־פיינט — נישט געווירקט די גרויסע יידישע טראַגעדיע. וואָס שרייט צום הימל און וועלכע האָט נישט אירס גלייכן אין דער געשיכטע. דעריבער ווילט זיך אַנטלויפן פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז באַדעקט מיט יידישע מאַסן־קברים און ווו עס טוען נאָך אַרומשוועבן אין דער לופט די לעצטע יידישע אויסגעשרייען, בעת די מאַסן־דערשיסונגען.

ווילט זיך דעריבער דערציילן די טרויריקע געשיכטע פון די על פּי נס לעבן געבליבענע חנה פון לובלין. וועלכע איז אין די ווייניקע חדשים פון נאָך דער דאָזיקער שוידערלעכער מלחמה געפאָרן מיט דער באַן קיין לובלין אום זיך דאָרטן צו טרעפן מיט איר באַשערטן מאַן משה, וואָס האָט זיך דעמאָלס שוין געהאַט געפינען אין לובלין.

די דעמאָלס נאָך זייער יונגע חנה איז אָנגעקומען קיין לובלין אינעם גראָען פרימאָרגן. ווען אויף דער באַן־סטאַציע האָבן געהאַט זיך אַרומגעדרייט גויים. אָנגעטוענע אין האַלב צווילע און האַלב מיליטערישע בגדים. וואָס האָבן אויף דער געקומענע חנה געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן

געוועז נישט מער ווי יידן פיינטלעכע אַקאָוצעס, וועמינס חוב איז אומצוברענגען יעדן באַגעגענטן ייד, וואָס האָט די העזה זיך צו געפינען אויף דער הייליקער פוילישער ערד. און אָט די דאָזיקע פאַרשווינען, וואָס האָבן בייז געבליקט אַרום זיך ווי אויך די פרימאָרגנדיקע גראָקייט, וואָס האָט זיך געלייגט שווער אויפן האַרץ, האָט באַוויגן חנהן צום באַשלוס נישט אַראָפּצוגיין אין שטאָט אַריין, נאָר צוריק צו פאָרן מיט דער ערשטער בעסטער באַן צום אָרט פינוואַנען זי איז געקומען.

היות עס האָט נאָך דעמאָלס געהאַט קורסירט זייער ווייניק באַנען האָט חנה דעריבער זיך געלאָזט פאָרן ווייטער מיט דער זעלבער באַן, אויסרעכענ־דיק דערביי אָנצוקומען צוריק קיין לובלין בעת דער ערשטער געלעגנהייט. און אַזויאַרום, האָט זיך חנה געלאָזט פאָרן ווייטער איבער פוילנס שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן מחמת דעם אַקאַרשט פאַרענדיקטן היטלער קריג האַלב געפּוסטעוועט. זייענדיק אָפּגערייניקט פון יידן דורך די נאַצי־מערדער און זייערע געהילפן די אוקראַאינער, לעטן, ליטווינער, עסטאָניער און אויך די די יעניקע פּאָליאַקן, וועמענס פיינדשאַפט צו יידן איז געוועז גרויס.

און אָט. ווען די באַן רעדער איילן מיט דער גרעסטער איילעניש איבער די רעלסן, אויסקלאַפּנדיק ריטמישע קלעפּ־געקלאַנגען. עפנט זיך די טיר פונעם וואַגאָן ווי עס זיצט חנה און עס קומען אַריין אַקאָוצעס אַזוינע, וועמענס אויפגאַבע איז צו זוכן יידן אויף די פאָרענדע באַנען, כדי זיי צו קענען ווארפן דורך די פענצטער אין סאַמע לויף. געדויערט נישט לאַנג און עס גיבן ברוטאַלע הענט אַ כאַפּ חנה׳ן און שוין ווערט זי אַרויסגעשליידערט דורכן וואַגאָן־פענצטער ווערענדיק באַגלייט מיטן בייזן רוצחישן געלעכטער פון די אַקאָוצעס, וואָס טאָן ווייטער די שוידערלעכער מלאכה זייערע פון זוכן יידן אויף די פאָרענדע באַנען.

חנה האָט געהאַט גרויס גליק דאָס זי איז נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער די פאָרענדע רעדער נאָר ווייטער אַביסל אויפן אָנשיט פונוואַס זי האָט זיך גענומען אַרונטערקייקלען צום אָפענעם פעלד, צעברעכענדיק דערביי אַ פוס און בלייבענדיק דערביי ליגן אויף דער ערד אין גרויסע יסורים, נישט

קענענדיק זיך רירן פֿון אָרט. און אַט אַזױ ליגענדיק אױף דער ערד אַ פּאַרװײנטע פֿון גרױס װײטיק און צער, זענען מיטאַמאָל אָנגעקומען צום אָרט צװײ יונגע שקצים. װאָס האָבן דערװױסענדיק זיך פֿון חנה׳ס טרױעריקן פֿאַל נישט אױסגערעדט קײן צװײ װערטער נאָר זיך געלאָזט ברענגען הילף פֿון נאָענטן שטעטל. און עס האָט נישט לאַנג געדױערט איז צום אָרט אָנגעפֿאָרן אַ פֿור, װאָס איז געװען אױסגעבעט מיט שטרױ און װאָס האָט חנהן אַװעקגעפֿירט אין קלײנעם שטעטלשן שפּיטאָל. װי עס האָט אַמטירט אַ דאָקטער, האָבענדיק צו הילף אײניקע נאָנעס אַלס קראַנקן־ שװעסטער.

און עס האָט נישט גענומען קײן סך צײַט, אַזױ האָבן אַלע פֿון שפּיטאָל געװוּסט אַז אַט די פֿריש געבראַכטע קראַנקע מיטן פֿאַרגיפּסעװעטן פֿוס, איז נישט מער װי אַ יידישקע, װאָס האָט זיך צוריק באַװיזן אין באַפֿרײַטן פּױלן, כּדי דאָ אױפֿסנײַ זיך אײַנװאָרצלן אױף דער גוטער פּױלישער ערד, װאָס האָט זיך קוים מיט מי געהאַט באַפֿרײַט פֿון די אַלע יידן אַ דאַנק די נאַציס. און טראָצדעם װאָס דער דאָקטער טוט זי פֿון צײַט צו צײַט באַטראַכטן און טראָצדעם װאָס זי װערט אױך באַדינט פֿון די נאָנעס, פֿילט חנה װי אַלע אַרום טאָן זי בײז שפּיזלען מיט די אױגן און אַז זײערע פֿאַרקװעטשטע ליפּן מורמלען, װי זײ װאָלטן איר װעלן אַרײַנשרײַען אין פּנים אַרײַן:

— זשידאָװקאַ נעדאָװיאַראַ !.

און עס כאַפּט זי אָן פֿאַרדאָס אַ פּחד פֿאַרן בײזן װאָס קען איר דאָ אינעם קלײנעם שטעטלשן שפּיטעלעכל טרעפֿן דורך יעדן אײנעם פֿון די זיך דאָ אַרומדרײענדע מענטשן. װעמען יידן זענען אַװדאי װי אַ דאָרן אין אױג און זײ װאָלטן אַװדאי זײער געװאָלט נישט זען מער פֿאַר די אױגן די זיך צוריקקערענדע יידן פֿון די טױטן לאַגערן און פֿון די פֿאַרװאָגלטע מקומות.

גײט אַזױ אַװעק אַ טאָג נאָך אַ טאָג פֿול מיט פּחדים. דער צעבראָכענער פֿוס װאָס געפֿינט זיך אין גיפּס נעמט זיך הײלן און דאָס אומריאיקע האַרץ װאָס איז אָנגעפֿילט מיט שרעק, טוט זיך לאַנגזאַם באַרואיקן און זיך אָנפֿילן

מיט דער האָפנונג אויף אַ באַלדיקער באַפרייאונג פונעם דאָזיקן שפּיטעלעכל, וואָס איז פאַר איר טראָץ אַלעמען אַזוי פרעמד.

און אין איין שיינעם העלן טאָג באַוויזט זיך מיטאַמאָל משה אינעם שפּיטעלעכל. ער האָט, זאָגט משה־זיך צופעליק דערוויסט פונעם דאָזיקן שרעקלעכן פאַל, וואָס האָט געקאָנט קאָסטן איר חנה׳ס לעבן און איז דעריבער געקומען אַהער אין איין איילעניש. איז איר חנהן ווי אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרץ. דער פּחד איז אַוועק און אויפן אָרט איז געקומען די פרייד צו זען לעבן זיך דעם געטרייען משהן,וואָס פאַרלאָזט זי נישט אין דער דאָזיקער עת צרה און וואָס טוט אַלץ אום זי וואָס גיכער אַרויסצונעמען פונדאַנען.

און שוין פאָרן ביידע אַריין קיין לובלין. ווי עס געפינען זיך שוין אַ פּאָר צענדליק יידן. אַהערגעקומענע פון אַלע ווייטע וויסטע מקומות, ווי אויך פון די נישט ווייטע קאַצעטן וואָס האָבן געדינט אַלס פאַרניכטונגס־לאַגערן. קייקלען זיך שנעל די רעדער פונעם דראָביאַנאָסטן וואָגן וואָס דער גויאישער אָנטרייבער טרייבט אַהין צו דער שטאָט לובלין וועמענס הויכער שטאָט־זייגער טוט זיך אַרויסשיילן אַקעגן דער שיינענדער זון וואָס שיקט איצט אירע גין גאָלדענע שטראַלן צו דער ערד. און אַז משה טוט אַזוי זיך אַ פרעג חנהן, הלמאַי זי איז נישט דעמאָלס זייענדיק אויף דער באַן־סטאַציע אַוועק אין שטאָט אַריין. ווי ער־משה האָט שוין געהאַט אויף איר געוואַרט, באַקומט ער פון איר דעם ענטפער:

— כ׳וויס אַליין נישט וואָס עס האָט זיך מיט מיר דעמאָלס געטאָן. עס האָט מיך — ענטפערט זי אָנגענומען אַ פּחד אַזוינער פאַר דער דאָזיקער היימשטאָט, וואָס איז נישט די זעלבע וואָס געווען און וועמענס ערד איז אָנגעזאַפּט מיטן יידישן פאַרגאָסענעם בלוט.

און איך אַנטלויף טאַקע פון לובלין אין אַ פינצטערער נאַכט מיט דער באַן וואָס פאָרט קיין לאָדזש. די וואַגאָנען זענען פּראָסטע, אָן ווייכע זיץ־פּלעצער און אָן וועלכער עס איז באַלויכטונג. מיר זענען דריי יידן אין דער קופּע, וואָס איז צונויפגעשלאָגן פון ברעטער און איז גרויס ווי אַ קליין קיכל.

די גאַנצע באַן, מיט אירע צונויפגעשלאָגענע קעמערלעך, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געוועזענעם שטראָפלעכן פאַרקער־מיטל, וואָס די היטלער־לייט האָבן באַנוצט אויף איבערצופירן העפטלינגען פון איין קאַצעט צום צווייטן.

פון לובלין ביז לאָדזש איז אַ ווייטער מהלך און די באַן שלעפט זיך פּאַמעלעך איבער די פּוילישע וועגן. זי שטעלט זיך אָפּ אויף די קלענסטע סטאַציעס מיט אַ הייזעריקן געפּייף אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין. גויים אדן גויעס מיט פאַרשלאָפענע געזיכטער שטייגן אויס און שטייגן איין. דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט, לאָזט פון זיך אַרויס געדיכטע קנוילן רויך, וואָס צעגייען זיך איבער פויערישע כאַטעס און איבער רייען קאַרשן־בוימער. וועלכע וואַקסן הפקרדיק אויף די וועגן. מיר זיצן אין דעם קופּע איינגע־קאַרטשעטע מיט פּחד אין די הערצער פאַר די אַקאָווצעס, וועלכע זוכן יידן אין די באַנען מיטן צוועק זיי אומצוברענגען. די נאַכט ציט זיך ווי אַן אייביקייט. די באַן לויפט פאַרביי פעלדער און וועלדער וואָס נעמען אָן איצט אין דער טונקלקייט צורות פון פינצטערע תהומען. ווו נישט ווו טויכט אויף פונדערווייטנס אַ ישוב, וואָס אין זיינע הייזקעס צעצינדן זיך פלעמלעך, וועלכע נעמען נאָכלויפן דער באַן און טוען מיטאַמאָל פאַרשווינדן אין דער נאַכטיקייט. די באַן־רעדער קלאַפּן מאָנאָטאָנע צום טאַקט. דער שלאָף באַפאַלט מיך פּלוצעם. חלומות קומען און גייען אַוועק. אַ קאַלטער ווינט. וואָס בלאָזט מיר אין פּנים אַריין דורכן אָפענעם וואַגאָן־פענצטער, וועקט מיך אויף און שוין נעמט עס שאַרען אויף טאָג. באַלד באַווייזן זיך די לאָדזשער פאַבריק־קוימענס. נאָך זיי קומען גאַסן, הויפן. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט און פאַרפאַרט מיט אַ טראַסק אויף דער זייך לאַנג ציענדער באַן־סטאַציע, וועלכער איז איצט, טראָץ דער פרימאָרגן־שעה, פול מיט איילנדיקע מענטשן.

פון לאָדזש פאָר איך ווייטער איבער זאַגלעמביע און נישערשלעזיע. מיט מיר פאָרן נאָך יידן מיט רוק־זעק אויף די פּלייצעס. אַלע זענען אָנגעשטרענגט, מחמת די פּויליש־טשעכישע גרענעץ איז נאָענט און

אונדזער ציל איז צו פֿאַרלאָזן וואָס שנעלער פּוילן, דאָס לאַנד וואָס איז געוואָרן איין גרויסער קבר. אין וועלכן עס ליגן באַגראָבן זעקס מיליאָן יידן אומגעבראַכטע מיט די שרעקלעכסטע טויטן. ביינאַכט לאָזן מיר זיך גיין איבער דער גרענעץ. דער וועג קיין טשעכיען פֿירט דורך אַ וואַלד, אַרום אונדז שאָרכן שטיל די ביימער און איבער אונדזערע קעפּ ווינקען די פֿינקלענדיקע שטערן אין הימל, ווייזנדיק אונדז דעם וועג.

און אָט נעמט דער טאָג אויפֿגיין אַ בלייכער. פֿאַר אונדזערע אויגן שפּרייט זיך אויס דאָס ערשטע טשעכישע שטעטל מיט זיינע ציכטיקע הייזער און פֿאַרשפּיצטע דעכער. פֿון די קוימענס שפּאַרט איצט אַרויס אַ רויך. אַ סימן אַז אין די שטובן ווערט איצט געגרייט דאָס פֿרימאָרגנדיקע געקעכטס. מיר גייען איבער די שטעטלשע גאַסן. די איינוווינער באַגריסן אונדז העפֿלעך. זיי קוקן אונדז אָן מיט פֿריינטלעכע אויגן. זיי ווייסן, אַז מיר קומען פֿון יענעם לאַנד, וווּ קיין פֿריינטשאַפֿט איז נישטאָ פֿאַר אַזוינע ווי מיר. די זון אין הימל טוט מיטאַמאָל אויפֿשיינען און באַשפּריצן דעם אַרום מיט אירע גין־גאָלדענע שטראַלן. אַ ליבע וואַרעמקייט נעמט אונדז אַרום און מיר זענען אין האַרצן דאַנקבאַר אָט דעם ערשטן זוניקן טאָג מחוץ פּוילן, וואָס געפֿינט זיך איצטער אויף יענער זייט פֿון געדיכטן וואַלד.

מיטן וואַנדער שטאָק אין דער האַנט

די אַלע גרויליקע געשעענישן מיט די צום טויט פאַרפייניקטע לובלינער יידן, צווישן זיי מיינע באַליבטע טאַטע־מאַמע, שוועסטערן און קרובים, האָבן מיך אויף אַזוי פיל צעשטרייסלט, אַז כ׳האָב אַנקומענדיק אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי באַשלאָסן ווי מען זאָגט צו נעמען דעם וואַנדער שטאָק אין דער האַנט און וואַנדערן אַהין ווו די וועלט האָט אַן עק.

האָב איך זיך געלאָזט פאָרן צוערשט קיין ווין, פון דאָרטן קיין האָלאַנד דורך דייטשלאַנד. פון האָלאַנד נאָך שוועדן און ווייטער קיין דענעמאַרק, קיין בעלגיע, פונוואַנען כ׳האָב זיך אַריבערגעכאַפּט קיין פּאַריז, אַריינ־פאַלנדיק דאָרטן אין אַ שלעכטער צייט. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען אַ פאַרשיכרטע פונעם נצחון איבער די גרויזאַמע נאַציס און עס האָבן די הענט פון די פראַנצויזן זיך נישט געלייגט צו אַרבעט, צום אויפבויען צוריק דאָס אַלץ וואָס די היטלעריסטן האָבן צעשטערט.

פּאַריזער גאַסן זענען אין יענע טעג געווען פיל מיט ליידיקגייער, וואָס האָבן סתם אַזוי געשפּרייזט אויף די טראָטואַרן, זייענדיק גרייט צו טרינקען לחיים מיט יעדן איינעם מענטש. דאָס לעבן איז נישט געגאַנגען אַזוי ווי מען וויל. עס האָט עפּעס דאָרטן אין די הערצער פון די פּאַריזער לייט נישט געקלאַפּט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. און די סיבה דערפון איז געווען די אָקופּאַציע, וואָס האָט דעם לעבנס שטייגער פון די פראַנצויזן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

דאָס עסן האָט נישט געטויגט. די באַרימטע פראַנצויזישע וויינען האָבן די היטלער־לייט געהאַט אַוועקגענומען פון די וויינקעלערס. און די איינ־ווינער האָבן בכדי זיך נישט צוצושטערן די שמחה פון דער באַפרייאונג

זיך געמוזט באַנוגענען מיט די ביליקסטע געטראַנקען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין אײלעניש אין די היימישע וויין־פאַבריקלעך.

ביינאַכט איז אויף די פאַריזער גאַסן געווען אַ מורא צו גיין. די פאַריזער אונטערוועלט האָט געאַרבעט מעשים. פאַרשפּעטיקטע פאַרבייגייער זענען באַרויבט געוואָרן נישט בלויז פונעם געלט נאָר אויך פון די מלבושים, פונוואָס די באַרויבטע זענען פאַרבליבן אדם נאַקעט. מיינער אַ באַקאַנטער, פון וועמען די רויבער האָבן אַראָפּגעצויגן די מלבושים לאָזנדיק אים גאַנץ נאַקעט, איז קוים מיט צרות אַהיימגעקומען, האָבנדיק אויף זיך בלויז אַ פעסל אָן אַ דנאָ, וואָס האָט אים געהאָלפן פאַרדעקן אַ ביסל דאָס נאַקעטקייט.

און אַזוי גייענדיק איינמאָל אין דער נאָענט פון לוווער טרעף איך זיך מיטאַמאָל אָן אויף מיין יוגנט חבר משה'ל, וועמען מען האָט גערופן „פיינ־שמעקער", מחמת דעם גוטן געשמאַק זיינעם צו טראָגן אויף זיך שפּאָגל נייע געפרעסטע מלבושים און גלאַנציקע שיך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין פוצן. איצט איז מיין חבר משה'ל געווען אָנגעטאָן אין אָפּגענוצטע בגדים. דאָס פנים איז געווען צעקנייטשט און די האָר אויפן קאָפּ זענען געווען טראָץ זיין יונגן עלטער מער גראָ ווי שוואַרץ.

ביידע האָבן מיר זיך שטאַרק דערפרייט פון דער דאָזיקער פּלוצלומ־דיקער באַגעגעניש:

— ווי קומסטו דאָ אַהער משה'ל? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע.

— אַהער קום איך מיטן וואַנדער־שטאָק אין דער האַנט.

— ווו ביזטו געווען די גאַנצע צייט פון דער מלחמה?

— כ'בין געווען אויף געהאַקטע צרות.

— דערצייל משה'ל פון דיינע געהאַקטע צרות.

— אַז כ'וועל דיר דערציילן וועסטו נישט גלויבן אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר.

— כ'וועל דיר גלויבן אַבי דערצייל.

און משה'ל האָט גענומען דערציילן אָט וואָס:

ווען די היטלעריסטן האָבן זיך דערנענטערט צו לובלין, בין איך

צוגלייך מיט נאָך פיל פּליטים געלאָפן צופוס קיין מזרח מיט דער האָפענונג זיך צו ראַטעווען דאָרטן דאָס לעבן אונטער דער סאָוויעטישער הערשאַפט. די סאָוויעטן האָבן מיך אין איינער אַ נאַכט אַרויסגעשלעפּט פון בעט. זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט מיט כוח צו דער באַן־סטאַציע און מיך דאָרטן אַריינגעוואָרפן מיט נאָך געכאַפּטע אין איינעם פון די לאַסט־וואַגאָנען, וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּגיין צו די סיבירער טייגעס. דאָס מזל האָט מיר צו־געשפּילט. עס איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן פונעם פאָרענדן צוג און זיך צוריקקערן בשלום קיין לובלין, ווו עס האָט שוין דאָרטן אויף מיר געוואַרט פרישע צרות.

אין איינעם אַ טריבן טאָג, ווען דאָס לובלינער געטאָ איז געווען איינ־געהילט אין גרויס צער צוליב די אומאויפהערלעכע הריגות אויף די געטאָ יידן, בין איך געכאַפּט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, וועלכע האָבן מיך אַוועקגעפירט אין דערנעבענדן לאַגער פּאָניאַטאָוו, ווו עס האָבן געשמאַכטעט הונדערטער יידן פון לובלין און אומגעגנט. יעדער טאָג פון מיין דאָ זיין איז אַוועק מיט שווערע אַרבעטן, מיט דערלאַנגען טויט קלעפּ מצד די אויפזעער און מיט הונגערן ביז צום אַוועקשטאַרבן. הקיצור כ׳האָב אויס־גענוצט אַ גוט געלעגנהייט און בין אַנטלאָפן אינמיטן דער נאַכט פון לאַגער, אַוועקוואַרפנדיק דאָס ערשטע די געלע לאַטע. און ליגנדיק אַזוי באַהאַלטן הינטער דער שטאָט אין אַ טיפן ראָוו איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק אין קאָפּ אַריין אויף צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן. און שוין צומאָרגנס בין איך ערשינען אין ערשטן בעסטן דאָרף אַלס אַ וואַנדערענדן בעטלער, זינגענדיק פאַר די פּויערים און פּויערטעס דאָס באַוווסטע פּוילישע סענ־טימענטאַלע ליד, וואָס איבערגעזעצט אויף יידיש קומט עס אַזוי:

איז געגאַנגען דאָס מיידל אין וואַלד
יאַגדעס קלויבן.
שיין איז זי געווען
שוואַרצע אויגן האָט זי געהאַט.

זענען איר נאָכגעגאַנגען לעגיאָנערן
און אַזוי צו זיך געזאָגט
דעם שיינעם מיידל וועלן מיר אַ קוש גנבענען
לעגיאָנערן, לעגיאָנערן!
טוט עס נישט מיר
כ'האָב קיין טאַטע מאַמע
בלויז דעם איינציקן גאָט האָב איך.
כ'וועל נעמען מיין גיטאַרע
און אויפשפילן מיין באַליבטעס ליד.

דאָס דאָזיקע ליד האָט אויסגענומען ביי די דאָרפס־לייט אויף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן אים דערלויבט צו נעכטיקן אין דער כאַטע און דערצו נאָך מיך באַלוינט מיט ברויט, מיט קעז און מיט אַנדערע שפייזן. אין קורצן האָב איך מיר איינגעשאַפט אַ מאַנדאָלינע מיט וועלכער כ'בין אַזוי שפּי־לענדיק אויף איר דורכגעגאַנגען גאַנץ פוילן, אָנקומענדיק לסוף צו די קאַרפּאַטן־בערג. האָבנדיק בדעה אַריבער צו גיין קיין רומעניע און פון דאָרטן זיך ווייטער צו שמוגלען פון לאַנד צו לאַנד און אַזוי לאַנג ביז כ'וועל ווי געזאָגט דערגרייכן אַ זיכערן ברעג.

און אָט איז געקומען די גרויסע איבערראַשנוג. כ'האָב אַזוי גייענדיק איבער די בערג אָנגעטראָפן אויף אַזאַ מין בעטלער ווי איך, וואָס האָט געלעבט אין אַ הייל. דער דאָזיקער בעטלער האָט מיך פאַרבעטן אין זיין הייל אַריין און נאָך אַ וואָרט צו וואָרט, האָבן מיר זיך ביידע מודה געווען אין אָנגעהערן צום געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק.

מיין פרישער פריינט, וואָס האָט געהייסן פעליקס, האָט מיר געראָטן נישט צו גנבענען די גרענעץ, נאָר צו בלייבן דאָ אין די בערג ווו עס איז אַמזיכערסטן פאַר אַ געטרודפטן ייד.

און אָט אַזוי זייענדיק אויסבאַהאַלטן אין די בערג, האָבן מיר איבער־געלעבט די דאָזיקע שוידערלעכע היטלער־מלחמה, וואָס האָט נישט געהאַט

אירס גלייכן פונצווישן אַלע פריִערדיקע מלחמות.ביידע זענען מיר נאָכן קריג אַריבער קיין רומעניע, פון דאָרטן ווייטער ביז קיין פּאַריז, ווו מיין פריינט פעליקס האָט אָפּזייענדיק איניקע טעג זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

משה'ל האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג מיט אַ פראַגע:

— זאָג מיר חבר מיינער, וואָס קלערסטו ווייטער צו טאָן?

— איך קלער אַריינצופאָרן קיין דייטשלאַנד, ווו עס האַלטן זיך אויף די שארית הפליטה.

— איך פאָר מיט דיר.

אַ פּוילישער גראַף האָט זיך אין איר געליבט

אויף אַן אַזכרה פון די לובלינער, וואָס איז פאָרגעקומען אין אויגסבורג בײַ מינכען, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער היטלער־מלחמה, האָב איך געטראָפן מלכהלע די שיינע, וואָס איז אַהערגעקומען זיך מתייחד זײַן מיט איר אומגעקומענער פאַמיליע האָבנדיק מיט זיך איר מאַן דעם אָפּשטאַמיקן פון אַמעריקע, וועלכער האָט דאָ געהאַט פאַרענדיקט זײַן מיליטער־דינסט.

מלכה׳לע, וואָס האָט געוווינט אין לובלין אויף דער זעלבער גאַס וואָס איך, איז אויפגעוואַקסן אַ שענהייט. זי איז שוין דעמאָלס נאָך אײדער דער דער היטלער־קריג איז אויסגעבראָכן, געווען פאַררעכנט אין די אויגן פון פיל בחורים אַלס אַ וואָרע פּרינצעסן, וואָס אַזעלכע איז ווייט צו זוכן. געווען איז זי הויך און שלאַנק, מיט גאָלד בלאָנדע האָר, מיט אַ פּנים ווי אַלבאַסטער און מיט אויגן בלאָע ווי דער ים אין פרילינג, בשעת ער כוואַליעט זיך אַקעגן הימל.

ווען דער פאַרשאָלטענער היטלער־קריג איז אויסגעבראָכן, איז מלכה׳לע צוגלייך מיט אַלע יידן אַרײַנגעשטויסן געוואָרן אין ענגן געטאָ, ווו עס האָט דאָרטן אויף איר געלויערט טויזנטער געפאַרן. נישט איינמאָל האָבן זי די אונטערוועלטניקעס פונעם געטאָ געפרוווט פאַרלייגן אויף איר, ווי מען זאָגט אויף דער אונטערוועלטישער שפּראַך, אַן „אָרטשיק". נאָר מלכה׳לע טראָץ אירע פיר צן יאָר, האָט זיך מיט חכמה אַרויסגעדרייט. געלאָזט שטיין די אונטערוועלט־פאַרשוינען אין אַ זייט.

ווען די בלוטיקע אַקציעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט און באַדראָט יעדן איינעמס לעבן אין געטאָ, האָט דעמאָלס מלכה׳לעס מוטער גיטל אָנגענומען

די טאָכטערס האָבן זי באַשווירן צו אַנטלויפן פון געטאָ, בכדי אַזוי אַרום צו קענען זיך ראַטעווען דאָס יונגע לעבן.

— גיי, האָט די מוטער מיט טרערן אין די אויגן אַזאָג געטאָן, ווו די אויגן וועלן דיך פירן. און זאָל דיך גאָט באַשירמען פון אַלדאָס שלעטכס.

און אין איינער אַ פינצטערער נאַכט, האָט זיך מלכה׳לע אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, לאָזנדיק זיך גיין הינטער דער שטאָט צום לענטשנער שאָסיי, וואָס האָט אַוועקגעפירט דורך פינטשעוו צו די קרעסן און ווייטער צום בוג, ווו עס האָבן זיך נאָך געהאַט דעמאָלס אויפגעהאַלטן געטאָס מיט יידן. נאָר מלכה׳לע איז אַהין נישט דערגאַנגען, מחמת אַזוי גייענדיק איבער די וועגן אַ פאַרשמירטע מיט אַ ביליק קליידל אויפן לייב, וואָס איז געווען פול באַדעקט מיט שטויב, איז איר אַקייגנגעקומען אַ קלויסטער־נאָנע, וואָס האָט זיך צו מלכה׳לעס גרויס וווּנדער אָפּגעשטעלט רעדן מיט איר:

— גריס גאָט!

—וווּהין טאָכטער קלערסטו אָנצוקומען אין דעם דאָזיקן ערב נאַכט?

— דעם אמת געזאָגט ווייס איך נישט וווּהין איך קלער אָנצוקומען, האָט מלכה׳לע טרויריק אָפּגעענטפערט.

— האָסט נישט קיין היים?

— כ׳האָב געהאַט אַ היים.

— ווו האָט זיך געפינען דיין היים?

— אין לובלין.

די קלויסטער־נאָנע האָט זי אָנגעקוקט מיט מיטלייד:

— ווי הייסטו טאָכטער?

— מאַרישאַ הייס איך.

— ביזט נישט אַמאָל אַ יידישקע?

מלכה׳לע וואָס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן דערהערנדיק די פראַגע, האָט געפּרוּווט אָפּלייקענען און נישט דערוויזן דאָס צו טאָן מחמת די נאָנע האָט איר איבערגעריסן די רייד:

— האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן.

— כ׳וועל דיך נישט אויסגעבן צו די דייטשן.

און אַז מלכה׳לע האָט געוואָלט פאַרזעצן דעם ווייטערדיקן גאַנג, אַזוי האָט איר די נאָנע פאַרשטעלט דעם וועג:

— גיי נישט ווייטער טאָכטער, כ׳וועל זען דיר צו העלפן.

— מיט וואָס קענט איר מיר העלפן?

— מיט אַסך.

די קלויסטער־נאָנע האָט זי אָנגענומען ליבלעך ביי דער האַנט:

— קום מיט מיר!

אַזוי אַרום איז מלכה׳לע אָנגעקומען אין אַ מאָנאַסטירישן קלויסטער אַריין, וואָס האָט זיך געפינען אינמיטן פון אַ יונגן וועלדל און דערנעבן אַ טייכל, וואָס איז שטיל געפלאָסן ווייט אַוועק פונעם מאָנאַסטיר. און אַז מלכה׳לע האָט זיך נאָר אָפּגעוואַשן און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ריין קלייד, אַזוי האָט זיך פאַר אַלעמען גלייך אַנטפּלעקט איר שיינקייט, וואָס האָט אַזש פאַרבליפט:

— זעסט אויס טאָכטער ווי אַ פּרינצעסן, האָט די קלויסטער־נאָנע אויסגערופן און האָט דערביי צוגעגעבן:

— מען באַדאַרף זען אַז דו זאָלסט זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיט דיין שיינקייט.

נאָר וויפיל די קלויסטער־נאָנע זאָל זיך נישט האָבן באַמיט צו פאַר־דעקן מלכה׳לעס שיינקייט, האָט עס נישט געהאָלפן אַקייגן דעם יונגן גראַף, וועלכער איז אָפּטער געקומען אין מאָנאַסטיר אַריין און וואָס האָט דער־זעענדיק מלכה׳לען זיך גלייך פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן. דעם גראַפס ליבע צו מלכה׳לען איז דערגאַנגען אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט זיך געווענדעט צו דער קלויסטער־נאָנע זי זאָל אים העלפן צו באַקומען די שיינע מאַרישקע פאַר זיין פרוי.

— דאָס קען נישט זיין גראַף.

— פאַרוואָס?

— ווייל מאַרישקע איז ערשט פיפצן יאָר אַלט.

— דאָס מאַכט מיר נישט אויס.

— זי איז דאָך זייער אָרעם און דערצו אַ יתומה — האָט די קלויסטער־נאָנע דערווידערט.

— איך בין רייך און עס אַרט מיך נישט אַז זי איז אַ יתומה.

דער גראַף איז צוגעשטאַנען צו דער קלויסטער־נאָנע :

— וועסט מיר העלפן ?

— כ׳וועל זי אַ פרעג טאָן.

אַז מלכה׳לע האָט דאָס דערהערט, אַזוי איז זי געוואָרן אַ פאַרציטערטע :

— ווי קען איך טאָן אַזאַ זאַך !

— כ׳בין דאָך אַ יידישקע !

— ער האָט דיך זייער ליב — טאָכטער.

— אַזאַ ליבע איז נישט פאַר מיר.

ווען אַזוי באַדאַרף מען געפינען אַן עצה אַקייגן פאַרליבטן גראַף, איז מלכה׳לען נאָך אַ לאַנגן טראַכטן איינגעפאַלן צו טאָן אַזאַ זאַך : זי איז אַריין אין מאָנאַסטירישן סאָד און זיך אָנגעגעסן מיט נישט צייטיקע באַרלעך, וואָס זענען געוואַקסן אויף די בוימער. ביינאַכט אויפן געלעגער האָט זי באַקומען שטאַרקע בויך ווייען און אין רעזולטאַט דערפון איז זי אויף אַזוי פיל קראַנק געוואָרן, אַז זי האָט געמוזט בלייבן אין בעט. און אַז דער גראַף איז געקומען צו דער קלויסטער־נאָנע נאָך אַן ענטפער, האָט זי אים איבער־געגעבן, אַז עס קען איצט קיין רייד נישט זיין, ווייל מאַרישקע איז קראַנק געוואָרן און ליגט שוין זייט טעג אין בעט.

— ווען קען זי געזונט ווערן ?

— דאָס ווייסט איין גאָט.

און אַזוי אַרום האָט זיך מלכה׳לע אַרויסגעדרייט פון גראַפס ליבע. וואָרום עס איז אים נמאס געוואָרן צו הערן יעדעס מאָל ביים קומען אין מאָנאַסטיר אַריין, אַז זי — מאַרישקע איז נאָך אַלץ קראַנק און אַז איין גאָט ווייסט ווען זי וועט געזונט ווערן.

די צייט איז דערווייל געגאַנגען איר וועג. די מלחמה צווישן די היט־

לעריסטן מיט די סאָוויעטן האָט זיך צעפּלאַקערט אויף אַזוי פיל, אַז שטעט און לענדער זענען חרוב געוואָרן און אַלץ נאָר וואָס האָט געבליט און געוואַקסן איז פאַרדאָרבן געוואָרן ביזן וואָרצל.

די וואָגשאָל פונעם דאַזיקן פאַטאַלן קריג האָט זיך מיטאַמאָל איבער־געוויגן אויף דער זייט פון די רוסן און עס האָבן די נאַציס אָנגעהויבן ליידן איין מפּלה נאָך דער צווייטער. לסוף האָט זיך דער דאָזיקער בייזער קריג געענדיקט און מלכה׳לע האָט ווי אַלע אויסבאַהאַלטענע יידן פאַרלאָזט דעם מאַנאַסטירישן קלויסטער און זיך האַרציק געזעגנט מיט דער פריינט־לעכער נאָנע, וועלכע איז איר אין דער נויט צייט געווען ווי אַ מאַמע. מלכה׳לע האָט אויך נישט פאַרגעסן זיך צו געזעגענען מיטן פאַרליבטן גראַף, וועמענס שיינער געשטאַלט פונעם יידישן מיידל, האָט זיך אים ווי ער האָט פאַרזיכערט גוט איינגעקריצט אין זיין זכרון.

מלכה׳לע איז נאָכן פאַרלאָזן דעם מאַנאַסטיר אָפּגעווען אַ שטיקל צייט אין איר היימשטאָט לובלין, פונוואַנען עס האָט זי נאָכן דערוויסן זיך פון דער קאַטאַסטראָפאַלער ליקווידאַציע פונעם לובלינער יידנטום גענומען טרייבן אין דער ברייטער וועלט אַריין. זי איז אין איין גראָען פרימאָרגן אָנגעקומען קיין בערלין, וואָס איז געווען איין שטיק חורבה. איינמאָל איז זי גייענדיק אַזוי איינע אַליין אינצווישן דער גאַס מיט די צעשטערטע הייזער, פּלוצלום באַפאַלן געוואָרן דורך אַ פאַרברעכערישן פאַרשויך, וואָס האָט זי גענומען שלעפּן צו אַ חורבה, טוענדיק זי בשעת מעשה פאַר־טויבן מיט קלעפּ. אויף מלכה׳לעס מוראדיקע געשרייען, איז אָנגעלאָפן אַ יונגער אַמעריקאַנישער זעלנער, וועלכער האָט זי באַפרייט פונעם אָנ־פאַלער און איר פאַרגעלייגט אָפּצופירן אַהיים ווי אַמשנעלסטן, וואָרום די נאַכט פאַלט צו און עס קען זיך דאָ צווישן די חורבות, וואָס זענען פול מיט פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, אָפּשפּילן אַזאַ ענלעכער אָנפאַל.

און אָט דער דאָזיקער זעלנער, וועלכער איז געווען אַ ייד און וואָס איז מלכה׳לען אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל, איז שפּעטער געוואָרן איר באַשערטער מאַן, מחמת ביידע האָבן זיך ליב באַקומען פון ערשטן אויגנ־

בליק און באַשלאָסן זיך נישט פונאַנדערשיידן. די חתונה איז פאָרגעקומען כדת וכדין ביי דער געגנוואָרט פון חתנס עלטערן, וועלכע זענען ספּעציעל אַהערגעקומען פון אַמעריקע, פרייענדיק זיך דערמיט, וואָס זייער זון האָט אָפּגעגליקט צו באַקומען אַזאַ שיינע און ווילע כלה.

דער יידישער טויער אין לובלין

מײַנכען נאָך דער מלחמה

מינכען נאָך דער מלחמה, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע אָנגעלאָפענע שטאָט מיט אָן אַ שיער איבערגעטוענע סאָלדאַטן פון דער באַזיגטער היטלער־אַרמיי, צווישן זיי וולאַסאָווצעס אוקראַיִנער, לעטן, ליט־ווינער, עסטאָניער, יוגאָסלאַוון, פּאָלאַקן און אַנדערע טונקעלע פּאַרשוינען, וואָס האָבן בעת דער נאַצי־הערשאַפט טריי געדינט די רוצחים בעת זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט אין די פיל צונדליקער קאַצעטן, טויטן־לאַגערן און אַנדערע אומקום־פּלעצער.

אָט די אַלע אויבן דערמאָנטע עלעמענטן האָבן איצט נאָך דער מלחמה געשפּילט די ראָלע פון אומשולדיקע און נויטבאַדערפטיקע עמיגראַנטן, וואָס צוליב זייער נישט קענען זיך צוריקקערן אין די היימען איבער פּאָליטישע סיבות, מוזן זיי דאָ לעבן פון דער שטיצע, וואָס עס ערטיילט די „אונראַ״ צו אַלע מלחמה־געליטענע, וועלכע געפינען זיך אין דער אָקופּירטער זאָנע.

אין מינכען האָט זיך אויפגעהאַלטן אַן ערב־רב פון ליידיקגייערישע טיפּן, וואָס האָבן געלעבט פון מי יודע וואָס און וועלכע האָבן נישט האָבנדיק קיין ווינאָרט געגעכטיקט אויף די באַן־סטאַציע אין די ליידיקע וואַגאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אויף זייטיקע ליניעס און אין די חורבות פון די צעשטערטע הייזער, ווו עס האָט זיך פריִער געהאַט געצויגן גאַסן און געסלעך.

צווישן די ליידיקגייערישע טיפּן, האָבן זיך געפינען פרויען, וועלכע זענען אין דער מלחמה צייט געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דויטשלאַנד פון רוסלאַנד, פוילן, אונגאַרן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיי. די אַלע האָבן

דאָ אין מינכען זיך אויסגעמישט מיט די עכטע דויטשקעס און געבילדעט אַזוי צו זאָגן אַן אַרמיי פון לייכטזיניקע פרויען, וואָס לעבן דערוויל פון האַבערפלאַקן, שוואַרץ ברויט אויף קאַרטן פון באַצאַלטע ליבע און וואָס וואַרטן אויף בעסערע צייטן.

נישט קוקנדיק דערויף, האָט דאָ אין מינכען פולסירט אַ שפרודלדיק יידיש לעבן, אין באַשטאַנד פון פאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען און פון נאָך נויטיקע גע־זעלשאַפטן, וואָס האָבן געהאָלפן צום אויפנטהאַלט פון דער שאָרית הפליטה, וואָס איז אַהערגעקומען אום צו געפינען אַ צייטווייליקן אינהאַלט אין לעבן און אַ שטיקל טרייסט נאָך די שוידערלעכע איבערלעבענישן אין די קאַצעטן, סיבירער טייגעס און אין די וועלדער, בונקערן און געפאַנגענשאַפט.

אין מינכען, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ היבש ביסל יידן בראש מיטן צענטראַל קאָמיטעט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַפטע קאָנגרעסן, צו־זאַמענפאָרן, אַקאַדעמיעס און קאָנפערענצן, מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן, דעלעגירטע פון אַזעלכע לאַגערן, ווי באַד רייכנהאַל, לאַמפערטהיים, פריי־מאַן, ציילסהיים, ווינדסהיים, פערנוואַלד, פעלדאַפינג, לייפהיים, שארית הפליטה יידן פון פראַנקפורט, שטוטגאַרט, בערגן בעלזן, מערב־בערלין און פון נאָך אַנדערע לאַגערן, באַווינטע מיט יידן געראַטעוועטע על פי נס.

צו איינעם אַזאַ צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן פאַריזער פלאַץ אין מינכען, אין אַ זאַל וואָס איז אַוודאי פריִער געווען אַ צונויפקומס־אָרט פון די מינכענער נאַציס, בין איך געשיקט געוואָרן פון אַ צייטונג, וואָס איז ערשינען אין איינעם פון די גרעסערע „די־פּי" לאַגערן, האַלב אין יידיש און האַלב אין לאַטייניש. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהאַלטן ביז אין די שפּעטע נאַכט שעהן. מען האָט דאָרטן געהאַט הייס דעבאַטירט און זיך נישט געאיילט אָנצונעמען די באַשלוסן. ערשט ווען מען איז געקומען צו דער אָפּשטימונג, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם צוזאַמענפאָר גענומען פאַרזאָרגן די צונויפגעקומענע מיט פלעצער צום שלאָפן. צו מיין גרויסן פאַרדרוס, האָב איך מיין אָרט צום שלאָפן נישט געקענט געפינען,

וואָרום ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דער קליינער פּענסיאָן צו וועלכן איך האָב באַדאַרפט אָנקומען געווען ווי באַהאַלטן אינצווישן אַ געפלעכט פון געסלדיקע הייזער און חורבות, וואָס האָבן געפינצטערט און געלויערט מיט סכנות נפשות.

דאָס אָרט האָט זיך געפינען נישט ווייט פון מינכענער באַנהאָף. די גאַסן אַרום זענען געווען אָפּגעליידיקט פון מענטשן. ווי נישט ווי האָט זיך געשלייכט אַ פּאָליציייאישער פּאַטרול, זוכנדיק נאַכט־גנבים און פון ביר־קעלער, ווו היטלער ימח שמו, האָט גערעדט צו זיינע נאַצי־געהילפן, האָט זיך געטראָגן אין דער ליידיקער גאַס אַריין שיכורע הייזעריקלעכע קולות. און דאָ מיטאַמאָל, ווי איך שטיי אַזוי אויף דער גאַס אינגאַנצן אָן אָנגע־פילטער מיט מוראדיקע געדאַנקען און דערצו אַ לעכצנדיקער נאָך שלאָף ערשיינט פלוצלום אַ פּאָליציי־מאַן, וועלכער טוט מיך צוערשט גוט באַ־טראַכטן און נאָכהער אַ פרעג טאָן מיט שטרענגקייט אין דער שטימע:

— וואָס טאָן זי דאָ היר אינמיטן דער נאַכט?

— איך זוכע דעם און דעם פּענסיאָן, וואָס געפינט זיך היר צווישן די רואינען.

— וואָרום טרעטן זי נישט הערייִן?

— איך האַבע אַנגסט.

דערהערט אַזוינס, גיט דער פּאָליציאַנט אַזוי אַזאָג:

— זי ברויכן נישט אַנגסט האַבען, איך ברענג אינען צום געווינטשטן פּלאַץ.

האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין דאָזיקן העלפלעכן פּאָרשלאַג, ווי מיטביידע הענט. און שוין לאָזן מיר זיך גיין אַהין דורכן אָפּגערייניקטן וועג, ווו פון ביידע זייטן ליגן אָנגעוואָלגערטע בערג גאַנצע מיט שטיינבראָך. און אָט אַזוי גייענדיק איבערן דאָזיקן שמאָלן וועג, ווו עס איז אויסער אונדזביידן נישט צו זען מער קיין לעבעדיק נפש און וואָס טוט פון דער טונקלקייט אַרויס לויערן מיט סכנות נפשות. דערפיל איך בפועל ממש ווי מיין מיט־גייער נעמט זיך אין גאַנג זיינעם מיטאַמאָל ענדערן. עפּעס טוט ער שווער

אָטעמען און זײן פּנים, װאָס איז פריִער געװען אױסגעפּילט מיט העפלעכער גרײטקײט, איז איצטער בײז אָנגעשטרענגט און עס מאַכט דעם אײַנדרוק גלײך װי עס װאָלט זיך אַנטשלאָסן אָפּצוטאָן אַ בײזע מוראדיקע זאַך.

און װי זאָגט דאָס װערטל, אַז דעם מענטשנס האַרץ איז דער בעסטער נביא: האָט מיר טאַקע דאָס האַרץ מײנס געמומען קלאַפּן װי בײ אַ גזלן און דערבײ האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש איבערן לײב און געמומען טראַכטן האָב איך, אַז מײן לעבן עקט זיך דאָ אױס צװישן די חורבות און אַז נישט קײנער נאָר ער — דער פּאָליציסט, װעלכער איז זיכער געװען אַ געטרײער היטלעריסט, װיל מיך דאָ אומברענגען אױף אַזאַ אופן, אַז קײן האָן זאָל דערבײ נישט געבן קײן קרײ, און אַז ער האָט דאָ איצט די בעסטע געלעגנהײט אױסצונוצן זײן בײזן האָס צום ייִד.

אַזױ האָב איך געטראַכט און אין אײַנװעגס האָב איך בכדי צו קענען ראַטעװען דאָס לעבן, געפּרוּװט װי מען זאָגט, װײכער מאַכן דאָס האַרץ פונעם גזלן. דערלאַנגענדיק אים אױפדערגיך אַ פּעקל אַמעריקאַנישע סיגאַרעטן, װאָס האָט אין יענער צײט געהאַט בײ די דײטשן אַ נישקשהדיקן װערט:

— ביטע, נעמען זי!

און אַז דער פּאָליציסט נעמט נאָר דאָס דערלאַנגטע פּעקל סיגאַרעטן אין דער האַנט אַרײן, פאַררױכענדיק דערבײ אײנעם פון זײ, אַזױ װערט מיר גלײך לײכטער אױפן האַרץ און איך נעם פאַר װײטער ציִען דאָס שטריקל, דערלאַנגענדיק אים אַ צװײטע מתנה, װאָס באַשטײט פון אַ טעװעלע שאָקאָלאַד און אַ סענדװיטש, אָנגעפּילט מיט װורשט, װאָס כ׳האָב צופעליק געהאַט ליגן אין דער טאַש:

— פאַרזוכן זי — מײן הער!

דער פּאָליציסט לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן. ער עסט אױף דעם סענדװיטש מיט גרױס אַפּעטיט, פאַרבײסט מיטן שאָקאָלאַד און טוט אױפ־סנײ פאַררױכערן אַן אַמעריקאַנישן סיגאַרעט, לאָזנדיק דעם רױך דורך די נאָזלעכער מיט גרױס הנאה.

איצט שפּרייזן מיר שוין ביידע מיט לייכטערע טריט. עס שרעקט מיך שוין מער נישט דער טויט, וואָס האָט געקענט קומען דורכן מיטגייערישן באַגלייטער, ווענמענס געזיכט האָט איצט ווידער באַקומען דעם אויסדרוק



אַ בליק פונעם מאַרק אויף דער גראָדזקאַ־גאַס צום יידן־טויער

פון העלפערישער גרייטקייט. און שוין גיט מיטאַמאָל אַ שיין אויף דער קליינער פענסיאָן מיט ליכטיקע פענצטער און טירן, וואָס איז מעשה פלא געבליבן שטיין גאַנצערהייט, נאָך די שטאַרקע באָמבאַרדירונגען.

און צו די אַלע נסים, וואָס איז מיט מיר געשען אין דער דאָזיקער שוידערלעכער היטלער־מלחמה, האָב איך צוגעשריבן נאָך אַ נס.

יידן אין פּאַרציייטיקן לובלין

אַ סברה, אַז שוין אין יענע יאָרן, אינצווישן צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט, האָבן יידן געלעבט אין לובלין, וואָס איז דעמאָלס געווען נישט מער ווי אַ נישטיקער ישוב, וועלכער האָט זיך געקלאַמערט אַרום אַ מיליטערישן גאַרניזאָן, וועמענס אויפגאַבע איז געווען איינצוהאַלטן די איבערפאַלן פון די רוסן, וואָס זענען אַהער אָנגעקומען פון יענער זייט בוג, בכדי צו רויבן און צו זייען פאַרוויסטונג אין די פּוילישע ישובים.

אין איינעם אַ געשיכטלעכן בוך, וואָס איז דערשינען צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אין פּוילן, טרעפט מען ויך אָן אויף די ברידער יחיאל און מיכאל לאַזאַרוס, וואָס זענען געווען פאַררעכנט ווי פּראָוויאַנט־מייסטער, צושטעלנדיק עסנוואַרג און אַנדערע באַדערפענישן פאַרן לובלינער גאַרניזאָן. ביידע ברידער, וועמענס עלטער זיידעס זענען אָנגעקומען קיין פּוילן, אַנטריי־נענדיק פון די קרייציגלער, וואָס האָבן ווערנדיק אונטערגעהעצט דורך די יעזואיטישע גלחים אויסגעמאָרדעט גאַנצע יידישע קהילות אין פראַנק־רייך, דייטשלאַנד, בעמען און אַנדערע מקומות, האָבן נישט בלויז צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר די מיליטערישע גאַרניזאָנען, נאָר אויך געדינט ווי בוי־מייסטערס, בויענדיק אָנשיטן אַרום פעסטונגען, צוימען, שיס־פּונקטן און נאָך אַנדערע מיליטערישע קעגנשטאַנדן פאַר פאַרטיידיגונגס־צוועקן.

אין דאָזיקן בוך ווערט דערציילט אַז ביידע ברידער, זענען פאַר זייערע פאַרדינסטן אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַדל־טיטולן. וואָס זענען אָבער מיט דער צייט פאַרווישט געוואָרן, מחמת דאָס בייטן זיך פונעם קעניגרייך און אויך צוליב אַנטיסעמיטישע טעמים. און נישט בלויז פאַרן לובלינער גאַרניזאָן, האָבן זיי צוגעשטעלט פּראָוויאַנט. זיי האָבן אויך געליפערט שפּייז

פאַר די אַנדערע גאַרניזאָנען, ווי זאַמאָשץ, הרוביעשאָוו, סאַנדאָמיעזש, בילגאָריי, טאָמאַשאָוו, טורבין און קראַשניק, וואָס זענען נישט איינמאָל צעשטערט געוואָרן דורך די איבערפאַלער.

פוילן, וואָס איז אין יענע צייטן געווען פאַררעכנט ווי איינע פון די גרעסערע לענדער, האָט געפירט אייביקע מלחמות מיט די רוסן, מיט די ליטווינער, מיט די דייטשן און אויך מיט די טשעכן, וואָס האָבן געפרוווט אָפּרייסן פון פוילן שטחים. ערשט אין צייטן אַרום, ווען די רעזשימען אין די אויבן דערמאָנטע לענדער, האָבן זיך געביטן לטובת זייער פּוילישן שכן, האָט זיך דעמאָלט איינגעשטעלט אַ לאַנגער שלום, וואָס איז געוואָרן אויסגענוצט אויף צו אַנטוויקלען און באַרייכערן פוילנס שטעט און שטעטלעך. אַזוי אַרום האָט זיך לובלין געגומען אַנטוויקלען, ווערנדיק אַ שטאָט צוגלייך מיט אַזעלכע שטעט ווי פּויזן, לעמבערג, קראָקע, פּיעטריקאָוו און קאַליש.

אין 15־טן יאָרהונדערט, ווערט לובלין שוין פאַררעכנט אַלס אַ צענטער פאַר האַנדל און מלאכה. אַהער נעמען קומען סוחרים פון דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך און טערקיי, אויסשטעלנדיק זייערע סחורות אויף די ירידים, אין באַשטאַנד פון מאַנופאַקטור, זיידנס, טעפּיכער, בשמים און פאַרבן. אויף די לובלינער ירידים, ווערט אויך פאַרקויפט, פעלצן פון ליטע, וויינען פון קאַפּריסין און געפעסן פון עסטרייך אונגאַרן. פּערסער, טאָטערן, אַרמענער און קאַצאַפּן טאָן דאָ אויסברייטן זייערע סחורות מיט די איטאַליענער, און פראַנצויזן און דער עיקר טאָן זיי האַנדלען מיט די יידן, וואָס פאַרנעמען דאָ וויכטיקע האַנדלס־פּאָזיציעס. נישט לאַנג אָבער גייט אָן דער דאָזיקער יידישער האַנדל. וואָרום אָט האָבן זיך די קריסט־לעכע סוחרים פון דער שטאָט אַ נעם געטאָן צו זייער מיאוסער אַנטיסעמיטי־שער מלאכה, אַריינטראָגנדיק אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן די יידן, אַז זיי פאַרכאַפּן דעם גאַנצן מסחר, און אַז זיי קויפן אויף די גאַנצע תבואה, צאָלנדיק דערביי הויכע פּרייזן. און שוין אין יאָר 1521, גיט דער פּוילישער קעניג אַרויס אַ פאַרבאָט צו די יידן צו האַנדלען מיט תבואה און מיט אַנדערע אַרטיקלען. גלייכצייטיק באַשטימט ער אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די



די מהרש״ל־שול אין לובלין
(געבויט אין דעם יאָר 1567)



די מהר״ם־שול אין לובלין,
געבויט אונטער איין דאַך מיט דער מהרש״ל־שול
קעגן אָנהייב פון דעם 17טן יאָרהונדערט

אַנקלאַגעס פון די קריסטלעכע סוחרים אין לובלין, און נאָך אַ לענגערע אויספאָרשונג ווערט די דאָזיקע אָנקלאַגע אַנולירט און די לובלינער באַקומען דאָס ווייטערע רעכט צו האַנדלען. די שטאָט לובלין האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן. יידן פון דער אַרומיקער געגנט באַזעצן זיך אויף געוויסע שטאָטישע ערטער. עס ווערט אויפגעמאַכט די ערשטע שול און אויך דער יידישער בית עולם, וואָס עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

די דאָזיקע שול, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1567, האָט מען גערופן די מהרש״ל שול אויפן נאָמען פון ערשטן ראש ישיבה פון לובלין הרב הגאון ר׳ שלמה לוריה. די צווייטע שול, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויף דער מהרש״ל שול איז גערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון ר׳ מאיר בן גדליהו (מהר״ם מלובלין).

אין 16־טן יאָרהונדערט, פאַרמאָגט שוין די לובלינער קהילה אירע בתי־מדרשים, שולן, ישיבות און צדקה־אַנשטאַלטן. די אַלע בנינים געפינען זיך צופוסנס שלאָסבאַרג. עס איז אויך אַנטשטאַנען די יידישע גאַסן שעראָקע, פאָדזאַמטשע, קראַוויעצקי. דאָס יאַטקע געסל, די טאַר־גאָווע גאַס און אַ ריי אַנדערע קליינע געסעלעך. אוןביים סוף פון 16־טן יאָרהונדערט איז דאָס יידישע לובלין שוין געווען אַ פאַרבויטע און דער דעמאָלטדיקער קעניג זיגמונט אויגוסט, האָט דורך אַ באַזונדערע פריווילעגיע פאַרזיכערט די יידישע רעכט און דערביי איז פאַר די קריסטן פאַרבאָטן געוואָרן דאָס וווינען אין דאָזיקן יידישן געטאָ קוואַרטאַל.

עלילת דם אין פּאַרצייטיקן לובלין

געווען איז עס אין די צייטן ווען אין פּוילן האָט געהערשט דער קעניג סטעפּאַן באַטאָרי, וועלכער האָט ווי אַלע זיינע פאָרלויפער און נאָכלויפער זיך געלאָזט באַאיינפלאסן פונעם קלער, וואָס איז אַמיינסטנס באַשטאַנען פון יעזואיטישע גלחים, וועלכע האָבן זייענדיק פאַנאַטיקער געזייט האָס און שנאה צו יידן, באַשולדיקנדיק זיי אין אָנברענגען מגיפות און פאַרסמען ברונעמער און ועל כולם אין נוצן קריסטלעך בלוט פאַר די פסחדיקע מצות.

אָט דער דאָזיקער קעניג איז געווען דער יעניקער, וואָס האָט געגרינדעט אין לובלין דעם קרוין־טריבונאַל, וואָס איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ פאַר די אַלע שטראָף־פּראָצעסן, אַריינגערעכנט אויך דעם עלילת דם, וואָס האָט נישט ווייניק יידישע קרבנות פאַרשלונגען.

די יידן־פיינטלעכע יעזואיטישע גלחים, האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אַן עלילת דם זאָל פאָרקומען יעדעס יאָר בעת די סעסיעס פונעם טריבונאַל און אַז גאַנץ אומשולדיקע יידן זאָלן דערביי פאַרפייניקט ווערן אין די טאָרטור־קאַמערן. אָדער אומקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט אין שבת ביי דער שול, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ בלוט־דורשטיקע אָנגעלאָפענע גויאישע מאַסע, וועלכע האָט שטענדיק נאָך דער אויסגעפירטער עקזעקוציע געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די שטאָטישע יידן. עס האָבן נישט געהאָלפן די געוויינען און געבעטן פון די קרובים, ביי די ריכטער, ביי די תפיסה באַאַמטע און אפילו אויך ביי די הענקער. אַלץ וואָס איז נאָר געווען קריסטלעך איינגעשטעלט, האָט צוגעהאָלפן צום אומקום פון די אומשולדיקע יידן.

דער פאַנאַטיזים איז דערגאַנגען צו אַזאַ שטופע, אַז דער נאָמען ייד איז געוואָרן דער באַגריף פון אַ מערדער און בלוט פאַרגיסער און אַז קריסט־

לעבע מאַמעס זאָלן אָפּשרעקן זייערע קינדער מיט יידישע בלוט־זויגער וועלכע לויערן אויף קריסטן אין דער פינצטער, זייענדיק פאַרשטעלט ווי די שדים מיט הערנער אויף די קעפּ און נישט בלויז די פּשוטע גויים האָבן געגלויבט אין אַזאַ זאַך. אויך די ריכטער פונעם קרוין־טריבונאַל, וועלכע פלעגן קומען קיין לובלין משפּטן מיט זייערע דינער, רייטקנעכט און שרייבער, האָבנדיק נעבן זיך יעזואַיטישע גלחים אַלס בּאַראַטער.

האָט זיך געטראָפן אַזאַ מין מוראַדיקע עלילת־דם געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דאָרף שוויניאַראָווא, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון לובלין. עס איז מיטאַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען דעם דאָרטיקן מילנערס פיר יאָריק זונדל, וועלכער איז שפּעטער געפינען געוואָרן טויט מיט ווונדן אויפן לייב. די דאָרפישע פּאַסטוכער האָבן דערקלערט פאַרן פאָטער, וועמענס נאָמען איז געווען פּעטרעני, אַז לויט אַלע סימנים, איז דאָס יינגל צעביסן געוואָרן דורך וועלף, וואָס האָבן זיך געפונען לרוב אין די אַרומיקע וועלדער, און עס וואָלט שוין געווען אַזוי פאַרבליבן ווען נישט דער גויאישער פאַכטער פונעם שכנותדיקן דאָרף וואַדניקע, וועלכער האָט וועלנדיק פּטור ווערן פון די דאָרפישע יידן גענומען אויפהעצן דעם פאָטער פונעם אומגעקומענעם. דער דאָזיקער פאַכטער מיטן נאָמען סקאָווינסקי, וואָס איז געווען אַ אָרימער שליאַכטשיץ, האָט דערקלערט, אַז נישט קיינער נאָר יידן האָבן דאָס יינגל אומגעבראַכט, נוצנדיק זיין בלוט אויף מצות צו פּסח. גלייך איז אַרעסטירט געוואָרן דער דאָרפישער שענקער מרדכי, זיין זון אהרון, זיין איידעם אייזיק און דער שענקער־יונג יאַקים. אַלע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער שלאָס־תּפיסה.

די אַרעסטירטע האָבן אין אָנפאַנג אפילו נישט געוווּסט פאַרוואָס מען האָט זיי אַרעסטירט. ערשט שפּעטער ווען די עלטסטע פון דער לובלינער קהילה: משה דאָקטאָראָוויטש און דער ד״ר שלמה לוריאַ, האָבן גענומען זיך משתדל זיין פאַר די אַרעסטירטע ביי די קרוין־ריכטער אַדזשיוואָלסקי און פּזשעבינסקי, האָבן זיי זיך דערוווּסט פון דעם גרויסן בראָך וואָס עס ערוואַרט זיי.

די שתדלנות האָט נישט געבראַכט די געווונטשענע רעזולטאַטן. וואָרום סיי די קרוין־ריכטער און סיי דער טריבונאַל פּרעזידענט אַדאַם סטאַרניצקי, מיטן קאַרדינאַל באַטאָרי בראש, זענען געווען איבערצייגט אין דער שולד



אַ הויז אויפן רינעק

פון די אַרעסטירטע יידן און האָבן נישט געוואָלט הערן און גערענקען וועגן אַ באַפרייאונג.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. די אַרעסטירטע זענען גענומען געוואָרן אין די טאָרטור־קאַמערן, ווו מען האָט זיי געפּייניקט טאָג און נאַכט, באַגיסנדיק זייערע קעפּ מיט ברען־שפּירט און אָנצינדענדיק אַזוי, אַז עס זאָלן זיך שאַפן שווערע ווונדן. די אַרעסטירטע זענען אויך איינגעקלעמט געוואָרן מיט אייזנס אויף אַזוי פיל, אַז זייערע הענט און פיס זענען אויסגעדרייט געוואָרן. דערביי האָבן די פּייניקער געטענהט, אַז די יידן זענען נישט אַנדערש ווי נאָר פאַרבינדן מיטן טייוול, וועלכער באַהאַלט זיך אויס אין זייערע האָר.

און נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די פּייניקונג, האָט דער שענקער־יונג יאַקים זיך „מודה געווען", אַז ער האָט געזען אין שענק אונטערן בעט אַ טאָפּ מיט בלוט און אַז זיצנדיק אַזוי אין דער תפיסה האָט אים דער באַלעבאָס מרדכי געוואָלט אונטערקויפן, אַז ער זאָל נישט דערציילן דעם אמת. דער שענקער־יונג האָט אויך דערקלערט, אַז זיין באַקאַנטע — די פּויערטע נאַטושקאַ האָט אים בסוד סודות איבערגעגעבן, אַז זי האָט אין שענק צווישן די פעסער געזען אַ טויט קינד.

און עס האָבן אויך די יעזואיטישע גלחים מיטן קאַנאָניקום טרעטער בראש, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דער פּויזנער קאַטעדראַלע איבער־גערעדט די קריסטלעכע דינסט פון מרדכי דעם שענקער, וואָס האָט דעריבער עדות געזאָגט פאַר די ריכטער, אַז זי האָט אַליין געזען אַרויסטראָגן דאָס טויטע קינד פון מרדכי'ס שטוב איינגעהילט אין שמאַטעס: דערביי האָט זי געבעטן די יידן מען זאָל זי נישט אומברענגען, דערפאַר וואָס זי איז געווען אַן עדות פון דער זאַך.

די דאָזיקע דערקלערונג פון דער דינסט איז געווען גענוג אַז דער קרוין־טריבונאַל זאָל אַלע אַרעסטירטע יידן פאַרמשפּטן צום טויט. דער אורטייל איז פאַרגעלייענט געוואָרן שבת און די עקזיקוציע האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אין זעלבן טאָג פאַרן טויער פון דער מהר"של שול.



דער פאַרצייטיקער לובלינער שטאָט־זייגער

אין דער צייט ווען די מתפללים גייען פון ראַוונען. אָבער צוליבן געבעט פון די קהילה עלטסטע, וועלכע האָבן געגעבן די יעזואיסטן 200 גאָלדענע דוקאַטן, האָט דער קרויז־טריבונאַל דערלויבט, אַז דער אורטייל זאָל דורכגעפירט ווערן מחוץ דער שטאָט.

די פאַרמשפּטע זענען דעמאָלט אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף וועגענער און מיט גרויס פּאַראַד געפירט געוואָרן איבער די גאַסן צום עקזעקוציע־פּלאַץ. דאָרטן האָבן די תּלינים אויף אַ שווידערלעכן אופן צעהאַקט די קערפּער פון די פאַרמשפּטע אויף יאַטקע־קלעצער און די צעפּערטלטע טיילן געלאָזט צושלאָגן מיט טשוועקעס צו די קלעצער. און עס האָט דער לוצקער בישאָף בערנאַרד מאַטשעיאָווסקי געלאָזט באַהאַלטן אין דער קירכע דעם טויטן קערפּער פון דעם קינד, דערקלערנדיק אים אַלס הייליקן. שפּעטער האָבן די לובלינער יעזואיטן אויסגעפּועלט אַז דאָס „הייליקע קינד" זאָל איבערגעפירט ווערן אין דער לובלינער קאַטעדראַלע. און דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט דער בישאָף פון דער שטאָט זיך באַמיט ביים פּויפּסט אין רוים, ער זאָל דעם קליינעם הייליקן „קאַנאָניזירן".

אַ צווייטער טרויעריקער פאַל פון אַ בלוט בלבול איבער אַן אומשול־דיקן ייד האָט פּאַסירט אין יאָר 1636. דער אָנגעקלאָגטער איז געווען דער לובלינער דאָקטאָר מרדכי בן מאיר. אָנגעקלאָגט האָט אים אַ גלח, וואָס האָט געטענהט פאַרן טריבונאַל־געריכט, אַז מרדכי בן מאיר, וואָס איז געווען אַ כירורג, האָט אים בעת ער איז געקומען זיך היילן אָנגעצאַפּט צופיל בלוט „פאַר ריטועלע צוועקן". מרדכי בן מאיר איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און די עקזעקוציע איז דורכגעפירט געוואָרן ביי דער יידישער שול, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ המון גויים און גויעס, וועלכע האָבן בעת דער עקזעקוציע געריטשעט ווי די ווילדע חיות, לאָזנדיק זיך נאָכדעם ראַבירן די יידישע באַפעלקערונג.

די דאָזיקע עלילת־דם פּראָצעסן, האָבן אָנגעבראַכט אַ מוראַ און שרעק צווישן די לובלינער יידן, וועלכע האָבן צום אָנדענק פון די אומשולדיקע יידישע קרבנות איינגעפירט אַ תּענית, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פיל יאָרן.

יידיש לובלין אין די יאָרן ת״ח ות״ך

דער קאָזאַקישער אויפשטאַנד, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען דער מערדערישער העטמאַן באָגדאַן כמיעלניצקי איז אויסגעבראָכן אין יאָר ת״ך — 1648, אין זומער צייט ווען אין די אוקראַאינישע סטעפּעס, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט אַוועקגעצויגן העט ווייט פון דניעפּער, אַזש ביזן זאַפּראָזשע, האָט זיך אויפגעהויבן די שווערד פון מרידה, וואָס האָט מיט איר פאַרנעם באַדראָט דאָס פּוילישע קעניגרייך, וועמענס קעניג יאַן קאַזשי־מיעזש האָט דעמאָלס געמוזט פירן אַ היימישן אינערלעכן קריג מיט די פירשטן, וועלכע האָבן זיך פּראָקלאַמירט אַלס אַליינהערשער, צעשפּליטערנ־דיק אַזוי אַרום דאָס לאַנד אויף פיל טיילן.

כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן, האָבן דעמאָלט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן קרימער טאָטערישן כאַן, וועמען זיי האָבן צוגעזאָגט זיך צו טיילן מיטן רויב ווי אויך מיט דער פּוילישער ערד, וואָס איז געווען פיל מאָל גרעסער ווי דאָס האַלב אינדזל קרים. און נישט בלויז מיט די טאָטערס האָט זיך כמיעלניצקי פאַראייניקט. צו אים זענען אויך צוגעשטאַנען טשער־קעסן, קירגיזן, מאָרדווינער, באַשקירן און נאָך אַנדערע שבטים פון ווייטן אַזיע, וועלכע האָבן געהאַפּט אָפּצולעקן אַ פעט ביינדל אין דאָזיקן קריג קעגן דער רייכער פּוילישער שלאַכטע.

האָט זיך דעריבער דער בלוט־דורשטיקער העטמאַן געלאָזט אין וועג אַריין מיט אַ צוויי הונדערט טויזנט קעפּיקער אַרמיי, וואָס האָט נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה שוין געהאַט חרוב געמאַכט אוקראַאינישע שטעט און שטעטלעך אויסהאַרגענדיק דערביי די דאָרטיקע פּוילישע גאַר־ניזאָנען. דער קאָזאַקישער אויפשטאַנד האָט זיך איצט נאָכן איינגעמען די

פּאָדאָלסקער, וואָלינסקער, בראַצלאַווסקער און קיעווער פּראָווינצן צעשפּרייט ווי אַ פּייערדיקע לאַווע, לאָזנדיק וווּיט הינטער זיך דעם סיטש און זאַפּאָראָזשע און פאַרגרעסערנדיק זיינע פּאָלקן מיט פיל טויזנטער צוגעשטאַנענע אויפ־שטענדלער, וועלכע האָבן אים געהאָלפן באַזיגן די יעניקע פּוילישע פּאָלקן אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע באַרימטע פּולקאָווניקעס ווי סטעפאַן טשאַרנעצקי און גראַף פּאָטאָצקי.

איצט נאָך די אָפּגעהאַלטענע זיגן, האָבן זיך כמיעלניצקיס קאָזאַקן און מיט זיי די קרימער טאָטערס, געררוקט פאָרויס אָפּווישנדיק אין גאַנג פון דער ערד אויבערפלאַך די שטעט, נעמיראָוו, טולטשין, קאָנסטאַנטינאָוו, אָסטראָוו און טשעכרין, אומברענגענדיק דערביי די דאָרטיקע יידישע קהילות. קיין לובלין, האָבן דעמאָלס געגומען אָנקומען די ערשטע אַנטלאָ־פענע יידן, וואָס האָבן דערציילט וועגן די אכזריותדיקע מעשים, וואָס די קאָזאַקן האָבן אָפּגעטאָן מיט יידן. ווי אַזוי זיי האָבן לעבעדיקערהייט געשונדן די הויט פון די קרבנות, אָפּגעשניטן די גלידער און באַגראָבן לעבעדיקערהייט. יידישע שוואַנגערדיקע פרויען, האָט מען אויפגעשניטן די בייכער, אַרויסגעריסן פון זיי די נאָכנישט געבוירענע קינדער און אַריינגעגנייט קעץ.

דער מערדערישער אַטאַמאַן, וועלכער האָט אויסגעלאָזט זיין כעס אויף יידן, נישט שוינענדיק דערביי די פּוילישע שלאַכטע, איז מיט זיינע רוצחים די קאָזאַקן און טאָטערן אַריין אויף דער ריין פּוילישער ערד, באַלאַגערנדיק צוערשט די שטאָט זאַמאָשץ. היות זאַמאָשץ איז געווען אַ שטאַרקע פעסטונג, האָבן די באַלאַגערער נישט קענענדיק זי איינגעמען זיך באַגנוגנט מיט 20,000 גילדן אויסקויף־געלט, וואָס די דאָרטיקע יידישע קהילה האָט געגעבן. גלייכצייטיק האָבן די מערדער צעשטערט די אַרומיקע שטעטלעך, שעברעשין, בילגאָריי, הרוביעשאָוו, טורבין און קראַשניק, חרוב מאַכנדיק זיי ביזן גרונט.

דערווייל האָבן די לובלינער בירגער, יידן און גויים, זיך גענומען גרייטן צו דער פאַרטיידיקונג, באַזעצנדיק מיט האַרמאַטן די טורעמס און

באַסטיאָנען. די שטאָט־מויערן זענען אויסגעבעסערט געוואָרן. עס זענען אָנגעשיט געוואָרן שאַנצן אַרום די מויערן און אַזוי האָט מען זיך געגרייט אויפצונעמען דעם שונא מיט אַ האָגל פון קוילן. נאָר עס איז צו דעם נישט געקומען: כמיעלניצקי מיט זיינע באַנדעס, וואָס האָבן שוין געהאַט באַלאַ־גערט לובלין, גרייטנדיק זי איינצונעמען מיט שטורעם, האָבן מיטאַמאָל באַקומען אַ ידיעה, אַז דער פוילישער סיים, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין וואַרשע, האָט אויסגעוויילט דעם נייעם קעניג יאַן קאַזשימיעזש, וואָס איז געקומען אויפן אָרט פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, און באַלד האָט דער נייער קעניג אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו כמיעלניצקין, אויפפאָדערנ־דיק אים אָפּצושטעלן די באַלאַגערונג פון לובלין און זיך אומקערן אַהיים קיין זאַפּאָראָזשע, ווו ער, דער קעניג, וועט פירן מיט אים פאַרהאַנדלונגען. האָט כמיעלניצקי באַפוילן זיין מיליטער זיך אומצוקערן אַהיים און די שטאָט לובלין האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

נאָר נישט לאַנג איז די לובלינער יידן באַשערט געווען צו לעבן רואיק. וואָרום שוין אין אייניקע יאָרן אַרום, האָט זיך כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן און טאָטערן צוריק באַוויזן אויף דער פוילישער ערד, נעמענדיק אויפסניי זייען טויט און פאַרוויסטונג. צו זיי זענען איצט צוגעשטאַנען די רוסן, וועלכע האָבן זיך ווי דער היישעריק אין פעלד, אַ לאָז געטאָן אויף לובלין איינגעמענדיק זי מיט שטורעם. אין אָנהויב האָבן די רוסן מיט די קאָזאַקן זיך געהאַט באַנוגנט בלויז מיט ראַבירן דאָס יידישע האָב און גוטס און מיטן נעמען 30,000 גלידן אויסקויף־געלט. שפּעטער אָבער האָבן זיי אַלע יידן אַרויסגעטריבן פון די הייזער, טרייבנדיק זיי מיט שמיץ און ווילדע אויסגעשרייען צום מאַרק־פּלאַץ, ווו זיי זענען נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אָפּגעלאָזט געוואָרן. דער שונא האָט שפּעטער גענומען מאַכן אָנפאַלן אויף די פאַרשידענע שטאָט־טיילן. זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם שלאָס מיט די אַלע הילצערנע הייזלעך אַרום אין וועלכע עס האָבן געוווינט יידן און דערביי געמאָרדעט און ראַבירט זעקס טעג נאָכאַנאַנד. אין שטאָט האָט געגומען אויספעלן שפּייז און וואַסער און עס האָט דערביי געדראָט עס

זאָל אויסברעכן אַ מגיפה. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָבן די רוצחים פאַרלאָזט לובלין מיטפירענדיק מיט זיך די אַלע סחורות, דאָס גאָלדוואַרג, די פערד מיט די קאַרעטן און מיט אַ קאָנטריבוציע פון 100,000 גילדן. נאָך זייער אַוועקגיין האָבן די לובלינער ערשט דערזען די גרויסע בראָך וואָס דער שונא האָט אָנגעבראַכט, אומברענגענדיק אָן אַ שיער מענטשן. צווישן זיי דעם דעמאָלטדיקן באַוווּסטן גאון ר׳ אברהם בן־יהודה, וועמען זיי האָבן לעבעדיקערהייט אַרויפגעשטעקט אויף אַ שפּיז און אים געפּייניקט אַזוי לאַנג ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. די דעמאָלטדיקע כראָניקער גיבן איבער, אַז פיל יידן האָבן זיך דעמאָלט אַליין גענומען דאָס לעבן אום נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די מערדער.

אין יענער שוידערלעכע טעג, איז דאָס יידישע לובלין געוואָרן פאַר־וויסט. אַלע שולן, בתי־מדרשים, ישיבות זענען פאַרברענט געוואָרן און אונטער די פאַרברענטע הייזער, זענען שפּעטער געפונען געוואָרן פיל הונדערטער מתים, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן אַלטן בית־עולם.

און קוים האָט זיך די שטאָט געהאַט אַ ביסל אָפּגערוט פון דער מוראדי־קער קאָזאַקיש רוסישער אינוואַזיע, אַזוי איז זי איינגענומען געוואָרן דורך דעם שוועדישן קעניג קאַרל־גוסטאַוו, וועלכער האָט דעמאָלט איינגענומען פוילן, לאָזנדיק זיך קרוינען אַלס קעניג. די שוועדן זענען לאַנג נישט געזעסן אין לובלין. זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך די ליטווישע פולקן, אָנגעפירט דורכן גראַף סטאַניסלאַוו פּאָטאָצקי. די ליטווינער זענען שפּעטער פאַרטריבן געוואָרן דורך די פּאָליאַקן און אַזוי האָט זיך די שטאָט לובלין איבערגעגעבן פון איין פאַרכאַפּער צום צווייטן, פאַרלירנדיק דערביי דאָס רעשט ביסל שטאָטיש פאַרמעגן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די אַלע מוראדיקע געשעענישן, איז מצד די רבנים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין לובלין באַשטימט געוואָרן אַ גייער תענית, ווי אַן אָנדענק פאַר די קינפטיקע דורות. און דערציילט איז געוואָרן

אויף אָט דעם רבנים־צוזאַמענקום פון די אַלע פּאָגראָמען אויף יידן און ווי אַזוי די יידן האָבן ליבערשט אויסגעקליבן דעם טויט און זיך נישט צו שמדן, האָבנדיק דערמיט ווי טרייע יידן מקדש השם געווען ברבים.



די אַמאָליקע יידן־גאַס

גדולי הדור אין יידישן לובלין

פיל יאָרן האָט דאָס יידישע לובלין נישט געקענט צו זיך קומען נאָכן גרויסן כמיעלניצקי־חורבן, וואָס האָט די שטאָט פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה. די גרויסע לובלינער יאַרידים זענען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לענטשנע און דער קרוין־טריבונאַל האָט זיך געשלאָסן אויף אַ לענגערע צייט. די פוילישע מדינה, וואָס איז פון די כסדרדיקע מלחמות פאַראָרעמט געוואָרן, האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון תוהו ובהו. די פירשטן, וואָס האָבן באַהערשט ריזיקע מדינה־שטחים, האָבן זיך אַרומגעריסן, פירענדיק צווישן זיך מלחמות און מיט די געקרוינטע קעניגלעכע הויפן, פון וועמען די מאַכט איז אָפּגענומען געוואָרן ביז אַ מינימום. אין די פוילישע שטעט, האָבן אונטערגעהעצטע גויים איינגעאָרדנט פאָגראָמען אויף יידן אונטער דער נאַרישער באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן געגנבעט די האָסטיע.

דער קרוין־טריבונאַל, וואָס איז ווידער געוואָרן טעטיק אין לובלין, האָט ווידער אַ מאָל געפירט פּראָצעסן קעגן יידן באַשולדיקנדיק זיי אין עלילות־דם. דער קעניג יאַן דער דריטער האָט זייענדיק אונטער די השפעה פון די יידן פיינטלעכע יעזואיטן אַרויסגעגעבן דעקרעטן וואָס פאַרשווערן יידן צו פירן מסחרים מיט די קריסטלעכע קויפמאַנשאַפטן. די יידן איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן צו עפענען געוועלבן אין די גויאישע גאַסן, צו האַלטן גויאישע דינסטן און טאָרן נישט פאַרברייטערן זייער האַנדל מיט מאַנופאַק־טור, מיט זיידנס און מיט שפּייזוואַרג. די דאָזיקע גזירות האָבן אָפּגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז עס איז געקומען צו דער מאַכט דער קעניג סאָביעסקי, וועלכער האָט צוריקגעקערט צו יידן דעם פרייען האַנדל און האָט אויך בטל געמאַכט אַ רייע עלילות־דם פּראָצעסן.

די ביטערע גזירות פאַר יידן זענען צוריק באַנייט געוואָרן דורכן רוסישן קעניג פּיאָטער דער גרויסער, וואָס האָט אין 1707 איינגענומען פּוילן האָבנדיק צוערשט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין לובלין. פּיאָטער דער גרויסער האָט אָפּגעשאַפט די אַלע יידישע פּריווילעגיעס. ער האָט אונטער שטראָפן פאַרבאָטן די קריסטן צו פאַרדינגען יידן געשעפטן און האָט אויך איינגעפירט דעם תחום המושב, וואָס פאַרבאָט יידן צו וווינען אין געוויסע שטעט, און וואָס פאָדערט אויף יידן צו וווינען בלויז אין די יידן־קוואַרטאַלן. דער ועד אַרבע ארצות, וואָס האָט אין די אַלע גוטע און שלעכטע יאָרן געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט, באַמיענדיק זיך צו העלפן ווי ווייט מעגלעך דאָס שטאַרק פאַראָרעמטע פּוילישע יידנטום, איז איצט אונטער דער הערשאַפט פון דאָזיקן רוסישן סאַטראַפּ, ווייט אַראָפּגעפאַלן פון אירע פולמאַכטן און כמעט ווי אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אויפלעזנדיק זיך אין גאַנצן אין יאָר 1764.

רבי און מתנגד

אין די שפּעטערע יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט, ווען צווישן געיאָגטן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק, האָט אויפגעשיינט די גרויסע געשטאַלט פונעם גרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, האָבן אין יידישן לובלין, וואָס האָט זיך נאָך די אַלע מוראדיקע מלחמות צוריק געשטעלט אויף די פיס געהאָט די אויבערמאַכט די ראשי הקהל, אין באַשטאַנד פון פּרנסים, שטדלנים און סתם רייכע לייט, וועלכע זענען געווען ווייט פון צו אָנערקענען דעם חסידיזם, וואָס האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן איבער פּוילן און איבער אירע גרענעצן.

דער ערשטער וואָס האָט געפּלעגט דאָס אַנטשטאַנענע חסידות פון בעל־שם־טוב, איז געווען זיין נאָכפאָלגער און תלמיד, דער מגיד פון מעדזשיביזש, וואָס האָט פאַרטיפט די חסידישע תורה און געגרינדעט דעם ערשטן רבישן הויף, אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ רייע יונגע לומדים, ווי די ברודער אלימלך און זישע, וועלכע זענען שפּעטער געוואָרן באַרימטע רביים. דער שפּעטערדיקער רבי ר׳ שמעלקי פון ריטשוואַל, יעקב יצחק דער חוזה מלובלין און אַנדערע באַוווסטע רביים, ווי ר׳ מענדל פון רימאַנאָוו ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער, דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ שמחה בונם פון פּשיסכע און נאָך באַרימטע גוטע יידן, פון יענער צייט.

עס איז געווען די שפּעטערע צייט נאָך די אויפטרייסלונגען פון יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט, וואָס איז געקומען דורך די פאַלשע משיחים שבתי צבי און יעקב פראַנק, וועלכע האָבן מיט זייער פאַלשער תורה דערפירט יידן צו שמד און אויך פאַראורזאַכט צו אַ רייע עלילת־דם פּראָצעסן אין צויזמער, אין לעמבערג, אין זשיטאָמיר און יאַמפּאָל. שפּעטער, נאָכן

שמדן זיך פון יעקב פראַנק און זיינע אָנהענגער, איז אַנטשטאַנען דער שוידערלעכער בלוט־בלבול אין ווילאַוויצע, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט שרעקלעכע טויטן, דער אָרטיקער דיין און די שמשים פון דער שול. דערביי האָבן פראַנקיסטישע משומדים עדות געזאָגט קעגן די באַשול־דיקטע אומשולדיקע יידן.

דער חוזה מלובלין, איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל יוזעפאָוו, וואָס ביי דער ווייסל, ווו זיין פאָטער ר׳ אליעזר איז געווען רב. שוין נאָך אַלס יינגל, האָט יעקב יצחק אַרויסגעוויזן גרויס קענטעניש אין לערנען. ער פלעגט זיצן יומם ולילה ביי דער גמרא און פאַרענטפערט די שווערסטע סוגיות, זייענדיק דעמאָלט צען יאָר אַלט. ווען דער רבי ר׳ זישע איז געהאַט געקומען קיין יוזעפאָוו, האָט אים דעמאָלט דער צען יאָריקער עילוי אַריינ־געבראַכט אין גרויס התפעלות מיט זיינע גרויסע קענטענישן און ער האָט דערפאַר אים מיטגענומען צו זיין ברודער ר׳ אלימלך, וועלכער האָט מיט אים געלערנט תורה.

דער פאָטער זיינער, האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט זיין אין ליזשענסק. ער האָט אים פאַרשדכנט מיט דער טאָכטער פון אַ דאָרף־שענקער און גלייך נאָך דער חתונה, איז ער אַנטלאָפן פון שטאָט. טוענדיק אַרומוואַנ־דערן איבער די שטעט און שטעטלעך, נישט האָבנדיק בדעה זיך צוריקצו־קערן צום יונגן ווייב, וועלכע איז אים ווייט נישט געפעלן.

די לעגענדע דערציילט, אַז אינמיטן פון זיינע וואַנדערונגען, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. ער איז געווען מיד און הונגעריק און האָט געזוכט צו דערכאַפּן מיט עפּעס דאָס האַרץ. פּלוצלינג האָט ער דערזען אין דער ווייטנס אַ ליכט, איז ער געגאַנגען צום ליכט. און אָנקומענ־דיק אַהין האָט פאַר אים אויפגעטויכט אַ שיין הויז. ער איז אַריין אינווייניק און האָט דערזען פאַר זיך אַ וווּנדערשיינע פרוי, וועלכע האָט אים דאָס ערשטע דערלאַנגט צו עסן און צו טרינקען און נאָכהער האָט זי זיך צו אים צוגעריקט, נעמענדיק אים רייצן. אַ דערשראָקענער איז יעקב יצחק אויפ־געשפּרונגען פון אָרט דערקלערנדיק איר די דינים פון אַ חתונה געהאַט

מאַן, וואָס באַדאַרף זיין דערוויַיטערט פון אַן אַנדערע פרוי. די פרוי האָט אים אָבער נישט נאָכגעלאָזט. זי האָט זיך גערוקט אויף נענטער צו אים. האָט יעקב יצחק דעמאָלט אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און גערופן דעם אויבערשטן צו הילף. אין דער רגע האָט מיטאַמאָל געמומען דונערן און בליצן דאָס הויז איז גלייך איינגעפאַלן, די פרוי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אונטער דער חורבה און דער יונגער וואַנדערנדער צדיק איז אַרויס אַ זיגער אין קאַמף מיט ליליתן.

יעקב יצחק, איז נאָכן וואַנדערן אַ שטיק צייט געקומען קיין מעדזשביזש צום מגיד, זעצנדיק זיך לערנען תורה און האָבנדיק נעבן זיך אַזעלכע תורה לערנער ווי ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו, ר׳ זלמן שניאור פון לאַדי און נאָך אַנדערע לערנער, וועלכע האָבן שפּעטער באַשיינט די חסידישע וועלט. איין מאָל איז יעקב יצחק אַריינגעקומען צום מגיד אין יחוד־שטיבל. דער גרויסער רבי האָט אים דעמאָלס גוט אַריינגעקוקט אין די אויגן, פונוואָס יעקב יצחק איז געפאַלן אזש אין חלשות. דער מגיד האָט אים דעמאָלט געזאָגט אַז ער, יעקב יצחק זאָל אויפהערן צו פּראַווען תעניתים און נאָך האָט דער מגיד געזאָגט צו יעקב יצחקן, אַז ער האָט אַנדערע אויגן ווי יעדער מענטש און אַז ער איז ראוי צו זיין אַ גרויסער מענטש.

יעקב יצחק האָט פאַרלאָזט מעדזשביזש און אַוועק קיין ריטשוואַל צום רבין ר׳ שמעלקע. ווו ער האָט זיך געמומען פאַרטיפן אין קבלה. פון ריטש־וואַל איז ער געגאַנגען קיין ליזשענסק צום רבין ר׳ אלימלך, ווו ער איז נתגלה געוואָרן אַלס „חוזה״, און ווו ער איז געוואָרן דעם רבינס באַליבטס־טער תלמיד. אָבער אויך דאָ איז ער לאַנג נישט געבליבן. ער איז אַוועק צום נאָענסטן שטעטל לאַנצוט, ווו ער האָט געגרינדעט אַן אייגענעם הויף, האָבנדיק אַרום זיך פיל חסידים. גלייך איז אים אָבער געוואָרן באַפוילן פון הימל, ער זאָל די דאָזיקע שטאָט פאַרלאָזן און גיין קיין וויענאַווע. לאַנג האָט יעקב יצחק אַרומגעזוכט דאָס שטעטל וויענאַווע, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. צום סוף האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס דאָזיקע

אָרט רופט זיך אויף יידיש טשעכיוו, וואָס געפינט זיך האַרט ביי לובלין, ביים טייך טשעכאַווקע.

אָנקומענדיק קיין ווינעאַווע, האָט זיך יעקב יצחק באַזעצט אין איינעם פון די קליינע הייזקעס, ווו ער האָט געגרינדעט זיין הויף. דעמאָלט האָט קיין רבי מיט חסידים נישט געוואַגט זיך צו באַזעצן אין נאָענטן לובין, וואָס איז געווען מתנגדיש איינגעשטעלט, מחמת די רבנים און ראשי ישיבות, האָבן נישט דערלאָזט איינפירן אין דער יידן־שטאָט נייע מיני באַוועגונגען, וואָס קענען שלעכט זיך אָפּרופן. מער פון אַלע איז אַרויסגעטראָטן קעגן חסידישע רביים ר׳ עזריאל האָראָוויץ, גערופן דער „אייזערנער קאָפּ״, וועלכער האָט אויפגעפּאַסט אַז לובלינער יידן זאָלן נישט קומען אין באַרירונג מיט רבין אין ווינעאַווע, וועמענס שם איז דערגאַנגען ווייט אַרום, אַזוי אַז עס האָבן גענומען אָנקומען אַהין פיל יידן, וואָס האָבן געזוכט אַ טרייסט ביים רבין אין זייער נויט. און אָט די דאָזיקע ערשטע חסידים, האָבן דעם חוזה באַרימט געמאַכט, דערציילנדיק איבעראַל וועגן זיין פרומקייט און גוטסקייט און אויך איבער זיין גרייטקייט צו העלפן אַלעמען וואָס קומען צו אים נאָך הילף.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער רבי יעקב יצחק איז געוואָרן שטאַרק באַוווסט אין די קלויזן, ווו יידן האָבן זיך אָנדערציילט וועגן אים וווּנדער־מעשיות. די מעשיות זענען געגאַנגען פון אויער צו אויער און זענען דערגאַנגען אפילו צו די קהלשע פירער, וואָס האָבן אָבער מעשה פלא נישט קעגנגעשטעלט זיך דעם רבין, וואָס האָט שפּעטער אביסל אומגעשטערט זיך אַריבערגעצויגן קיין לובלין, ווו ער האָט אויף דער שעראָקע גאַס (גערופן די יידן גאַס) געדונגען אַ גרויסע קלויז, אין וועלכער ער האָט געקענט לערנען און דאַווענען מיט זיינע פיל חסידים, נישט זייענדיק דערביי געשטערט פון די מתנגדים.

די נפילה

דאָס פאַלן פון דער באַסטיליע און דאָס שפּעטערדיקע קרוינען פון נאַפּאָ־לעאָנען אַלס פראַנצויזישער קיסר, האָט נישט בלויז אויפגערודערט די וועלט, נאָר האָט אויך צערודערט די דעמאָלסטדיקע קהלישע קאָכלעפל, די פּרנסים, די טאַקסי־מאַנער און די אַלע פּאַרזאָרגער פון כלל ישראל אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, ווי עס האָט נאָך געהאַט געהערשט דער אַלטער קהלישער סיסטעם.

נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, וועמענס מאַכט האָט געגרייכט פונעם אַטלאַנ־טישן אָקעאַן ביז צו דער ווייסל, האָט ווי באַוווּסט געשאַפן אין יאָר 1807 דאָס וואַרשעווער פירשטנטום און די פּוילישע מלוכה, וועלכע איז שוין געהאַט געווען טיף געפאַלן האָט אַ דאַנק נאַפּאָלעאָנען געזאָלט אויפשטיין תחית המתים. נאַפּאָלעאָנס געגעבענע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט דערטיילט גלייכע רעכט צו אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון גלויבן, האָט אַרויס־גערופן אַ געוויסע אומצופרידנקייט אין די חסידישע קלויזן, וואָס האָבן אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציאָנעלער גלייכבאַרעכטיקונג דערזען אַ סכנה פאַר דער קהלשער געפירטער פּאָליטיק, בפרט נאָך ווען יידישע קינדער זענען גערופן געוואָרן צו לערנען אין די שולן די וועלטלעכע לימודים. אויך די פּוילישע שלאַכטע וועמען עס איז געווען אַ שאָד זיך צו שיידן פון אַלטן לעבנס שטייגער, איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער קאָנסטיטוציע, אויספּועלנדיק ביים וואַרשעווער הערצאָג — דער קעניג פרידריך אויגוסט פון סאַקסען, אַז ער זאָל אָפּלייגן דאָס אויספירן די געזעצלעכע קאָנסטי־טוציאָנעלע גלייכבאַרעכטיקונג, און אַז ער זאָל דערביי אויך נישט איילן איינצופירן דעם דעקרעט פון אָקטאָבער 1808, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן.

דאָס רופן אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון גלויבן צו מיליטער־דינסט, האָט אַרויסגערופן שרעק אין די יידישע קהילות אין פוילן. שליחים און שתדלנים, האָבן געגומען אונטערוועגירן ביי די וואַרשעווער מאַכט־אָרגאַנען, די יידישע הויפן פון קאָזשעניץ, פּשיסכע, איזשביצע און לובלין, האָבן איינגעלייגט וועלטן אום אָפּצושרייען די גזירה און לסוף איז זיי געלונגען בטל צו מאַכן די דאָזיקע גזירה, דורך פאַרבייטן דאָס דינען פון יידן אין מיליטער אויף אַ „קאָפּ־שטייער".

עס ווערט דערציילט, אַז דער רבי ר' מענדל פון רימאַנאָוו, וואָס איז געווען איינער פון נאַפּאָלעאָנס אָנהענגער, האָט געהייסן זיינע חסידים מתפלל זיין פאַרן ווויל פונעם קיסר. דערויף האָט זיין תלמיד, ר' נפתלי ראָפּשיצער אים אַ פרעג געטאָן: היתכן? — נאַפּאָלעאָן איז דאָך אַ רעליגיע אָפּלייקענער. אין אמתדיקן גאָט לייקענען אַלע גויים — האָט געענטפערט ר' מענדל רימאַנאָווער און צוגעגעבן האָט ער, אַז נאַפּאָלעאָן איז דער יעניקער, וואָס האָט געוואָגט צו זאָגן צו די אַנדערע מלכים אַזוי: ווייל איר האָט אונטערדריקט די יידן, וועט איר דערפאַר פון מיר באַשטראָפט ווערן.

נאָר נפתלי ראָפּשיצער האָט נישט אָנגענומען זיין רבינס זאָג און ביידע זענען אַוועק צום לובלינער חוזה, ער זאָל אַרויסטראָגן אַ פסק. ר' יעקב יצחק, וואָס האָט גוט נאָכגעטראַכט אין דעם ענין האָט דערויף נישט געקענט געפונען קיין תשובה און ביידע זענען דעריבער אַוועק צום קאָזשעניצער מגיד, וואָס האָט דעמאָלט פאָרויסגעזאָגט נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין זיין אָנגעהויבענער מלחמה מיט רוסלאַנד.

אויך ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָן איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די ענגלענדער און ווען עס זענען אין רעזולטאַט דערפון אויפגעשטאַנען אַ רייע קליינע מלוכות, באַקומענדיק צוריק זייער זעלבסטשטענדיקייט, האָבן יידן געגומען האָפן אַז אויך פאַר זיי וועט אויסשלאָגן די שעה פון דערלייזונג, אַז עס וועט זיך דערנענטערן דער „קץ" און דאָס אָנקומען פון משיחן. די גרויסע צדיקים פון קאָזשעניץ, פּסיסכע און לובלין, האָבן זיך דעמאָלט הייס געגומען צו די תפילות, כדי

שטורמען דעם הימל און צו איבערצייגן די פמליה של מעלה אין דער נויטווענדיקייט פון אַ שנעלער דערלייזונג פון פאָלק ישראל, וואָס האָט שוין גענוג געליטן. נאָר אין הימל האָט מען ווייזט אויס געהאַט אַנדערע משחבות, אַזוי אַז די רבישע שטורמער האָבן טייער באַצאָלט פאַר דער געוואַגטקייט. אַלע דריי, דאָס הייסט, דער קאָזשעניצער מגיד, דער ייד פון פּסישכע און אויך דער חוזה מלובלין, זענען נפטר געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר תקע״ה — (1815). די פּטירה פון חוזה מלובלין איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדע אומשטענדן: אין שמחת תורה, האָט דער רבי שוין געהאַט געפּילט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע און היוצא מזה, האָט ער געבעטן זיינע מקורבים, זיי זאָלן אים נישט פאַרלאָזן און זען אים גוט אָפּצוהיטן. די חסידים אָבער זענען געווען גוט שיכור פון קידוש־טרינקען און האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויפן רבינס בקשה. האָט דער רבי געבעטן די רביצין זי זאָל אים אָפּהיטן, און זי — די רביצין, כאָטשבי זי האָט עס געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט און וואַכזאַמקייט, האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען ווי ערנסט עס איז די זאַך. און אַז עמיצער האָט געהאַט דעמאָלט געקלאַפּט אין דער טיר וואָס די רביצין איז געגאַנגען עפענען, האָט זי צוריקקומענדיק דעם רבין שוין נישט געטראָפן אין בעט. ווי אין נעפּל האָט זי געזען ווי עפּעס געשטאַלטן אַזעלכע טראָגן דעם רבין אַרויס דורכן פענצטער, וואָס איז אָבער דאָך געווען צוגעמאַכט און פאַרנעמען מיט ליידיקע גלעזער און פלעשער, וואָס די חסידים האָבן אַוועקגעשטעלט נאָכן אויסטרינקען פון זיי די שאַרפע משקה.

די רביצין איז אין אָנבליק פון דעם געוואָרן פאַרצווייפלט. זי האָט געוויינט און געשריגן נאָך הילף, נאָר קיינער פון די שיכורע האָט איר נישט געקענט העלפן. ערשט דעם רבינס תלמיד ר׳ לייזער פון כמיעלניק האָט פאַרבייגייענדיק דעם גאַסן־וועג, דערהערט אַ קרעכצן צווישן די קוסטעס און דערנענטערנדיק זיך צום אָרט, האָט צו זיין גרויסן שרעק באַמערקט דעם רבין ליגנדיק אויף דער ערד אַ צעשלאָגענער, שעפּטשנדיק דערביי יום טובדיקע תפילות.

לייזער כמיעלניק האָט גלייך געׂרופֿן די חסידים, וועלכע האָבן גע־וואָרפֿן גורל ווער פֿון זיי עס באַדאַרף אָננעמען דעם רבין ביים קאָפּ און ווער ביי די פֿיס. אַזוי אַרום האָבן די חסידים אַהיימגעבראַכט דעם קראַנקן רבין, וואָס איז זייט דער נפילה געוואָרן נאָכמער קראַנקער, נפטר געוואָרן אין תשעה באב פֿון דעם זעלבן יאָר. און קומענדיק צו קבורה אויפֿן אַלטן בית עולם, ווערט געזען מצבה שטייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

פֿיר יאָר שפּעטער איז נפטר געוואָרן דער מתנגד פֿון רבין ר׳ יעקב יצחק און פֿון אַנדערע רביים, דער לובלינער רב ר׳ עזריאל הלוי האָראָוויץ, דער „אייזערנער קאָפּ״. זיין קבר געפֿינט זיך נישט ווייט פֿונעם חוזה.

אינהאַלט

ערשטער טייל

7 לובלינער יידן צווישן פאַרצייטיקע מויערן און בראַמען ערב דער שוידערלעכער היטלער־מלחמה
17 ווען לובלין איז געוואָרן אַ גרויסע שטאָט
33 לובלינער יידן און זייערע מעשים
49 דער שטאַרקסטער צווישן די שטאַרקע
57 בוטשע
71 דער אַפישן־קלעפּער און דער פּאָליצייאישער משומד
83 פון שמאי גרייער ווערט שמאי אַלפאָנס
97 די וועלט־קאַטאַסטראָפע רוקט זיך אָן
109 דער שוואַרצער שבת אין לובלין

צווייטער טייל

123 שריי געטאָ לובלין!
161 דער טויט פון קדושים
179 מיידאַן טאַטאַרסקי
186 זעקס יידן זענען זיי געוועזן
199 אין אויסגעלאָשענעם גהינום מיידאַנעק
219 מיטן וואַנדער שטאָק אין דער האַנט
224 אַ פּוילישער גראַף האָט זיך אין איר געליבט
231 מינכען נאָך דער מלחמה
237 יידן אין פאַרצייטיקן לובלין
241 עלילת דם אין פאַרצייטיקן לובלין
242 יידיש לובלין אין די יאָרן ת״ח ות״ך
253 גדולי הדור אין יידישן לובלין
255 רבי און מתנגד
259 די נפילה